STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06372

# GEKLIBENE VERK

David Bergelson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געקליבענע ווערק

פון

# דוד בערגעלסאָן

**III**

ווילנע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

2170

דוד בערגעלסאָן

# אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט

## און אַנדערע דערציילונגען

ווילנע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

D. Bergelson — „In a fargrebter sztot“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

# אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט

## I

דער דרייסיק־יאָריקער בורמאַן, אַ געוועזענער סטודענט, געגאָלט ווי אַן אַקטיאָר, איז צופעליק פאַרזונקען אין פוסטן, צו דער גרענעץ פאַררוקטן דובראָוויטש. ער האָט זיך דאָרטן אין אַ שפּאַס געלאָזט אויסקלויבן פאַר ראַבינער, געוואָרן צו פאַרשלאָפן און צו פויל, אויפגעהערט שרייבן בריוו זיין איינציקער שוועסטער, דער האָרבאַטער מאַסאַזשיסטין, זיך פאַרלאָזט גרויסע בלאָנדע וואָנצעס און האָט אויף אייביק פאַרשפּעטיקט דעם אוניווערסיטעט.

דעם לעצטן זומער האָט ער אינאיינעם מיט „נאַטשאַלסטוואָ“ זיך געבאָדן אַקוראַט צוויי מאָל אַ טאָג אינם אָרטיקן שלענגלענדיקן און תמיד קאַלטן טייכל, געמאַכט פאַלשע „פּריזיוועס“ בשותפות מיטן וואָלאָסט־שרייבער, דעם שיכור, און האָט אַרומגעשפּאַצירט מיט זיין געוועזענער תלמידה מאַניע רימער. זי איז געווען די איינציקע אָרטיקע קורסיסטקע און האָט שבת־נאָך־שבועות חתונה געהאַט מיטן געגרייזלטן פּרויקע טשערקיס. שפּאַצירנדיק האָט אים די ציגיינערש ברוינע מאַניע דערציילט בסוד, אַז דעם מאַן אירן האָט זי נישט איבעריק ליב, אַז די קליינע טיפּאָגראַפיע, וואָס ער האָט דאָ פאַר אירע דריי טויזנט רובל געעפנט, געפעלט איר נישט, און אַז זי וועט אים מן הסתם נישט הערן און וועט צו ווינטער צו אַוועקפאָרן צוריק אויף אירע קורסן.

„ניין, זי מיינט עס טאַקע ערנסט: וואָס וועט זי דאָ זיצן?“

און בורמאַן האָט אַלץ אויסגעהערט און האָט געטראַכט, אַז אָט דאָס יונגע ווייבל, וואָס רעדט צו אים, איז אָקאָרשט צוריק מיט אַ יאָר נאָך געווען אַ פּרייס, אַ בשותפותדיקס און האָט געקערט צו זיי ביידן, צו אים און צו פּרויקען; אַז דענסטמאָל פלעגט יעדערער פון

זיי באַזונדער און בסוד קנייפּן אירע פּוקקע הענט העכער די עלנבויגנס, באָר איצט האָט זי שוין חתונה געהאַט מיט פּרויקען, און ס'איז עפּעס מאָדנע: פּרויקע וווינט מיט איר באַזונדער אין דריי געדונגענע שטיבלעך, און ער, בורמאַן, איז געבליבן איינער אַליין און וווינט, ווי פריער, אין זיין בחורשער קוואַרטיר.

נאָר צום קילן אלול צו האָט מאַניע רימער אָנגעהויבן זעלטן זיך באַווייזן אין גאַס. אין שטאָט האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז זי לעבט שלעכט מיטן מאַן, און בורמאַנען איז שוין לחלוטין נישט געבליבן וואָס צו טאָן. ער איז דערפאַר געוואָרן נאָך אָפּגעלאָזענער, פאַרשלאָפענער און פוילער, און האָט ווידער אָנגעהויבן אַריינצוגיין צו דער פאַרמעגלעכער אַלמנה פערליס און צו איר ציטעריקן רויט-האָריקן מיידל, וואָס האָט געהאַט אַכט טויזנט נדן מיט אַן אונטערגעקויפטן גימנאַזיע-אַטעסטאַט. אין שטאָט האָט מען שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז בורמאַן וועט זי נעמען.

יעדן טאָג נאָכן עסן, ווען די באַיאָרטע, יאָרן-לאַנגע אַלמנה איז שוין לאַנג געשלאָפן אין שטילן חדר, וווּ ס'שטייען נאָך עד היום צוויי בעטן און ס'שמעקט נאָך אַלץ מיט אַלט פאָרפאָלק, איז בורמאַן אַהין אַריינגעקומען דורכן גאָרטן און דורך דער קיך. ער האָט דאָרטן נישט דערקענט דאָס דינסטמיידל, וואָס האָט צעוואַשן פון נאָכמיטאָג דאָס געפעס, און האָט זיך באַלד אַראָפּגעלאָזט אויף דער געפלאָכטענער וויגשטול, וואָס אין זאַל. שעהן-לאַנג איז מיט אים דאָרטן דאָס רויט-האָריקע מיידל געזעסן צווישן ווייכן מעבל מיט די פיל וואַזאָנעס, וואָס האָבן אַמאָל געקערט צו אַן אַלטן גענעראַל, אַן אָנזעצער; זי האָט געלייענט פאַר אים עפּעס אַ ניי נאָך נישט קיין איינגעבונדן און זייער נודנע בוך. זי האָט געלייענט זייער שלעכט, מיט אַ ציטעריק און נישט קיין זיכער קול און מיט שעמעוודיק טעמפּע געדאַנקען וועגן דעם, וואָס בורמאַן איז איר געוועזענער לערער און וועט זי נעמען. איר קול האָט געציטערט די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געהערט, און האָט איר פאַרריכט די גרייזן. איר קול האָט געציטערט נאָכדעם, ווען פאַרלירנדיק דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, האָט בורמאַן איינגעדרימלט מיט אַ נעפּלדיקן אָנדענק וועגן דעם, וואָס אינדרויסן הייבט זיך אָן דער זעלבער האַרבסט, וואָס ביי אים אין דער ראַבינערשער נשמה, און

וועגן דעם, וואָס ערגעץ־ווּ אַרום דעם פּוסטן, צו דער גרענעץ פאַרוואָרפּענעם שטעטל, זענען געוויס פאַראַן גרויסע רעשיקע שטעט, און מענטשן פּילדערן דאָרטן און לעבן; נאָר אים איז דאָס שוין אַלצאיינס, און קיין הנאה וועט ער שוין קיינמאָל דערפון נישט האָבן. ער האָט געדרימלט.

און איינמאָל ביי אַ שלעכט וועטער, ווען ער האָט נאָך אָט דעם דרימל צוריק די אויגן געעפנט, זענען דער אַלמנהס פענצטער, וואָס צום גאָרטן, שוין געווען פיל טונקעלער, ווי תמיד, און געקלאַפּט האָבן אין די שויבן פרישע רעגן־טראָפּנס־טרערן. ער האָט צום אַלעמערשט דערזען דעם מיידלס אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט נישט געקענט טרעפן, ווּ ער געפינט זיך. אין נאָענטן עסצימער האָט שוין געברענט אַ לאָמפּ. ביים טיש מיטן זודיקן סאַמאָוואַר איז דאָרטן געזעסן די נאָר־וואָס אויפגעשטאַנענע אַלמנה. זי האָט געקוקט דורכן פענצטער צום חשוונדיק וויינענדיקן גאָרטן, און געטראַכט וועגן בורמאַנען, וואָס איז דאָ אין שטאָט ראַבינער, וועגן איר מיידל, וואָס האָט אַכט טויזנט נדן, און וועגן דעם, וואָס אַז מען מאַכט אַ קנסמאָל, רופט מען צונויף דעם רב, דעם שוחט מיטן חזן און מיט אַלע קרובים, און ביי דער שיין פון פיל אָנגעצונדענע ליכט ברעכט מען טעלער. צונויפבינדן אָבער אָט די דריי באַזונדערע געדאַנקען האָט זי זיך געפּוילט און האָט נישט געקענט. פון צופיל רו און נאַרמאַל פרושדיק לעבן האָט זי שוין לאַנג פאַרלוירן דעם חשק צו טראַכטן מיט אַ סדר, צו רעדן הויך, צו באַגעגענען זיך מיט שטאָט־ווייבער און צו טראָגן אויף זיך וועמענס עס נישט איז יסורים.

„שבעלע טאָכטער, האָט זי צעקראָכן און אויסגעצויגן אַ זאָג געטאָן אין זאַל אַריין, רוף בורמאַנען טרינקען טיי".

דענסטמאָל האָט זיך בורמאַן באַגעגנט מיטן מיידלס אויגן, וואָס האָבן געלויכטן אין דער פינצטער, ווי רויטע פייערלעך, און האָבן מיט גלוסטיקייט געקוקט אין זיין פנים.

„בורמאַן, האָט זי שטיל פון אָט דער גלוסטיקייט אַרויסגעציטערט, איר זייט, דאַכט זיך, געשלאָפן, בורמאַן..."

אים האָט געערגערט אַ פאַרשלאָפענער עקל צו איר קול, צו אירע רויטע האָר און צו אירע הענט, וואָס האַלטן דאָס בוך. און אין

דער זעלבער צייט האָט ער געפילט, ווי זי גלעט אין דער פינצטער זיין האַנט, פאַרלירט זי, געפינט זי נאָכאַמאָל און גלעט זי ווידער.

פון דענסמאָל אָן האָט ער אויף אַ צייט אויפגעהערט גיין צו דער אַלמנה אין שטוב. ער איז געזעסן ביי זיך אין דער בחורשער קוואַרטיר. דאָרטן איז אַלץ געווען פאַרשטויבט און גרוי; גרוי זענען געווען די ווענט, דער באַלקן; גרוי זענען געווען די הויפנס פאַרשטויבטע קאַזיאָנע ביכער, וואָס האָבן צו אים אַראָפּגעקוקט פון טיש אַזוי אומעטיק, גלייך זיי וואָלטן אים וועלן אומקערן צום ריכטיקן וועג און וואָלטן אים געזאָגט מוסר:

„בורמאַן, גייסט אַרום פוסט־און־פּאַסט, בורמאַן?... וועסט האָבן אַ מיאוסן סוף״.

און ער האָט דאָס אַלץ באַמערקט און האָט אַלץ געוואָלט ביי זיך באַשליסן, צי קאָן ער חתונה האָבן מיט דער אַלמנהס מיידל, צי ניין. שמייכלענדיק צו זיך אין דער נאָז און אין די היפּשע בלאָנדע וואָנצעס, האָט ער געטראַכט, וויאַזוי וועט ער וועגן דעם אין אַ ווערטלדיקן טאָן פרעגן אַן עצה ביי זיין שוועסטער, דער האָרבאַטער מאַסאַזשיסטין:

„ליבע שוועסטער, וועט ער זיך צו איר אין אַ בריוו ווערטלען, איך קוק זיך אַרום אויף מיין גאַנץ לעבן...״ וועט ער זיך צו איר ווערטלען.

## II

צו יענער צייט איז אין שטאָט געשטאָרבן דער אָנגעשטאָפּט רייכער מלך גוי, און פון ניקאָלאַיעוו האָט זיך אומגעקערט זיין אייניקל אלישע, אַ קרעפּטיק און דאַר־גופיק בחורל פון אַ יאָר ניין־און־צוואָנציק. ער האָט געטראָגן אַ נייעם גרויען אנצוג מיט אַ שווערן גילדענעם זייגער אין קאַמזויל־טאַש. ער האָט דאָ געירשנט אַ פאַרוואַקסענע שטוב, וואָס גייט אַרויס מיט די פענצטער צום עקסטן גרינעם שטאָט־פּלאַץ, אַ גויִשע סודנע קאַסע, אַ טאַקסע און מער ווי־צען טויזנט רובל מזומן געלט. ער האָט זיך באַלד צעקריגט מיט גאַנץ קהל, ווייל די שטאָט האָט נישט געוואָלט מקבר זיין זיין זיידן, סיידן

ער וועט פריער געבן פיר טויזנט רובל אויף עולמות. דער אַלטער האָט געפוילט דריי מעת-לעת און איז צו קבורה נישט געקומען; דעמאָלט האָט אלישע אַראָפּגעבראַכט דעם סטאַנאָוואָי און האָט אַליין מיט דער הילף פון אַ פּאָר צוגעשטעלטע סטראַזשניקעס דעם אַלטן זיין רעכט געטאָן.

האָבן די קרעמער באַלד גענומען אָנרייצן אויף אים די קצבים און האָבן אויסגעפירט, אַז זיי זאָלן אויפהערן קוילן, כּדי ער זאָל דערלייגן צוויי הונדערט רובל אַ וואָך. חשובע באַלעבאַטים האָבן זיך געטרייסט:

„וואָרט, אַז אַ גאַנצע שטאָט וויל, אַז מלך גויס אייניקל זאָל אַרומגיין אין די הייזער, וועט עס איה"ש מקוים ווערן".

און ער איז בײַ זיך נישט אַראָפּגעפאַלן. ער האָט געסטראַשעט, אַז אויף צולהכעיס די קרעמער וועט ער עפענען אַ קלייט פון מאַנו-פאַקטור מיט אַ צווייטער טיפּאָגראַפיע, און אַליין איז ער אָפּטמאָל געשטאַנען אין פענצטער פון זיין גערירשנטער שטוב און האָט געווונקען אויף די פיל יידישע הייזער, וואָס שפּרייטן זיך אַראָפּ, צום קיילעכדיקן מאַרק צו:

„ס'וועט איר נמאָס ווערן, דער פאַרדריפעטער שטאָט... ס'וועט איר נמאָס ווערן".

ער איז, אַפּנים, פון תמיד אָן געווען אַ גאַנץ פרייליכער נפש אָט דער אלישע אָסנת. און אין שטאָט האָט מען נאָך דערצו געוווּסט, אַז ער האָט נישט לאַנג חתונה געהאַט מיט אַ מעזשביזשער מיידל, אַ באַרימטער פאַרשוין, אַז ער האָט בײַ איר קיין פּרוטה נדן נישט גענומען און גרייט זיך זי אַראָפּצוברענגען, וויבאַלד ס'וועט אים אָנ-קומען דאָס ניי-אויסגעשריבענע ווייכע מעבל.

באַגעגענענדיק איינמאָל בורמאַנען אין גאַס, האָט ער זיך צו אים לייטיש פאַרנייגט, געטאָן אויף אים געשווינט אַ בלאָנזשע מיט די אויגן, און האָט אויך אַזוי געשווינט אויסגעשריגן:

„גאָט העלף אייך, פּאַני ראַבינער! וואָס הערט זיך עפּעס מיט די וויבאָרעס?"

בורמאַנען איז דענסטמאָל אַריין אין איין אויג דער רויך פון זיין פּאַפּיראָס, און דאָס צווייטע אויג האָט געקוקט אויף אלישען

עטוואָס פאַרחידושט און איראָניש־שמייכלדיק. וועגן זייַנע נייַע ראַבינער־וואַלן האָבן זיך ווירקלעך צו יענער צייַט פאַרשפּרייט פאַרשידענע אומאָנגענעמע קלאַנגען. נאָר מיט אָט דעם נייעם בעל־טאַקסע איז ער לחלוטין נישט געווען באַקאַנט, ער האָט נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערן, און האָט זיך געפילט שלעכט. נאָר אלישע האָט שוין געהאַט דערזען דעם שוואַרץ־געגרייזלטן פרויקע טשערקיסן, וואָס קערט זיך אום פון זייַן טיפּאָגראַפיע, און האָט אויף אים אָנגעשטעלט זייַן פלאַך מאַטגעלבלעך פּנים, מיט די גרויע, פלוידערדיקע אויגן:

„פרויקע לעמעשקע! האָט ער אים דערמאָנט זייַן צונעמעניש פון צוריק מיט אַ יאָר צוואָנציק, בשעת זיי ביידע האָבן דאָ אין שטאָט געלערנט אין איין חדר, קוק אים נאָר אָן!... אַ גאַנצער לייַט געוואָרן... ס'שטייט אים שוין אַפילו נישט אָן זיך אומצוקוקן”.

פרויקע, דער קלוגעטשקער און תמיד אויסגערעכנטער האַלבער קמצן, האָט זיך איצט לחלוטין מיט קיינעם אין שטאָט נישט אָנגעקערט. אָקאָרשט מיט אַ צוויי־דריי חדשים פאַר זייַן חתונה איז ער נאָך עטלעכע מאָל אין טאָג פריילעך געלאָפן צום ראַבינער אויף זייַן קוואַרטיר און האָט געהאַט אַ טבע צו קנייפּן אים ביי דער פּעטער ברוסט און צו שרייַען בשעת מעשה אויפן קול, כדי ס'זאָלן דערהערן די אַרומיקע שכנים:

„טוט נאָר אַ קוק: ווי ביי אַ מיידל!... ווי איך בין אַ ייד, ווי ביי אַ מיידל”.

און איצט האָט ער שוין געהאַט באַקומען אַן אויסגעצויגן פאַרהאָרעוועט און נישט קיין געגאָלט פּנים און איז גאַנצע טעג געווען שטאַרק פאַרטאָן ביי זיך אין טיפּאָגראַפיע. נאָר זעלטן־ווען פאַרנאַכט האָט מען אים אַמאָל געקאָנט זען צוזאַמען מיט זייַן ווייבל די גאַס דורכגיין, און אויך דענסמאָל, אויב עמעץ האָט אים אָפּגעשטעלט, האָט ער באַלד דאָס ווייבל זייַנס, ווי אַ ציטעריק הייליקטום, אונטער דער האַנט אָנגענומען; ער האָט זיך געמאַכט גלייַך, ווי ס'איז גאָרנישט, אָט וואָס אַלע ווייסן, אַז זי האָט אים נישט ליב, און האָט זיך געאיילט מיט איר אַהיים; זייַן פאַרהאָרעוועט פּנים האָט דערביי אויסגעזען אַזוי ברוגז און פאַרעקשנט, גלייַך ער, דער נישט־לאַנג חתונה־געהאַטער, האָט זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאָרגענומען אָנצוזאָגן אין

געשעפט און אינדערהיים דאָס, וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט אין די זיבן־און־צוואָנציק יאָר פון זיין פּוסטן עקסטערנישן לעבן.

אויף אלישען איז ער געווען אין כעס פאַר דער צווייטער טיפּאָגראַפיע, וואָס ער האָט געסטראָשעט עפּענען. ער האָט אים געענט־פערט גלייכגילטיק און קאַלט, ווי בטלענדיק חלומות:

„ווער מען שטייט נישט אָן? ווער איז ביי זיך אַ גאַנצער לייט געוואָרן?"

און באַלד איז צווישן זיי דאָ אינמיטן גאַס אויסגעבראָכן עפּעס אין זין פון אַ קריג. נייגעריקע דורכגייער האָבן זיי אַרומגעשטעלט אין אַ קליין רעדל און האָבן געהערט —

אלישע האָט פּרויקען אויסגעוואָרפן:

„מיינסט, איך ווייס נישט, אַז דו ביסט מיר דער זעלביקער שונא, וואָס די גאַנצע שטאָט? מיינסט, איך ווייס נישט, אַז דו רייצסט אויף מיר הינטן־אַרום די קצבים?"

און פּרויקע האָט אים געענטפערט, אַז ער האָט אין דער ערד אים מיט דער גאַנצער שטאָט; אַז סך־הכל דאַרף ער אים, אלישען, פון תמיד אָן אויף כפרות, נאָר ווײַבאַלד ער האָט אים שוין אָפּגע־שטעלט, וועט ער אים טאַקע זאָגן, אַז ס'איז אויף אים אַ גרויסע מצווה...

„האָט ער נישט געזאָלט אָנהייבן מיט אַ גאַנצער שטאָט... האָט זיך אים נישט געזאָלט גלוסטן אַליין צו באַגראָבן דעם ייִדן".

יאָ, ער איז געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט שונאים, אָט דער פריילעכער אלישע און האָט נישט געהאַט צו וועמען אַ לעבעדיק וואָרט אויסצורעדן. עטלעכע טעג האָט ער אַרומגעבלאָנזשעט אין גאַס, ווי אַ שאָטן, און נאָכדעם האָט ער זיך ווידער מישב געווען, אַז ער הערט אָט די גאַנצע שטאָט, ווי דעם פאַראיאָריקן שניי. ער איז אַוועקגעפאָרן מיט אַ געדונגענעם פאַעטאָן קיין מעזשביזש און האָט זיך פון דאָרטן אין איינעם אַ פאַרטאָג אומגעקערט אינאיינעם מיט זיין יונג ווייב, דער פאַרשוין.

אין יענעם טאָג איז ער שוין ווידער געווען שטאַרק אויפגעלייגט און צופרידן. און אַז ער האָט דאָס ווייב זיינס צום ערשטן מאָל אַרויסגעפירט אויפן עקסטן ליידיק גרינעם שטאָט־פלאַץ, האָט ער

געהאַט אויף כּפּרות די גאַנצע שטאָט, די קצבים, וואָס קוילן נישט, און די צוויי הונדערט רובל, וואָס ער דערלייגט יעדער וואָך. אויף צולהכעיס שונאים האָט ער געריעדט צו איר צו הילכיק און צו גיך:

„זעסטו, פּראַדאָטשקע: אָט דאָרטן אין עק, ביי די טאָפּאָלן, וווינט דער קסיאָנדז. ער האַלט אויף ביי זיך צוויי מיידלעך... וואָס, נאַרעלע, גלויבסט מיר נישט? ווי איך בין אַ ייד... ער זאָגט, אַז זיי קערן אים אָן געשוועסטערקינדער".

אַרום און אַרום איז מען געשטאַנען ביי די טירן און מ'האָט אויף איר געקוקט. זי איז געווען מיט אַ גאַנצן קאָפּ העכער פון אלישען און פון פּרויקעס געפּאַקטן און שוואַרץ-חנעווודיקן ווייבל, און אַז זי האָט אין שוואַרצן שמאָלן קליידל אָנגעשטעלט אַ פוס אויף אַ שפּאַן צו טאָן, האָבן זיך צו אים נישט-ווילנדיק אַראָפּגעלאָזן אַלע אַרומיקע מאַנסבילשע אויגן; גלייך אין אָט דעם היפשן און שלאַנקן פוס ליגט עפּעס אַ גאַנצער מעזשביזשער קונץ, און ס'איז כדאי צו זען, וואָס וועט פאָרקומען מיט אים און מיט איר גאַנצער וווקסיקער פיגור, בשעת זי וועט דעם פוס נאָכאַמאָל אַ הייב טאָן און וועט אים נאָכאַמאָל אויף דער ערד אַראָפּשטעלן.

איר פּנים איז געווען אַ מאַט-טונקלס, אַ לענגלעכס מיט קוים אָנזעענדיקן פוך אויפן אָרט פון קליינע ווייבערשע וואָנצעלעך, מיט שוואַרצע, גרויסע אויגן און מיט נאָך מער שוואַרצע געקירצטע און געגרייזלטע האָר.

צוויי שניידער-יונגען, וואָס זענען מבינים אויף געטאָקט גלייכע ווייבערשע פּלייצעס, האָבן זיך באַלד געוועט, צי אונטער דעם גרינעם קורץ-אַרבלדיקן קאָפטל, וואָס לאָזט פריי דעם היפשן און פולן האַלז, טראָגט זי אַ העמד, צי ניין. איינער האָט דאָרטן בכיוון אויסגעשריגן אויף אַ קול:

„נאַר איינער, ס'איז היינט אַזאַ מאָדע, ווי איך בין אַ ייד... ווייבער טראָגן נישט קיין העמדער".

נאָר אלישע האָט זיך צו אים נישט אומגעקוקט. ער האָט דער-זען בורמאַנען שטיין לעבן די פענצטער פון זיין קוואַרטיר, איז ער

צו אים צוגעגאַנגען ווי צו אַן אַלטן גוטן־פריינט, אים באַקאַנט געמאַכט מיטן ווייב און האָט ביי אים לייטיש אַ פרעג געטאָן:

„ווי געפעלט אייך, פּאַניע ראַבינער, דער וואַרעמער דרויסן מיט אָט דעם גאַנצן אַרום־און־אַרום? איאַ, שיין ביי אונז אין שטאָט?"

און זי איז געשטאַנען אין זיין לינקער זייט מיט איר גאַנצער היפּשער און גלייכער וווקס און האָט באַטראַכט מיט די אויגן „דעם גאַנצן אַרום־און־אַרום". ער איז באַשטאַנען פון אַראָפּגעלאָזטע, צו דער שטאָט גריבלדיקע בערג און פון גערונצלטע שנורן וואַלד, וואָס גרענעצן אינדערהייך מיט בלויער לופט אין מיטן ווייטן הימל.

„יאָ, האָט זי קוקנדיק אַהין, שטיל און זיכער איבערגעחזרט, מ'קען זיך דאָ אוסטרויען".

דערביי האָט איר פּנים אויסגעזען אַזוי ערנסט און געשטעלט, גלייך זי שלעפּט זיך שוין יאָרן־לאַנג אַרום פון ישוב צו ישוב, כּדי צו געפינען אַן אָרט, אויף זיך צו „אוסטרויען", איצט האָט זי אים סוף־כּל־סוף געפונען צווישן אָט די אַראָפּגעלאָזטע געגריבלטע בערג; ער איז איר אַפילו שווער אָנגעקומען, נאָר סוף־כּל־סוף האָט זי אים געפונען.

בורמאַן איז נאָכדעם אָפּגעשלאָפן מער פון צוויי שעה ביי זיך אין דער בחורשער קוואַרטיר, און נאָכן שלאָף איז ער דורכגעגאַנגען פאַרביי די פענצטער פון אלישעס שטוב און האָט געזען די לאַנגע בכּבודיקע פאָרהאַנגען, וואָס זי האָט שוין באַוויזן אויף זיי פונאַנדער־צוהענגען. פון הינטער איינעם פון זיי, אַן אונטערגעהויבענעם און אַ פאַרוואָרפענעם אַביסל אָן אַ זייט, האָבן זיך געהערט די קלעפּ פון אַ קליינעם האַנט־העמערל; ס'האָט זיך געמאָלט די קילקייט, וואָס אינ־ווייניק, אין חדר, די הויכע שטולן, וואָס אין די פריש אָנגעצויגענע טשעכאָלן, און זי, אלישעס ווייב אַליין. זי איז דאָרטן געשטאַנען לעבן דינסטמיידל, וועלכע איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ קליין צוגעשטעלט טישל, און האָט איר באַוויזן:

„שלאָגט אים, זייט מוחל, אַביסל העכער, דעם טשוואָק... נאָך העכער".

דענסטמאָל האָט דער ראַבינער געטאָן אַ שמייכל צו זיך אין דער נאָז און אין די היפּשע בלאָנדע וואָנצעס און האָט זיך

אַוועקגעדרייט צו יענעם ווייטן פלאַץ־ווינקל, פונוואַנען ס׳האָט זיך אַהער קוים אָנגעזען די שילד פון טשערקיסעס טיפּאָגראַפיע. איצט האָט דער שמייכל זיינער געהייסן:

„מענטש איינער, קענסט נאָך אָפּלעבן אַ שיינעם טאָג: אַהער אין שטאָט איז אַראָפּגעקומען אַ שיין און טשיקאַווע ווייבל".

III

אויף מאָרגען, אַרום עלף אַזייגער אינדערפרי, איז דער ראַבינער שוין געזעסן מיט אַלישעס ווייבל אין יענעם זעלבן חדר, ווו נעכטן איז איינער פון די פאַרהאַנגען געווען אונטערגעהויבן, און האָט מיט איר לייטיש שעמעוודיק פאַרבראַכט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז געניט וועלטלעך און קלוג. די מעזשבּיזשער אָפיצירן, וואָס האָבן זיך מיט איר פון פערצן יאָר אָן אַרומגעדרייט, האָבן, אַפּנים, מיט איר גענוג אויסגעשטודירט, און איצט האָט זי זיך שוין ביי קיינעם נישט באַדאַרפט לערנען, וויאַזוי צו רעדן מיט אַ מענטשן. איטלעכס מאָל, וואָס ער, דער ראַבינער, האָט איר דאָ אין חדר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, האָט זי זיך פריילעך צעלאַכט, צורעכט געמאַכט אויף זיך די האָר און האָט אויף אַ ווערטל געשריגן צו אַלישען אין קאַבינעט:

„אַלישע, דו הערסט, ווי דער הער ראַבינער געפינט מיך?"

דערצו איז איר קול בשעתן לאַכן געווען אַזאַ זאַפּטיקס, ס׳האָט זיך געוויגט אינאיינעם מיט איר גאַנצן שלאַנקן קערפּער און דערציילט האָט עס, פאַרוואָס זי האָט אַ געפיל אין אַ שיינעם מאַנסביל און פאַרוואָס זי האָט ליב אַלעמאָל אַריינצוּוואַרפן אין שמועס:

„האָב איך אין מעזשבּיזש איינעם אַ באַקאַנטן, אַן אָפיציר..."

ביים צווייטן וויזיט בורמאַנס האָט זי זיך שוין מיט אים פאַרמאָסטן, ווער איז העכער און ווער ווועמען וועט טאָן אַ בעסערן קוועטש אין דער האַנט. ביים דריטן וויזיט איז זי אויף זיין פאַרלאַנג שוין געזעסן ביי דער גלאַנציק־שוואַרצער פּיאַנאָ, וואָס זי האָט פון דער היים מיטגעבראַכט, און האָט אים אויסגערעכנט אַ גאַנצן צעטל פון פּיעסעס:

זי קאָן אים שפּילן „בוריאַ נאַ וואָלגע" און די רומענישע

„דעדוינאַ” און „אַווע מאַריאַ”, נאָר אויב „אַווע מאַריאַ”, קען זי עס אויסווייניק און דאַרף דערצו די נאָטן נישט האָבן; ס׳הייבט זיך אָן אָט אַזוי...

נעמענדיק גרויסע געשווינטע פּאַסאַזשן, זענען אירע פינגער פלינק און פריי אַרומגעלאָפן איבער דער גאַנצער לענג פון דער קלאַוויאַטור און האָבן געוואָרפן אין דער חדר-לופט איין כוואַליע טענער נאָך דער צווייטער. לויט בורמאַנס מיינונג, האָט זי געשפּילט קונציק, אויסגעצייכנט. נאָר זי אַליין האָט דערויף קיין מינדסטע אָנשטרענגונג נישט געמאַכט און האָט נאָך אין דער זעלבער צייט גערעדט צום דינסטמיידל, וואָס האָט זיך באַוויזן רעכטס פון פּיאַנאָ, אין דער טיר; איבעררייסנדיק דאָס שפּילן, האָט זי דעם דינסטמיידל געזאָגט, אַז מאָרגן וועט זי שוין אַליין גיין מיט איר אין מאַרק, און אַז די ווייסע חלה איז גוט צו באַשיטן נישט מיט קימל, נאָר מיט מאָן.

ביים פערטן וויזיט האָט זי אים שוין נאָך איר אייגענעם געשמאַק איבערגעבונדן דעם פּאָווער און אים צורעכט געמאַכט פון הינטן דעם קאָלנער פון רעקל אַזוי, אַז דער קראַגן זאָל נישט אַרויסשטעקן. בורמאַן אַליין האָט זי שוין געפּאָלגט, ווי אַן אָקס, געשמייכלט צו זיך אין דער באָז און אין די בלאָנדע וואָנצעס, און געטאָן אַלץ, וואָס זי האָט געהייסן. דער מוח מיט די אויגן זענען אים שוין געוואָרן שיכּור איטלעכס מאָל, וואָס זיין האַנט האָט זיך אָנגערירט אָן אירער, דער וואַרעמער און ווייכער. און אויף וויפל ס׳האָט אים געקלעקט זכּרון פון זיין אַמאָליקער פּראַקטיק, האָט ער געדענקט, אַז צו אַזעלכע פרויען דאַרף מען צוטרעטן פון אָנהייב אָן מיטאַמאָל.

און אין יענעם זעלבן פרימאָרגן האָט זיך מיט אים געטראָפן דאָס אומאָנגענעמע געשעעניש:

ס׳איז אויסגעקומען אַזוי, אַז צוליב אַ דורכפאָרנדיקער פּריצישער פור זענען זיי ביידע געשטאַנען אַריינגערוקט מיט די קעפּ אין איינעם אַן אָפענעם פענצטער, און ער האָט דענסטמאָל געפילט די וואַרעמקייט פון אירער אַ גאַנצער שטייף צוגעטוליעטער זייט און האָט זיך פאַרזיכטיק און פּאַמעלעך אַרומגעקוקט, צי קיינער, חוץ זיי, איז אין חדר נישטאָ. ער האָט שוין אַפילו געהאַט אויסגעצויגן זיין האַנט אַרונטער, כּדי זי אַרומצוכאַפּן פאַר דער טאַליע און זי מיטאַמאָל טאָן אַ דריק צו צו זיך. נאָר פלוצלינג האָט זי זיך מיט איר גאַנצן קערפּער געטאָן אַ דריי אַרויס

אַזוי פלינק, אַז די געקירצטע שוואַרצע האָר זענען איר אַריבער איבערן פּנים, און האָט אים פאַר אָט דער האַנט אָנגעכאַפּט.

„בורמאַן, האָט זי געזאָגט גלייכגילטיק און קאַלט, באַפרייענדיק די האָר פון פּנים און צושפּילנדיק הינטן אַ קנעפּל פון קאָפּטל, אַזוי טוט מען נישט...״

בורמאַנען האָט זיך דענסטמאָל אַריינגעגאָסן דאָס גאַנצע בלוט אין פּנים, און אים אַליין איז שוין געווען שטאַרק מאָדנע, וואָס אָט דאָס מיט בלוט פאַרגאָסן פּנים שמייכלט נאָך. נאָר זי איז שוין לעבן אים נישט געווען. האַלטנדיק זיך מיטביידע הענט גרינג פאַר דער טאַליע, האָט זי פּאַמעלעך אַוועקגעשפּאַנט אין צווייטן חדר, דעם עסצימער, און פון דאָרטן ווייטער, אין קאָרידאָר אַריין. ס׳האָט זיך געהערט, ווי זי זאָגט דאָרטן הילכיק צו אלישען אין קאַבינעט אַריין:

„אלישע, וואָלסט געמעגט הייסן אָפּוואַשן דיינע קאַלאָשן; זיי שטייען בלאָטיקערהייט באַלד ביים אַריינקומען ביי דער טיר״.

בורמאַן האָט נאָכדעם געדונגען אַ בעל־עגלה און איז אַוועקגעפאָרן אויף נאַכט קיין קאַמענעץ, ער האָט אַהין שוין לאַנג באַדאַרפט האָבן. די גאַנצע מעשה מיט אלישעס ווייבל האָט זיך געדוכט נישט מער, ווי אַ נאַרישקייט. זי, די מעזשביזשער פאַרשוין, איז סיי־ווי־סיי געווען פאַרשמט אין דער געגנט און האָט זיך פון פערצן יאָר אָן מיט אָפּיצירן אַרומגעשלעפּט...

אין קאַמענעץ איז ער געוואָר געוואָרן, אַז זיין פאַרגרעבטע שטאָט שטעלט טאַקע אַרויס צו ווינטער צו אַ נייעם קאַנדידאַט אויף ראַבינער, עפּעס איינעם פון אירע קרעמערס אַ זון, וואָס איז אין אַדעס אַ הויז־לערער; ער האָט זיך אויך דערוווסט, אַז אין „גראַנדהאָטעל״ קוקט זיך שוין די צווייטע וואָך אָן מיט אַ חתן דער אַלמנה פערליסעס רויט־האָריק מיידל. דער היימישער אַלטער שיכור, דער שדכן, האָט אים דאָרטן אָפּגעשטעלט אויפן טראָטואַר, געהאָכקעט אויף אים מיטן ריח פון אויסגעטרונקענעם בראָנפן און אים דערציילט, אַז דער שידוך גייט צו, אַז דערפאַר איז שוין אַהין אַרויסגעפאָרן אויך די אַלמנה אַליין און מאַכט זיך און דעם מיידל נייע קליידער צום קנסמאָל; ער האָט אים דערציילט, אַז אלישעס ווייב איז נישט קיין לייט, און אַז איינער אַ מעזשביזשער שדכן האָט אים נעכטן דאָ אין גאַס אָנגעוויזן דעם

מעזשביזשער אָפיציר, דעם דראַגון, מיט וועמען זי האָט אַ יאָר צייט געלעבט.

„טאַקע באמת?" האָט ער ביים אַלטן שיכּור איבערגעפרעגט און האָט דערביי לצנותדיק אַ שמייכל געטאָן צו זיך אין די וואָנצעס.

און אַליין האָט ער נאָכדעם אָן שום באַדערפעניש אַרומגעבלאָנדזשעט איבער דער רוישיקער גאַס און האָט געזען, וויאַזוי די אַלמנה מיט איר מיידל שפּאַנען דאָרטן אַרום פון איין מאַנופאַקטור-קלייט אין דער צווייטער, וויאַזוי ס'באַפאַלן זיי פאַר יעדער קלייט מיט גרויס שמחה די משרתים, און וויאַזוי ס'שלעפּט זיך זיי נאָך אַ ווייבערשער שניידער, אַ פוטער-אונטערקלייבער און אַ קאַמענעצער מיידל, אַ מאָדיסטין.

אים אַליין איז שוין געווען אַ חידוש, וואָס עס אַרט אים נישט קיין זאַך, אַפילו זיין צוגעטראָגן אָנטאָן, וואָס איז שוין אַביסל אָפּגעריבן און פּאַסט שוין לחלוטין נישט פאַר אָט דער צוגעפּוצטער שטאָט. אים האָט נאָר געצויגן צוריק אַהיים, צו אלישעס שטוב, און דער עיקר, צו דעם שלאַנק-וווקסיקן קורץ-האָריקן ווייבל, וואָס האָט אים, בורמאַנען, קיין סקאַנדאַל נישט געמאַכט, און וואָס קיינער ווייסט נישט אויף געוויס, פאַרוואָס זי האָט פלוצים גענומען און חתונה געהאַט פאַר אלישען. איצט האָט זיך קלאָרער, ווי פריער, געמאָלט איר קול, וואָס ער האָט נעכטן פאַרן אַוועקפאָרן דערהערט צו זיך אין צימער, און פאַרגעשטעלט האָט ער זיך, וויאַזוי ער איז דענסטמאָל מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געשטאַנען אַריינגערוקט אינם ווינקל, וואָס ביים אָפענעם פענצטער, און האָט געהערט, ווי אין צווייטן נאָענטן הויף רעדט זי מיט דער שליאַכעטין, דער וועשערין, און זאָגט איר:

„אויב די שליאַכעטין וועט איר וואַשן אָרנטלעך, וועט זי ביי איר תמיד האָבן אַרבעט אויף צוויי טעג אין וואָך".

איבערמאָרגן אַרום צוויי אַזייגער ביי טאָג, ווען בורמאַן האָט זיך ביי זיך אינדערהיים געהאַט אויסגעשלאָפן פונם וועג און האָט זיך נאָר-וואָס אַרויסגעוויזן אויפן עקסטן שטאָט-פּלאַץ, האָט אים אלישעס ווייב באַלד דערזען פון דער ווייט; זי איז געשטאַנען אין אָפענעם פענצטער פון איר שלאָפצימער און האָט אים אַהין צוגערופן.

„בורמאַן, האָט זי אים געזאָגט צו גיך, און האָט זיך פאָרזיכטיק אַרומגעקוקט אין די זייטן, וואָס זייט איר משוגע געוואָרן און זייט

פאַרשוווּנדן?... איך בין נעכטן געווען דריי מאָל ביי אייך אין קוואַרטיר".

און בעת מעשה האָט זיך איר איינגעגעבן אים אַ גלעט צו טאָן איבער די האָר אַזוי קונציק און אַזוי שנעל, אַז דער קרעמער, וואָס איז געשטאַנען אַקעגן אין טיר פון זיין מעל-קלייטל, האָט עס אַפילו נישט אָנגעהויבן צו באַמערקן.

זי איז געווען אָנגעטאָן אינם גרינעם קורץ-אַרבלדיקן קאָפּטל, און די אויגן זענען ביי איר געווען פאַרשיכורט. ער האָט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי קוקט זיך איצט אַרום פּאָרזיכטיק אין די זייטן און נאָך וואָס זי רופט אים אינווייניק אין שטוב. איז ער אַהין געגאַנגען מיט אַ שמייכל צו זיך אין דער נאָז און מיט פאַרפלאָנטערטע געדאַנקען; ער האָט געוווּסט אויף קלאָר, אַז אלישע איז איצט נישטאָ אינדערהיים, און אַז ער, בורמאַן, איז איצט מפקיר זיין לעבן: סיי-ווי-סיי האָט ער דאָך שוין נישט וווּהין אַוועקצוגיין פון אָט דער שטאָט, וואָס שטעלט אַרויס צו ווינטער צו אַ נייעם קאַנדידאַט אויף ראַבינער. אַריבער-טרעטנדיק מיט איר די שוועל צו איר אין שלאָפצימער, איז ער דענסטמאָל מיט זיין אייגענעם שכל געקומען צו אַ שפּיגל-נייעם געדאַנק, אַ חקירה:

„נאַר איינער, די וועלט איז בלאָטע... ווי איך בין אַ ייד".

און ער האָט אַליין מיט אַ רוקייט פון אַ באַלעבאָס פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

## IV

די קורסיסטין מאַניע רימער האָט זיך געוואָלט גטן מיט פּרויקע טשערקיס, איר מאַן. וועגן דעם האָבן געוווּסט אַלע אין שטאָט און ביי אלישען אין שטוב.

אלישע אַליין האָט זיך איינמאָל אינדערפרי אומגעקערט פון מאַרק און האָט פריילעך דערציילט פראַדאָטשקען און בורמאַנען, וואָס זענען געזעסן איינער אַקעגן אַנדערן אין זאַל:

„הערט אַ מעשה: זי וואַרפט דאָך אים טאַקע אַוועק, פּרויקען".

כדי מ׳זאָל אים מער גלויבן, האָט ער זיך באַלד געשווױרן אויפן קול:

„ווי איך בין אַ ייד, נאַרישע מענטשן, וואָס איר זייט! ס׳איז דאָרטן איצט אַ פולע שטוב מיט קולות. מאַניע מאָנט ביי אים אַרויס אירע דריי טויזנט רובל ירושה און וויל אַוועקפאָרן צוריק אויף די קורסן״.

פראַדאָטשקע האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ. נישט אומזיסט האָט זיך אלישע באַרימט, אַז אין איין רגע קאָן זי צונויפרעכענען אויפן קאָפּ וויפל גילדן מ׳וויל. און כאָטש ס׳איז נאָך קיין צען מינוט נישט געווען אַריבער, זינט צווישן איר מיט בורמאַנען זענען דאָ אין זאַל פאָרגעקומען גאָר־נישט קיין אָנשטענדיקע זאַכן, האָט זי זיך דאָך נישט פאַרלוירן און האָט גלייך אָפּגעפרעגט סוחריש און קלוג:

„אַ משל, ווי וועט איר פרויקע נעמען אָפּצוגעבן, אַז ער האָט אירע דריי טויזנט רובל אַריינגעבראָקט אין טיפּאָגראַפיע?״

און דער ראַבינער בורמאַן האָט דערויף גאָרנישט נישט געזאָגט. לייטיש מיט איין פוס אַריבערגעוואָרפן איבערן צווייטן און מיט אַ מינע פון אַ מענטש, וואָס שטייט העכער פון אָט דעם גאַנצן שמועס, איז ער געזעסן אַקעגן פראַדאָטשקען אין דער ווייכער שטול און האָט געשוויגן, ווי אַ געזעצטער ענגלישמען. אַליין האָט ער זיך לויט פראַ־דאָטשקעס פאַרלאַנג געהאַט אָפּגעגאָלט די וואָנצעס און איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שפּאָגל־נייעם שוואַרצן האַרבסט־רעקל. דאָס רעקל איז געווען פאַרשפּיליעט ביזן סאַמע האַלז, און פראַדאָטשקע האָט עס אויף אים פריער אַביסל אַרומגעטאַפּט פון אַלע זייטן און האָט זיך געשווױרן, אַז איבער זיין וווקסיקער פיגור זעט ער אין דעם אויס, ווי אַ יונגער דאָקטאָר. איצט האָט ער זיך דערפילט שלעכט, וואָס אלישע איז פּלוצים אָנגעקומען פון גאַס, און האָט אים אין די אויגן נישט געקענט קוקן. נאָר פראַדאָטשקע האָט אַפילו דאָס אויך באַמערקט. זי האָט אים הינטן־אַרום געגעבן אַ קניפּ און האָט אָנגעוויזן אינדרויסן אַרויס:

„זע נאָר, אָט גייט ער, דוכט זיך, פרויקע״.

און אַלע האָבן באַלאַגערט דאָס פענצטער און האָבן גענומען קוקן, ווי פרויקע שפּאַנט צו זיך אין טיפּאָגראַפיע. ניין, אויף אָט דעם שוואַרץ געגרייזלטן קמצן איז לחלוטין גאָרנישט נישט געווען צו דערקענען.

ער איז, ווי פריער, געווען שטאַרק פאַרהאָרעוועט ביי זיך אין געשעפט און האָט, דוכט זיך, נאָך מיט מער עקשנות געקליבן אַ קאָפּיקע צו אַ קאָפּיקע.

דער ראַבינער איז טאַקע דענסטמאָל פון אלישען אַוועקגעגאַנגען גלייך צו פרויקען אין טיפּאָגראַפיע. ער האָט דעם גאַנצן וועג אַהין געשמייכלט צו זיך אין דער נאָז און האָט זיך דאָרטן באַלד ביים אַריינקומען אַראָפּגעלאָזט אויף עפּעס אַ שווערן און אומריינעם טיפּאָגראַפיע־קאַסטן.

„נאַר איינער, האָט ער דערביי צו פרויקען אַ זאָג געטאָן, די וועלט איז בלאָטע, ווי איך בין אַ ייד...״

געמיינט האָט ער דערמיט זיך, זיין הילפּסלאָזע לאַגע אין אָט דער שטאָט, וואָס איז שוין צו אים שטאַרק אָפּגעקילט געוואָרן און שטעלט אַרויס אַ נייעם ראַבינער־קאַנדידאַט; געמיינט האָט ער אויך די געשעעניש, וואָס קומען איצט פאַר צווישן אים מיט אלישעס ווייב, און טאַקע אים, פרויקען אַליין, וואָס מאַניע וויל אים אַוועקוואַרפן. אויף פרויקען אָבער האָט זיין נייער געדאַנק קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט. זיין טיפּאָגראַפיע איז געווען פאַרוואַלגערט מיט צוויי עקסטרע־באַשטעלונגען פון דער זעמסטוואָ, האָט ער אַליין מיט שטאַרק שוואַרצע הענט געהאַלטן אין איין זוכן עפּעס אַ נייעם מין שריפט, זיך געבויגן אונטער אַ טיש אַרונטער און האָט פון דאָרטן געענטפערט גלייכגילטיק און קאַלט, ווי אויף אַ זאַך, וואָס ער ווייסט עס שוין פון לאַנג:

„אַוודאי בלאָטע... מענטש איינער, וואָס זשע? ס׳איז אַ נייעס ביי דיר?״

און באַלד איז ער אַריין אין צווייטן חדר, ווו ס׳האָבן געאַרבעט צוויי זעצער, און האָט דאָרטן אַ קאָמאַנדעווע געטאָן אויפן קול:

„פאַרטיק, אַ? וואָס זשע שווייגסטו, חכם מיינער? וועק אויף דעם גוי!... נו דו! לאָז די מאַשין, אויסציען וועסטו זיך ביים ווייב אין פּאָדעליק״.

נאָך אינגיכן איז שוין געווען אַ פרימאָרגן, ווען בורמאַן איז נאָכ־אַמאָל געזעסן ביי אלישען אין שטוב. אלישע אַליין האָט אים דענסטמאָל

פון גאַס אַרייַנגעשלעפּט און דערבײַ פרײלעך אויסגעשריגן צום ווייַב אין שלאָפצימער:

„נאַ, פּראַדאָטשקע, כ׳האָב דיר געבראַכט דעם ראַבינער, קום אַהער גיכער... שפּיל אים אַביסל אויף דער פּיאַנאָ״.

באַלד איז ער צו אים צוגעשטאַנען מיט טינט און פעדער און מיט אַ ליידיקן בויגן פּאַפּיר:

„אַנו, פּאַני ראַבינער, ציקלט מיר נאָר אויס אַ פּראָשעניעלע צום מיראָוואָי. נאָר עפּעס אַזוי קונציק, ס׳זאָל נעמען די לעבער״.

און כדי דער ראַבינער זאָל זיך נישט באַליידיקן, האָט ער גלייך פּראַדאָטשקען צוגעגעבן:

„נאַרעלע, ער קען, ער קען; ס׳וואָלטן זיך ווינטשן אַזוי קענען דײַנע מעזשביזשער אַדוואָקאַטן״.

פּראַדאָטשקע איז אַרויסגעקומען אין שטוב־כאַלאַט פון שלאָפצימער און האָט געפּונען, אַז בורמאַן איז אַראָפּ פון פּנים, מ׳דאַרף אים דעריבער נישט מיד מאַכן מיט פּראָשעניעס־שרייבן.

„זאָל בעסער אלישע אַזוי גוט זיין און זאָל הייסן אַרײַנטראָגן פאַרן ראַבינער אַ הייס גלאָז מילך״.

אלישע האָט זיך נאָר אויף איין רגע אָוועקגעדרייט, איז זי שוין געזעסן גאָר נאָענט לעבן בורמאַנען, און איינע פון אירע וואַרעמע קניען האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן זײַנער. זי האָט שוין אַפילו געהאַט אָנגעהויבן ביי אים פרעגן, צי ער האָט נאָך איר געבענקט. נאָר פּונקט אין יענער צייט האָבן זיך פון פּאָדערשטיבל דערהערט אַ פּאָר אָפּגעריסענע אויסגעשרייען, און אלישע מיטן דינסטמיידל זענען פון דאָרטן אַרויס אינדרויסן אַזוי געשווינט, ווי צו אַ שרפה. ווען פּראַדאָטשקע מיט בורמאַנען זענען נאָך זיי פון שטוב אַרויס, האָבן זיי שוין נאָר געזען, ווי פון אַלע עקן שטאָט לויפט מען אַרויף צו פּרויקעס טיפּאָגראַפיע. דאָס דינסטמיידל האָט אָפּגעשטעלט איינעם אַ בחור, וואָס איז פון דאָרטן צוריק אין מאַרק געגאַנגען, און האָט ביי אים געפרעגט, וואָס ס׳איז געשען; איז בורמאַן אויך צוגעגאַנגען און האָט געהערט, ווי דער בחור דערציילט:

„גאָרנישט... מאַניע רימערס אַ פעטער, וואָס איז פון אָנהייב אָן נישט געווען צופרידן מיט איר חתונה, האָט אַרויסגעקריגן ביי איר

א „דאָווערענאָסט", און האָט פּרויקען פאַרחתמעט די טיפּאָגראַפיע. און מאַניע אַליין איז שוין דאָ נישטאָ: זי איז נאָך נעכטן בייטאָג אַוועקגעפאָרן אויף די קורסן".

דענסטמאַל איז בורמאַן צוגעגאַנגען צו דער טיפּאָגראַפיע און האָט צווישן אַ געדיכט בינטל מענטשן דערזען דעם צעקנייטשטן פּרויקען. דריי מענטשן האָבן אים שטייף געהאַלטן פון אַלע זייטן, און ער האָט זיך נאָך אַלץ געריסן שלאָגן מאַניעס פעטער און אַראָפּרייסן דעם סודעבנעמס חתימה פון דער טיפּאָגראַפיע; ער האָט זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן, ווי אַ רוצח, און אַז מ'האָט אים געהאַלטן פאַר די הענט, איז מען נישט געווען זיכער, אַז ער וועט זיך נישט אָנהייבן שלאָגן מיט די פיס, צי מיטן קאָפּ. ווען מ'האָט אים אָפּגעלאָזט, האָט ער זיך אַביסל באַרויקט, לייכטער אָפּגעעטעמט און זיך צוערשט אַרומגעקוקט אויפן אָנגעזאַמלטן עולם מיט אַזאַ שנאה און אַזוי פאַרחידושט, גלייך ער וואָלט זיי דאָ נאָר-וואָס דערזען:

„וואָס האָט מען זיך דאָ אָנגעשטעלט? האָט ער געפרעגט, אויף וואָס פאַר אַ בייז וואונדער איז מען זיך אַהער צונויפגעלאָפן?"

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די טרעפּלעך פון דער פאַרחתמעטער טיפּאָגראַפיע און האָט זיך פאַרטראַכט. אפשר האָט ער זיך פאַרקלערט וועגן מאַניען, וואָס אין שטאָט זאָגט מען, אַז זי האָט אין קיעוו עפּעס אַ סטודענט.

און אפשר גאָר וועגן זיך אַליין, וועגן זיין שווערער פּראַצע, וואָס ער האָט ביי דער טיפּאָגראַפיע אַוועקגעלייגט, און וועגן זיין עקשנות, וואָס האָט אים צו גאָרנישט נישט געבראַכט.

דענסטמאַל זענען פּראַדאָטשקע מיט אלישען צוגעגאַנגען צום פאַרטראַכטן ראַבינער, און פּראַדאָטשקע האָט צו אים געזאָגט:

„קומט, וואָס ווילן מיר דאָ שטיין?"

## V

פּרויקע טשערקיס איז צוויי טעג נישט אַרויסגעגאַנגען פון זיין שטוב. ער איז דאָרטן געלעגן איינער אַליין און האָט געטראַכט וועגן מאַניען:

„גט וועט ער איר געבן ?... אַ מכּה...

אַרום אים אין די דריי פריש אויסגעפּאַרבטע געדונגענע חדרימלעך איז אַלץ געווען איבערגעקערט און אָנגעוואָרפן, ווי אינם טאָג פון מאַניעס אַוועקפאָרן. די בעטן זענען געשטאַנען פּונקט אַזוי צעוואָרפן, ווי בשעת מאַניע האָט פון אונטער זייערע איבערבעטן אַרויסגעשלעפּט אירע צוויי קישנס ; אינם פּיצעלע עסצימערל אויפן טיש צווישן פּאַרדאַרטע שטיקלעך ברויט איז געשטאַנען אַ טעלער מיט אַ חוט־השדרה פון אַ נישט דערגעסענעם הערינג, און אַרום אים האָבן שטאַרק געזשומעט אומרייניקע פליגן. דערצו איז נאָך די גאַנצע צייט געגאַנגען רעגן, אין די דריי פּיצלעך חדרימלעך איז די טונקעלע לופט געווען אַזוי דושנע און הייס, ווי אין אַ פריש אויסגעפּאַרבטן וואַגאָן דריטע קלאַס. און פרויקע האָט אַפילו פאַר גוויטיק נישט געפונען די פענצטער עפענען אָדער אַריינרופן עמעצן פון דרויסן, מ׳זאָל די שטוב אויסקערן.

נאָר איינמאָל פאַרנאַכט, ווען אין דרויסן איז דער רעגן שוין מער נישט געגאַנגען, איז ער געוואָרן שטאַרק ברוגז אויף זיך, וואָס ער זיצט באַהאַלטן אין שטוב. ער האָט אָפּגעגאָלט די צווייוואָכנדיקע באָרד, זיך אָפּגעוואַשן, און האָט אויף צולהכעיס אַרויסגענומען פון שראַנק זיין נייעם, כּמעט נישט געטראָגענעם אנצוג. אָנטוענדיק דעם אנצוג, האָט ער געטראַכט, אַז ער האָט נאָך ביי זיך טויזנט רובל מזומן געלט און וועט שוין מן הסתם נישט פאַרפאַלן ווערן :

„ער הערט מאַניען, ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי...”

נאָר ווען ער איז אַרויס פון שטוב, האָט ער דאָך אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פאָרויס און האָט זיך פאָרזיכטיק אַרומגעקוקט, צי די באַלעבאָסטע פון הויז זיצט דאָרטן נישט אויף די טרעפּלעך.

ס׳איז געווען שפּעט אין בין־השמשות, און אַ סאַמעטן בלאָטקעלע, אַ שיטערס און אָנהייב־אַלולדיקס, האָט זיך שטיל געגלעגצלט אין די אויגן און זיך געצויגן אונטער די פיס, פונם קייליעכדיקן שלעכט ברוקירטן מאַרק ביז די עקסטע הייזער פון שטאָט. דורך אַ פענצטער, וואָס אין איינעם פון די עקסטע הייזער, האָט זיך אַרויסגערוקט אַ קאָפּ פון אַ באַלעבאַטיש מיידל, און אַ פּאָר אויגן שוואַרצע און שעמעוודיק פינקלענדיקע, האָבן נייגעריק אַ בלאָנזשע געטאָן איבער פרויקעס פּנים און האָבן אים נאָכדעם לאַנג נאָכגעקוקט אין די פּלייצעס. דאָס מיידל

איז מיט אים נישט געווען באַקאַנט, זי האָט נאָר געוואָלט זען, ווי אַזוי ער זעט איצט אויס, פּרויקע.

אַביסל ווייטער, אין עק פון אַ הילצערנעם פּלויט, זענען געשטאַנען צוויי יידן און האָבן באַטראַכט דאָס האָלץ פונם אָפּגעקויפטן גויישן בודינעק, וואָס מ'האָט זיי אָקאָרשט בייטאָג דאָ אָפּגעוואָרפן. איינער איז געווען דער באַלעבאָס פון דער נאָענטער שטוב, דער צווייטער זיינער אַ שותף. ביידע האָבן געפונען, אַז דאָס האָלץ איז אַ מציאה, און ביידע האָבן זיי אַ ווײַלע אָן דעם פאַרגעסן און האָבן גענומען באַגלייטן פּרויקען מיט די אויגן. איינער האָט געזאָגט אויפן קול און מיט אַ כיוון, אַז פּרויקע זאָל הערן:

„וואָס זאָגסטו עפּעס? שוין, דאַנקען גאָט, צוריק אַ בחור, אַ ?”

אַלע האָבן אים פיינט געהאַט דערפאַר, וואָס ער האָט זיך, ווי אלישע, צו שפּעט און מיט צו פיל גדלות אומגעקערט פון זיין עקסטערנישן לעבן, וואָס אין די גרויסע שטעט, און האָט דאָ, ווי יענער, נישט באַדאַרפט אָנקומען נישט צום שוחט, נישט צו קהל און נישט צום רב. די גאַנצע שטאָט האָט געהאַט אָן אים אַ נקמה, און ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער אירע גאַסן און האָט נישט געהאַט צו וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָט ער דערזען אלישעס ווייב, וואָס האָט זיך צוזאַמען מיט איר דינסטמיידל פון מאַרק אומגעקערט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט זי לאַנג באַגלייט מיט די אויגן. און נאָכדעם האָט ער זיך אַ גאַנצן פרימאָרגן אין ערגעץ קיין אָרט נישט געפונען. עטלעכע מאָל האָט ער אָן שום באַדערפעניש זיך געלאָזט גיין צו זיין פאַרחתמעטער טיפּאָגראַפיע. ער האָט זי באַטראַכט פון דער ווייטנס, געטאָן אַ זיפץ און האָט זיך פון דאָרטן אומגעקערט צוריק אַהיים. נאָר ביי אים אינדערהיים איז, ווי נעכטן, געווען הייס, אָנגעוואָרפן און נישט אויפגערוימט. ער האָט זיין וווינונג פאַרשלאָסן פון דרויסן מיט אַ שלעסל און האָט זיך אומגעקערט צוריק אין מאַרק. דאָרטן האָט ער געכאַפּט אַ פּאָר ווערטער צווישן די רעדלעך, וואָס האָבן געשמועסט וועגן אלישען און וועגן די יד־אחתדיקע קצבים, און האָט זיך סוף־כל־סוף אַוועקגעלאָזן אַרויף, צו אלישעס געווירשנטער שטוב, וואָס די גאַנצע

שמאָט האָט זי פֿיינט. גייענדיק אַהין, האָט ער געטראַכט ווי אַזוי אַלע וועלן דאָרטן קוקן אויף אים מיט רחמנות, און ווי אַזוי ער וועט דאָרטן ענטפֿערן אלישען:

„נאָר איינער, וואָס איז מיר דען אַזוי שלעכט? וויל איך, ווער איך מיר צוריק אַ פּאַרמאַצעווט".

אָבער ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען אַהין אין פּאָדערשטיבל, האָט ער פֿון הינטערן פּאַרוואָרפֿענעם פּאָרטיער דערזען, אַז אין דריטן חדר, אין זאַל אַפּנים, זענען איינער איבערן צווייטן אַריבערגעוואָרפֿן דעם ראַבינערס פּיס, און פֿאַרגלוסט האָט זיך אים מיטאַמאָל געפֿעלן ווערן אלישעס ווייב. ממזרש, ווי די פּאַראָבקעס, איידער זיי שטעלן זיך טאַנצן, האָט ער זיך באַלד געגעבן אַ פּאַטש איבערן שטרויענעם הוט, וואָס מיט די צוויי דאַשיקעס, אַזוי אַז דער הוט איז אים אַריבערגעפֿאַלן איבער די אויערן. ער האָט אונטערגעהויבן די אַקסלען, געמאַכט אַ שמייכלדיק פּנים פֿון אַן אידיאָט, אַ פּויער, און אויסגעשריגן האָט ער שוין אויפֿן גאַנצן קול, און אַזוי פֿריילעך ווי בחורוויז, בשעת ער איז נאָך געווען שטאַרק צופֿרידן מיט זיין אייגענער גליקלעכער פּערזאָן:

„בודטע זדראָווע סערע — דאָ — יו!..."

אַז אלישע איז אויף זיין קול אַרויסגעלאָפֿן פֿון קאַבינעט, האָט ער שוין געהאַט אַ גלאַטן און פֿרישן תּירוץ:

„איך בין אומישנע אַריינגעקומען זאָגן: איך פֿאַרשטיי נישט, פֿאַרוואָס זאָל זיך עמעץ נישט אַריינלייגן אין שלום? ס'איז דאָך פּשוט אַ רחמנות אויף אלישען און אַ רחמנות אויף די קצבים..."

אלישע האָט אים אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז די פּיס און האָט אים געשווינט דורכגענומען מיט שלעכטע, ווי ביי אַ שאָף אומעטיקע, אויגן:

„קוק אים נאָר אָן אָט דעם ווייכהאַרציקן... געוואָרן אַ גאַנצער בעל־רחמים אויף די קצבים..."

און פּרויקע איז רויט געוואָרן אויף צו באַליידיקן זיך און האָט זיך דאָך באַלד אָנגעהויבן פֿאַרענטפֿערן:

„מענטש איינער, איך זאָג דען, אַז נאָר אויף די קצבים איז אַ רחמנות?... איך זאָג דאָך, אַז ס'איז אַ רחמנות אויף דיר אויך. וואָס

הייסט? אומזיסט און אומנישט דערלייגסטו, נעבעך, מער ווי צוויי הונדערט רובל אַ וואָך..."

פון דעמאָלט אָן האָט שוין אויך פרויקע אָנגעהויבן אָפּט אַריינצוקומען צו אלישען אין שטוב. זיין אייגענע היים האָט אים סיי־ווי־סיי דערמאָנט אָן אַ גיהנום, און געשטאַנען איז דאָרטן נאָך אַלץ אויפן טיש דער טעלער מיטן חוט־השדרה פונם נישט־דערגעסענעם הערינג. איז ער נאָר געגאַנגען אַהין שלאָפן און האָט די גאַנצע פרייע צייט פאַרבראַכט דאָ, ביי אלישען. ער האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ שלום מיט דער שטאָט און האָט אַרויסגעטרעטן פון אלישעס צד פאַר אַ בורר.

פון גאַנצפרי אָן איז ער געשטאַנען אין מאַרק און האָט געהאַקט האַלץ מיט צוויי מניינים טעמפּ־קעפּיקע קצבים. הינטער זיינע פּלייצעס האָבן פון אים לצנות געמאַכט די קרעמער; זיי האָבן אים פיינט געהאַט און האָבן אים נישט געגלויבט. און ער האָט זיך צו זיי נישט אומגעקוקט און האָט מיט כּלערליי ראַיות אויסגעבריעט די קצבים, אַז פאַר זיי לוינט מער נישט זיך אָפּהאַלטן פון צו קוילן:

„וואָרים אָט, זאָלן זיי נאָר צולייגן קאָפּ: וואָס קאָנען זיי דען דערמיט פועלן, אַז סיי־ווי־סיי קוילן די שוחטים הינער מיט גענז?"

ביי־טאָג האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס האַרץ ביים אָרטיקן רב אין שטוב, געשוויצט צווישן אַ גאַנצער עדה פאַרזאַמלטע באַלעבאַטים, וואָס האָבן נישט געקאָנט מוחל זיין אלישען זיין זיידנס קבורה און האָבן אַלעמאָל אָנגעהויבן צו טענהן פונסניי:

„הערט אַ מעשה! אַזאַ געשיכטע איז דאָך נישט געהערט געוואָרן אין קיין שטאָט אין דער וועלט..."

ער האָט זיך ליגנעריש געקרימט, געקניי־טשט מיט די אַקסלען און געמאַכט אומגעדולדיקע העוויות מיטן פּנים און מיט די הענט.

„נו גוט, נו ווויל, נו גוואַלד געשריגן... טענה איך דאָך אויך דאָס אייגענע: אָבער וואָס זשע האָט שטאָט אויפגעטאָן?!"

מיד און אויסגעמאַטערט, מיט אַן אויסגעשריגענעם האַלז און מיט אַ נעפּלדיקער חרטה אויף אָט דער גאַנצער אַרבעט, וואָס ער טוט צוליב אַ פרעמדן, האָט ער זיך אָקאָרשט שפּעט אין בין־השמשות

אומגעקערט צו אלישען אין שטוב, ווו מ׳האָט אים באַלד געגעבן טיי־טרינקען און צובייסן און ווו מ׳האָט זיך אַרום אים אַוועקגעשטעלט, גרייט צו הערן, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן אָפּצוטאָן פאַרן טאָג. קיינענדיק גיך, מיט בענקשאַפט, ווי נאָך אַ לאַנגן קוים דערצויגענעם תענית, האָט ער איבערגעגעבן די שטאָטישע נייעסן און האָט זיך דער־ביי אַלעמאָל געעדותט מיטן ראַבינער בורמאַנען:

„בורמאַן, דו הערסט, וואָס אלישע זאָגט? אויב איך וועל אים מאַכן דעם שלום, זאָגט ער, האָב איך ביי אים פּאַר מיין בוררות אַ גאַנצן הונדערטער...”

פּראַדאָטשקע האָט ערנסט אויסגעהערט און געאַרבעט געשעפט. אַלעמאָל האָט זי גערופן אלישען אויף אַ סוד אין קאַבינעט:

„אלישע, קום נאָר אַהער... איך האָב דיר פאַרגעסן עפּעס צו זאָגן”.

און נאָכדעם איז אָנגעפאַלן די קילע נאַכט, און אַלע האָבן זיך אין זאַל אַוועקגעזעצט צום פּרעפעראַנס, צו דער עיקר־אַרבעט, וואָס אויף איר האָט מען געוואַרט אַ גאַנצן טאָג.

מ׳איז זיך דאָרטן ס׳רוב פאַרזעסן ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט.

אַרום און אַרום האָט אין זיכערן און פעסטן שלאָף געשוויגן דאָס אויסגעלאָשענע שטעטל, און פונעם מעזשביזשער וועג איז מיט אַ ווילד פויל ביינאַכטיקן טרייב אָנגעקומען אַ פּול־געפּאַקטע בעל־עגלהשע פור.

דעמאָלט האָבן זיך די פאַרשווינענס פנימער פון זיך אַליין גע־דרייט צו אָט דער איינציקער וואַכנדיקער שטוב, און זייערע הערצער האָבן געגאַרט צו אירע באַלויכטענע פענצטער, ווי צו גליק.

אַמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז צו די אויערן פון די וואָס שפּילן האָט דערגרייכט פון פאַדערשטיבל אַ שטילער סקריפּ פון דער געעפנ־טער טיר. אַלע פלעגן אויף אַ ווײַלע אָן די קאָרטן פאַרגעסן און אָנ־שטרענגען די אויגן אַהין, פונוואַנען דער סקריפּ איז געקומען. נאָר געווען איז דאָס אַלעמאָל נישט מער ווי יאַן דער סטרוזש, וואָס האָט פון דרויסן געהיט אלישעס שטוב מיטן גאָרטן:

„יאַן, האָט מען ביי אים בכיוון געפרעגט אויף יידיש, וואָס הערט זיך עפּעס אין דרויסן?”

און יאַן האָט געוווּסט, וואָס מ׳מיינט.

„פינצטער, פאַניע", האָט ער געענטפערט אינם זעלבן טאָן און אויף אַ געבראָכענעם יידיש.

דעמאָלט האָבן אַלע פריילעך געלאַכט און אַרויסגעשיקט יאַנען אין קיך אַריין אַ גאַנץ צענטליק פּאַפּיראָסן.

אלישע האָט די גאַנצע צייט געשפּילט מיט קאָפּ. ער האָט זיך קיינמאָל נישט טועה געווען מיט קיין קאָרט און האָט אַריינגעפירט אַלעמען אין גרויסע רעמיזן, אַזאַ טבע האָט ער שוין געהאַט, נישט צו טראַכטן בשעתן שפּילן וועגן זיינע געשעפטן מיט דער שטאָט, וואָס האָבן אים טיילמאָל געמאַכט נערוועז און אין כעס. ער האָט טאַקע קיינמאָל נישט באַמערקט, וואָס אַרום אים טוט זיך, און נאָר פרויקע האָט געוווּסט, אַז צווישן אלישעס ווייב, וואָס האָט אים פריער אַביסל גערופן אויף סודות, און צווישן בורמאַנען, וואָס זיצט איר אַקעגן, קומט די גאַנצע צייט פאָר אונטערן טיש עפּעס אַ גאַנץ ערנסטער שמועס אויף פיס-לשון. אים האָט אָנגעכאַפּט אַ קנאה, האָט ער איינמאָל געפּרוּווט צווישן אָט די שמועסנדיקע פיס אויך זיינעם אַריינרוקן, ווי איינער וואָלט זאָגן:

„נעמט מיך אויך אַריין אין קאָן... וואָס אַרט אייך?"

נאָר באַלד האָט ער באַקומען אין אָט דעם פוס זיינעם אַ שטויס, אַן ענטפער, וואָס איז געווען די טייטש:

מיש זיך נישט... ס׳איז נישט דיין זאַך!"

געדוכט האָט זיך אים, אַז אָט דעם שטויס האָט ער באַקומען נישט פון בורמאַנען, נאָר דווקא פון איר, פראַדאָטשקען, וואָס האָט אין דער זעלבער צייט געפרעגט ביי אלישען:

„וואַרט, וואַרט, ווי האָסטו געקאָנט אַריינגעמען מיטן מלך פּיק?"

און נאָכדעם האָט ער צוגעזען, ווי זי באַגלייט אַרויס בורמאַנען אין פּאָדערשטיבל, ווי זי גיט אים דאָרטן אלישעס ראָק, כדי ער זאָל זיך נישט צוקילן, און זאָגט אים אָן:

„בורמאַן, איר זאָלט אָן אַ תירוץ קומען מאָרגן אויף וואַרעמעס. איר הערט, וואָס מ׳רעדט צו אייך, בורמאַן?"

אַרויסגייענדיק דעמאָלט צוזאַמען מיט בורמאַנען פון אלישעס שטוב, האָט פרויקע טאַקע אַ טראַכט געטאָן וועגן זיך און וועגן זיין

פוסטער שטוב, וווהין ער גייט איצט נעכטיקן, און האָט נאָך אַ ווײַלע שווייגן צו בורמאַנען אַ זאָג געטאָן:

„נאַר איינער, ביסט דאָך אַ גליקלעכער מענטש!... מיינסט אַלעמען גילט אַזוי אָפּ, ווי דיר?"

אים האָט זיך געדוכט, אַז בורמאַן ווייסט נישט, אַקעגן וואָס ער זאָגט עס. האָט ער צוגעגעבן:

„וואָס הייסט? אלישע האַלט דאָך דיך אויס מיט אַ ווייב, מיט אַ שטוב און מיט אַ קיך אַפילו".

נאָך דער ראַבינער בורמאַן האָט צו יענער צייט שוין אָנגעהויבן שטאַרק פעט ווערן, און האָט זיך געפוילט ענטפערן. ער האָט נאָר מערקזאַמער, ווי תּמיד, אַ שמייכל געטאָן צו זיך. אין דער נאָז און האָט זיך אַוועקגעדרייט שלאָפן צו זיך אַהיים.

## VI

פרויקען האָט זיך טאַקע סוף־כּל־סוף איינגעגעבן, אַז די שטאָט זאָל נעמען ביי אלישען אויף עולמות נישט מער, ווי פינף הונדערט רובל. דאָס איז געווען אַ קונץ, וואָס נאָר פרויקע האָט אים געקאָנט באַווייזן. ער איז דעריבער געווען אַזוי לעבעדיק און צופרידן און אַלע ווײַלע געשפּרונגען פראַדאָטשקען אין פּנים אַריין.

„וואָס זאָגט איר עפּעס, אַ?... אפשר האָט איר צו מיר אַ טענה?"

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די קצבים פון זייער זייט פאָדערן אַ באַזונדערן לוין, דערפאַר וואָס זיי האָבן אַ חודש צייט נישט געקוילעט, מ'האָט זיך געמוטשט מיט זיי באַזונדער פאַרלאָזן און פאָלגן דעם נייעם פּסק, וועלכן ס'האָט אַרויסגעגעבן דער אָרטיקער טפּש, דער רב.

לויט אָט דעם נייעם פּסק האָט אלישעס פּוס נישט געטאָרט קומען אין בוינע אַריין, און רעכענען האָבן זיך די קצבים באַדאַרפט נישט מיט אים, נאָר מיט זייער אייגענעם נאמן, פאַר וועלכן דער רב האָט זיך געערבט.

אלישע איז שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען פון דער הויט און האָט ביי זיך אינדערהיים געריסן אויף זיך די האָר:

„גוואַלד געשריגן: וואָס פאַר אַ שלום איז דאָס?! ס'איז דאָך מער נישט, ווי שונאים אויף געלעכטער".

דעמאָלט האָט פּרויקע פונסניי געגומען אַרבעטן אויף אַלע כלים און האָט אויך דאָ באַוויזן ווונדער; ער האָט דערוויזן אלישען, אַז ס'גייט צו די יידישע יום־טובים, און אַז פאַר דריי וואָכן צייט קאָן ער אָפּפאַרדינען אין דער טאַקסע אַלץ, וואָס ער האָט דערלייגט צו איר אין משך פון גאַנצע אַנדערהאַלבן חדשים. אלישע האָט געוווסט, אַז פּרויקע איז פאַרביסן און קלוג, ער איז אים אין האַרצן אַ שונא און מיינט נאָר צו באַקומען דעם הונדערטער פאַרן בוררות.

„אָפּפאַרדינען, אָפּפאַרדינען..." האָט ער זיך אים נאָכגעקרימט און האָט אים בייזער, ווי תמיד, דורכגענומען מיט זיינע שלעכטע אויגן.

פונדעסטוועגן האָט זיך אים פון אָט דעם חשבון פאַרדרייט דער קאָפּ; ער האָט געלאָזט די קצבים זיך רעכענען מיט זייער אייגענעם נאמן, און אַליין האָט ער זיך איינגעעקשנט צו וואַרפן צוויי טאָג צייט ביי זיך אין קאַבינעט אויפן „שטשאָט" און האָט באַרעכנט ביז אין דער קאָפּיקע, וויפל ס'קאָן אים בלייבן נאָר איין ערב יום־כּפור פון כפרות. דער חשבון האָט געטראָגן נאָך מער, ווי מ'האָט געמיינט. און פּרויקע האָט ווידער געטאַנצט:

„נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט?"

אָבער נאָך אין יענער זעלבער וואָך איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז די שטאָט איז נישט צופרידן מיטן שלום, און אַז די קצבים וועלן ווידער־אַמאָל אויפהערן צו קוילן; לייטישע באַלעבאַטים, וואָס האָבן קיינמאָל נישט אָנגערירט קיין פליג אויף דער וואַנט, זענען רעדלעכוויז גע־שטאַנען אין מאַרק, אַרום די קצבים, און האָבן זיי אויפגעקלערט די מוחות:

„משוגעים! ווּעמען פון אייך איז נוגע, וואָס די שטאָט האָט מיט אים משלים געווען? ער וואָלט דאָך אייך סוף־כּל־סוף געמוזט געוווען צוּוואַרפן די טאַקסע און אַנטלויפן".

און נישט ווייט פון זיי איז אַרומגעגאַנגען דער אָרטיקער ברודיקער שיכּור, דעד שדכן, וועמען די קרעמער האָבן אונטערגעקויפט פאַר אַביסל בראָנפן; ער האָט געווישט די נאָז מיט אַ גרויס שטיק ביבולע־פּאַפּיר,

וועלכעס ער האָט נאָכדעם באַהאַלטן צוריק אין טאַש, און האָט גערעדט אויף אלישעס מעזשביזשער ווייב, דער פאַרשוין:

„ווער, דער אָפיציר, וואָס האָט מיט איר געלעבט? ער שיקט נאָך איצט אויך איר מוטער הונדערט רובל אַ חודש...“

יידן האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן.

„ווער? האָבן זיי ביי אים איבערגעפרעגט, ווער, זאָגט ער, שיקט צו איר מוטער הונדערט רובל אַ חודש?“

און ער האָט זיך געמאַכט, גלייך די קרעמער פרעגן עס בתמימות, און האָט געענטפערט מיט אַ שבועה:

„דער דראַגון, וואָס האָט מיט איר געלעבט, ווי איך בין אַ ייד...“

אלישען האָט געזאָדן. פון אינדערפרי אָן האָט ער זיך געריסן אין מאַרק, כדי צו פלעטן דעם אַלטן שיכור דעם קאָפּ; פרויקען איז אויסגעקומען אים אָפּצוהאַלטן פשוט פאַר די הענט.

„טפש איינער! האָט ער געשריגן, זיץ אין שטוב, ס׳וועט איבער־גיין; אַ שטאָט קאָן נישט זיצן יום־טובים־צייט אָן פלייש“.

און אינאָוונט האָט אלישע דאָך געפאַקט דעם ברודיקן שדכן איינעם אַליין אויפן ליידיק גרינעם שטאָט־פלאַץ און האָט אים צעבלוטיקט.

פראַדאָטשקע איז דעמאָלט נישט געווען אינדערהיים, זי איז אַוועקגעגאַנגען מיט בורמאַנען שפּאַצירן.

אין מיטן שטאַרק פינצטערן און שטילן אָוונט האָבן זיך פּלוצים דערהערט האַרץ־רייסנדיקע קולות פון אַן אַלטיטשקען, וואָס ווערט שרעקלעך געפּייניקט, און האָבן זיך געוויקלט, ווי שווידער, אַרום מענטשנס לייבער. בחורים, וואָס האָבן קראַפּט אין די הענט, זענען אַהין געלאָפן פון אַלע עקן שטאָט, איבערשרייענדיק זיך, ווי בלינדע אין דער פינצטער, און נישט דערקענענדיק איינער דעם צווייטן. דעמאָלט איז אין דער לופט הענגען געבליבן אַ שרעק, וואָס פאַר אַן אומברחמנותדיק געשלעג; קינדער האָבן ערגעץ אויפגעהויבן אַ קלאָג, ווי אויף אַ געהרגעטן, און אין דער זעלבער צייט האָט די שיין פון עמעצנס אַן עלעקטריש לאַמטערנדל, זוכנדיק, אַ בלאָנזשע געטאָן איבער דער פינצטערער גאַס און האָט געפונען די פיס פון איינעם אַ צולעצט אַוועקגעלאָפענעם טאַטן.

אָבער ווען דער עולם איז צוגעקומען אַהין, צום לײדיק גרינעם פּלאַץ, האָט מען דאָרטן שוין נישט געטראָפן קײנעם, אַחוץ אַלטן, וועלכער איז אײנער אַלײן געזעסן אויף דער ערד. אײנגעהויקערט און דערשראָקן האָט ער געהאַלטן די האַנט אונטערגעשטעלט אונטער די טראָפּנס בלוט, וואָס זענען אים גערונען פון נאָז, און האָט אַרויסגעכליפּעט פון גרויס ציטערניש:

„אוי, האָט ער מיך דערשלאָגן, אָט דער הולטײ, אָט דער ממזר... אוי, האָט ער מיך צעביילט...״

„קינדער, האָט עמעץ אויסגעשריגן אויפן קול, ס׳זאָל אים נישט זײן געשענקט!״

און אין דער זעלבער צײט האָט זיך דערהערט אַ צווײיענדיקער דונער, אַ קנאַל, און זיך גענומען קוליען איבער דער לופט.

„טראַך טרערעראַך!״

דאָס האָט אלישע בײ זיך אין סאָד אויסגעשאָסן צווײ מאָל פון זײן רעוואָלווער. אײנמאָל פון היימלעכקייט וועגן, דאָס צווייטע מאָל, כדי צו דערווייזן דער שטאָט, אַז ער האָט פאַר איר קיין מורא נישט.

דעם צעבלוטיקטן שדכן האָט מען נאָכדעם אַרומגעפירט פון אײן חשובן באַלעבאָס צום צווייטן:

„אָט, זאָלן יידן זען, וואָס דער רוצח האָט אים געטאָן״.

דער אַלטער אַלײן האָט געקרעכצט און געבראָכן פּיסקעס, כאָטש אים האָט שוין גאָרנישט ווי געטאָן. אים האָט מען אײנגערעדט, אַז ער קאָן דערפאַר נעמען בײ אלישען געלט. און די קצבים זענען אים נאָכגעגאַנגען און האָבן געזאָגט, אַז מאָרגן וועלן זײ שוין ווידער נישט אַרויסגיין קוילן.

פּרויקע איז געקומען צו לויפן צו אלישען אין שטוב. ער איז געווען מלא רציחה, וואָס דער הונדערטער פאַר זײן בוררות האָט זיך אים פון האַנט אַרויסגעגליטשט, ער איז אַרומגעלאָפן איבערן עסצימער, ווי אַ ווילער.

„וואָס זשע דען? כ׳האָב נישט געוווסט פריער? אלישע וועט מאַכן אומגליקלעך זיך אַלײן, די גאַנצע שטאָט און אַלע מענטשן, וואָס רירן זיך צו אים צו...״

און פּראַדאָטשקע, איבער ווען דער גאַנצער אומגליק איז

געשען, איז שוין געזעסן ביי דער זייט. איר פּנים איז נאָך געווען רויט פונם שפּאַציר מיט בורמאַנען, און געפילט האָט זי זיך שלעכט...

„איך ווייס וואָס ? האָט זי עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, אַז עפּעס אַן אַלטער שיכּור בעבעט דאָרטן, דאַרף ער זיך גיין מיט אים אויסשטעלן".

דעמאָלט האָט זיך צו איר אלישע צום ערשטן מאָל פון נאָך דער חתונה מיט גרויס כּעס אויסגעדרייט.

„בעבעט, האָט ער זיך איר נאָכגעקרימט און איר מיט דעם אויף עפּעס מרמז געווען, בע-בע-ט..."

און נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעדרייט צו פּרויקען, וואָס האָט פאַרלאָזט מיט גרויס רוגז די שטוב; ער האָט דערפילט צו אים די זעלבע שנאה, וואָס ער פילט צו דער גאַנצער שטאָט, און האָט אויף אים געשווינט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ:

„זאָל ער גיין, נישקשה... קיינער האָט נאָך אים נישט געשיקט".

## VII

פראַדאָטשקע האָט זיך געפילט באַליידיקט אויף אלישען און האָט צוויי טעג נישט געוואָלט מיט אים רעדן. איטלעכס מאָל, וואָס ער איז צו איר צוגעגאַנגען און האָט איר געוואָלט אַ קוש טאָן, האָט זי אים פון זיך אָפּגעשטופּט נישט מיט די הענט, נאָר מיט די אַקסלען און האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט.

„זאָל ער פון מיר אַוועקגיין, האָט זי אים דערביי געררייצט מיט איר עכט ווייבערש קול, איך קאָן אויף אים נישט קוקן".

אלישען איז אַלעמאָל אויסגעקומען אָפּצוטרעטן פון איר מיט אַ ליידנשאַפטלעך פאַרביסענער אונטערשטער ליפּ און מיט די הענט, טיף פאַררוקט אין די הויזן-טאַשן.

„פּכע!" האָט ער אויף איר מיטן קאָפּ אַ וואָרף געטאָן, און אָט דער „פּכע" האָט געהאַט פאַרשידענע טייטשן. ער האָט געהייסן:

„אַ גאַנצע אַדונית ביי זיך געוואָרן, איך זאָג דיר דעם אמת..."

און נאָך אַ זין האָט עס געהאַט:

„נישקשה, ס'וועט איבערגיין... זי וועט בעסער ווערן".

פראַדאָטשקע האָט זיך אָבער ווייטער געטאָן דאָס איריקע און איז אין איינעם אַ פרימאָרגן אַוועקגעפאָרן מיט אַ בעל־עגלהשער פור צו איר מאַמען קיין מעזשביזש. דער בעל־עגלה איז געווען טאַקע אַ דאָרטיקער, אַ מעזשביזשער. פראַדאָטשקע האָט אים מיט זיין פור דערזען דורכן פענצטער און איז אַרויסגעגאַנגען צו אים אין דרויסן. אַפּנים, דער געדאַנק וועגן אַוועקפאָרן איז איר צופעליק אויפן זינען אַרויף.

„הערט, זיינוויל, האָט זי ביי אים געפרעגט, איר וועט מיך נעמען קיין מעזשביזש?"

און זיינוויל האָט צורעכט געמאַכט אויף די פערד די לאַבידרעקעס און האָט געענטפערט פאַמעלעך מיט אַ שמייכל:

„פאַרוואָס נישט? אַ מיאוס ווייבל וועל איך ברענגען קיין מעזשביזש?"

ווען אלישע האָט זיך אומגעקערט פונם נאָענטן דאָרף, ווו ער האָט דערמאָנט אַ פּאָר גויים, זיי זאָלן קומען אויסלייזן זייערע ווינטער־דיקע פעלצן, איז שוין פראַדאָטשקע געווען אַוועקפאָרן.

„זע?!" האָט ער זיך אָפּגעשטעלט באַלד ביים אַריינקומען אין זאַל אַריין און האָט באַקומען אַזאַ ערשטוינט פנים, גלייך ער וואָלט בשום אופן נישט גלויבן, אַז פראַדאָטשקע קאָן אים אַזאַ זאַך אָפּטאָן.

אין שטוב איז דורכאויס געווען מאָדנע שטיל און נישט אויפגעראָמט. די ווייכע שטולן זענען געווען אָפּגערוקט פון זייערע שטענדיקע ערטער און האָבן געבענקט נאָך דער אַוועקגעפאָרענער, און דאָס דינסטמיידל האָט זיך געפּאָרקעט אין קיך ביים פאַרשפּעטיקטן אָנבייסן און האָט עפּעס געפּרעגלט. דער גאַנצער פרימאָרגן איז ביי איר אַוועק אויף אַרויסבאַגלייטן פראַדאָטשקען אַהיים.

אלישע איז צום אַלעמערשט אַריינגעקומען אין שלאָפצימער. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז פראַדאָטשקע האָט איבערגעלאָזט אין די שראַנקען אַלע אירע זאַכן און האָט זיך באַרויקט.

„זי וועט בעסער ווערן, נישקשה... דעם שילאַטן־שמש וועל איך נאָך איר נישט שיקן".

און נאָכדעם איז ער שוין אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען איינער אַליין ביי זיך אין שטוב און האָט נישט געוווסט, וואָס אין שטאָט טוט זיך; פרויקע איז געווען ברוגז און האָט מער נישט געוואָלט גיין

צו אים אין שטוב. אָקאָרשט פֿאַרנאַכט האָט ער דערהערט אַ קלונג פֿונם פֿאַראַד־גלעקל און האָט זיך געלאָזט אַהין לויפֿן, אים האָט זיך געדוכט, אַז פּראַדאָטשקע האָט זיך אַהיים אומגעקערט. נאָר געווען איז דאָס נישט מער, ווי דער ראַבינער בורמאַן, וואָס איז געקומען רופֿן פּראַדאָטשקען שפּאַצירן.

„נישטאָ, האָט אים אלישע קלוגערהייט אַ זאָג געטאָן און האָט דערבײַ פֿונאַנדערגענומען בײדע הענט, ווי פֿליגלען, אַוועקגעפֿאָרן״.

„נישטאָ?״ האָט דער ראַבינער שמייכלענדיק איבערגעפֿרעגט און דערפֿילט האָט ער זיך אַזוי מאָדנע, גלײַך ער איז נאָך גאָר אַ קלײניטשקער, ער איז איצט געקומען זיך שפּילן מיט פּראַדאָטשקען, זײַן חברטע, און אלישע, דער גרויסער, באַדויערט זײַן מזל:

„נישטאָ, נאַרעלע אײנער... מוזט זיך נעבעך אומקערן אײנער אַלײן אַהײם״.

דער שעמעוודיקער שמייכל איז נישט אַראָפּ פֿון זײַן פּנים אַפֿילו נאָכדעם, ווען ער איז אײנער אַלײן געגאַנגען צוריק צו זיך אַהײם, און אלישע האָט שוין הינטער אים געהאַט צוריק די טיר פֿאַרשלאָסן. זײַנע אַלע מאַנסבילשע באַציונגען צו איר, דער אַוועקגעפֿאָרענער, האָבן זיך אים געדוכט קינדעריש און נאַריש, נישט פֿאַר אַזאַ ערנסטן מענטשן, ווי ער, האָבן זײ געפּאַסט. פּלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט. אַרום אים אויפֿן לײדיק גרינעם פּלאַץ איז קײנער נישט געווען. ער האָט מיטן פֿרײערדיקן שמייכל צוגעשטעלט אַ פֿינגער זיך צום האַרצן און האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן אָנגעהויבן רעדן צו זיך אַלײן.

„בורמאַן!... האָט ער צו זיך געזאָגט, ביסט אַ נאַר, בורמאַן... ווי איך בין אַ ייד...״

אלישע, אַז ער האָט זיך יעדן אָוונט געלײגט שלאָפֿן, האָט ער פֿון גרויס עלנטקייט נישט געקאָנט אײנדרימלען און האָט בײַ זיך באַשלאָסן:

„מאָרגן פֿאָרט ער נאָך פּראַדאָטשקען... באַלד ווי ער שטײט אויף, דינגט ער אַ פֿור און פֿאָרט נאָך איר אַוועק״.

נאָר בײַנאַכט האָט ער ס׳רוב געהאַט שלעכטע חלומות וועגן געלט וואָס ער דערלײגט, און אײנדערפֿרי, בײַם אויפֿשטײן, איז ער

שוין ווידער געווען אויף איר אויפגעטראָגן און האָט זיך אָנגעטאָן מיט כּעס:

„אָט וועט ער אַוועקוואַרפן אַלע געשעפטן און וועט לויפן נאָך איר!... ער האָט מער נישט וואָס צו טאָן!"

און אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ גאַנצע וואָך, ביז אין שטאָט האָט זיך קעגן אים דער נייער טומל פאַרשטאַרקט, און ער האָט דערפילט, אַז ער גייט אונטער מיט זיין גאַנץ פאַרמעגן און לעבן; וועגן פּראַדאָטשקעס רוגז האָט ער שוין אַפילו קיין צייט נישט געהאַט צו קלערן.

אינם נייעם טומל זענען ווידער־אַמאָל שולדיק געווען די קרעמערס מיטן אַלטן שיכּור, וועמען ער האָט צעבלוטיקט, זיי האָבן געבראַכט דערצו, אַז די שטאָט האָט שבת־צו־נאַכטס אָפּגעהאַלטן אַ גרויסע אַסיפה ערגעץ אין איינער פון אירע קלויזן און האָט באַשלאָסן:

„אויב אַ גאַנצע שטאָט וויל נישט אַלישען פּאַר אַ בעל־טאַקסע, קאָן זי קיינער דערצו נישט נויטן".

צו דעם באַשלוס זענען באַלד צוגעשטאַנען אַלע אָרטיקע ייד־אחתדיקע קצבים; זיי האָבן צעהרגעט צוויי קצבים שותּפים, וואָס זענען פּלוצים איבערגעגאַנגען אויף אַלישעס צד, און האָבן מיטאַמאָל אויפגעהערט צו קוילן. דער נאָמן, פּאַר וועמען דער רב האָט זיך געעָרבט, האָט שוין מער נישט געבראַכט צו אַלישען אין שטוב קיין פולע טאַשן מיט זילבערנע רובלען און מיט מינץ, פון וועלכע ס'פלעגט שמעקן מיט רויען חלב און מיט יאַטקע־פלייש. ער האָט זיך לײדיקערהייט אַרומגעדרייט אין מאַרק און פון לאַנגווייליקייט געקנאַקט יאָדערן. און די קרעמערס זענען שוין געווען ביי זיך שטאַרקער און פרייליכער. זיי האָבן אין מאַרק אָפּגערעדט די גויים, וואָס טראָגן משכּנות צו אַלישען אין „סודנע קאַסע", און האָבן זיך מיט מער זיכערהייט געטרייסט:

„האָט קיין יסורים נישט... ער וועט בלייבן אַ קבצן".

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן די קצבים אָפּגעהאַלטן בסוד אַ באַזונדערע אסיפה און האָבן באַשלאָסן געבן אַלישען פּעטש. זיי האָבן געהאַט פולע מיילער מיט שווער באַוועגלעכער צונג און האָבן געשריגן אַלע צוזאַמען:

„די קישקעס וועט מען אים אַרויסלאָזן!"
„ער איז דאָ אַ פרעמדער..."
ביינאַכט זענען מיטאַמאָל ביי אַלע אָרטיקע שוחטים אויסגעשלאָגן געוואָרן די פענצטער, כדי זיי זאָלן אויפהערן קוילן הינער מיט גענז, און אין שטאָט איז געוואָרן גרעסער דער טומל. מ'האָט נישט געוווּסט, וועמענס אַרבעט דאָס איז: די קצבים האָבן אומישנע אויסגעשלאָגן די פענצטער ביי איינעם אַ זייעריקן, כדי דער חשד זאָל פאַלן אויף עמעצן אַנדערש. און אַליין זענען זיי, ווי אַלע פרימאָרגן, געשטאַנען אַלע אינאיינעם אין מאַרק און האָבן כלומרשט לצנות געמאַכט פון זיך אַליין און פונם נצחון, וואָס זיי פירן.
„וואַרט, אַלישע האָט נישט קיין קינדער, וואָס ווילן עסן".
„נאַר איינער, ביי אים קאָכט מען אום שבת, גאָט אין האַרצן האָט ער נישט".
ס'האָט זיך צוגערוקט אַ נייער מיטליאָריקער קצב, מיט אַ נאַריש לאַנגער באָרד און מיט ברודיק קאַליע אויגן, און האָט צוגעגעבן:
„פון די צען טויזנטער, וואָס ער האָט פון זיין געפּגרטן זיידן אָפּגעשוונדן, האָט ער דערווייל צעטרענצלט נישט מער, ווי פינף, ווי איך בין אַ ייד".
האָט מען אים אָנגערוקט דאָס היטל איבער די אויערן און אים גענומען רייצן:
„יצחק וואַראַטוטע, משוגענער גולם דו!... גיי שלאָג אויס אַלישען די פענצטער".
יצחק וואַראַטוטע איז געווען אַזוי טעמפּ, אַזוי קרעפטיק און שווער באַוועגלעך. אויף דער קצבישער אַסיפה האָט ער דער ערשטער זיך אַרויסגעזאָגט פאַר פעטש, ער האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז מ'דאַרף עס האַלטן בסוד, און אַז ביי טאָג איז דערויף קיין צייט נישט. איינגעהויקערטערהייט האָט ער אָפּגעשטופּט פון זיך די היימישע גוטע־ברידער, געשמייכלט נאַריש, ווי אַן אידיאָט, און האָט גערעדט מיט אַ קול פון אַ פאַרגרעבטן בעל־עגלה:
„גיי אַליין!... ווער פאַרברענט!"
ביי טאָג האָט חברה קצבים דערזען בורמאַנען מיט פרויקען אין עק מאַרק אַדורכגיין און געמאַכט אויף זיי אַ „טיוהאַ", ווי אויף האָזן.

„ס׳איז איין קאָמפּאַניע מיט אלישען, נאָר איינער״.

„געענדיקט די קלאַסן״.

„וואָס פרעגסטו ? מ׳רויכערט אינאיינעם די שבתדיקע פּאַפּיראָסן״.

מען האָט באַמערקט אלישעס דינסטמיידל, וואָס קערט זיך אום פון דער רוסישער קלייט, און איר געכומען נאָכשרייען אויפן קול:

„וואַרט, ס׳וועט אים אָקאָרשט די נשמה אַרויס, מלך גויס אייניקל !... ער מיינט, מ׳ווייסט נישט, אַז ער גייט אַרום מיט אַ רעוואָלווער אין קעשענע ?״

דעמאָלט איז אלישע פּלוצים אַרויסגעשפּרונגען פון שמאָלן געסל, וואָס צווישן דער פּאָסט און גויישן הקדש. דער סטראַזשניק, וואָס האָט אים באַגלייט, איז געבליבן שטיין וואַרטן, און ער איז גלייך צו צום בינטל קצבים און האָט גענומען אָנטרעטן אויף יצחק וואַראַטוטע.

„נו, האָב איך מורא פאַר דיר ? ! האָט ער צו אים געשריגן, נו וועסטו מיך גיין מסרן ?״

אים איז שוין אַזוי אויך געווען גענוג אָנגעזאָלצן אויפן האַרצן. פון גאַנצפרי אָן איז ער געשטאַנען מיטן סטראַזשניק ביי דער בוינע אַרויס דער שטאָט און האָט געוואַרט, אפשר וועט פּאָרט עמעצער קומען קוילן. און איצט איז ער ענדלעך מיט גרויס האַרצווייטיק אַרויס אַהער צו די קצבים, ס׳האָט געהאַלטן אויף אַ האָר ווייט פון פּעטש.

## VIII

יאַן דער סטרוזש, וואָס ביי אלישעס שטוב, איז געווען צעקריגט מיטן דינסטמיידל, דער קעכין. די סיבה פון דער קריג איז געווען אַ פולער קיך-צעבער, וואָס יאַן האָט צוריק מיט אַ פּאָר טעג זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוטראָגן. דאָס דינסטמיידל האָט פון גרויס אויפגערעגטקייט אויפגעהערט אָפּצוהיטן פון זיינעטוועגן די געקאָכטע און פעטע יויך-ציבלקעס און האָט מער נישט געוואָלט זיין פּנים אָנקוקן.

„ווי לאַנג קרענקט ער, האָט זי געזאָגט, בשעת ער האָט פון דרויסן די צוגעשלאָסענע קיך-טיר אַ שלעפּ געטאָן, ער וועט שוין ביי מיר ליגן אַ גאַנצע נאַכט אין דרויסן, ווי אַ הונט״.

יאַנען איז געווען לאַנגוויילִיק, ער האָט געדאָרשט נאָך אַ לעבעדיק וואָרט. אַ גאַנצע שטאָק־פֿינצטערע נאַכט האָט זיין פּייפל בענקענדיק געבוירערט די שטילע לופט, וואָס אין פאַרשידענע ווייטע סאָד־ווינקלען. מיטן טאָגלעך האָט ער זיך געשטעלט רעדן מיט אַ גוי, וואָס האָט אין אַ פאַרבלוטיקטן פּאַפּיר געטראָגן פון מאַרק דריי פונט פליש, און נאָכדעם האָט ער זיך שוין מער נישט איינגעהאַלטן און האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער פון אלישעס שלאָפצימער:

„באַרין!... אַ, באַרין... אין שטאָט פאַרקויפט מען פלייש, באַרין!...״

אלישע האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט שרעק, גלייך אויף אָט דעם ביייעם אומגליק וואָלט ער וואַרטן נאָך פון נעכטן און אַ גאַנצע נאַכט אין חלום.

„אַהאַ! די קצבים...״

באַלד איז ער אין אונטערשטע וועש אַראָפּ פון בעט און האָט געשווינט פונאַנדערגעעפנט דאָס פענצטער:

„ווער האָט געטראָגן?...״

זיין האָריקע צעכראַסטעטע ברוסט האָט זיך אין שרעק געוויגט די גאַנצע צייט, וואָס יאַן האָט איבערדערציילט; ער האָט נישט געפילט די פייכטע, האַלב־פראָסטיקע נאַכט־קעלט, געעטעמט קורץ און שווער און האָט פאַרשטאַנען נאָר איין זאַך:

„בשר־חוץ...״

איצט נאָכן צעשטערטן שלאָף האָט עס געווירקט מאָדנע שאַרף און קרענקלעך. די גאַנצע שטאָט, די קצבים, קרעמער און חשובע באַלעבאַטים האָט ער געפילט, ווי איין מעכטיק אַכזריותדיק געשטאַלט, ס׳איז אויסגעגאָסן פון איין שטיק, ס׳איז שווער, ווי אייזן, און ס׳דריקט שטומערהייט אים, דעם פונם שלאָף אויפגעריסענעם. צעשראָקן און גיך, גיך האָט ער אויף זיך געשלעפּט דאָס אָנטאָן, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך שוין געיאָגט צווישן די שלאָפנדיקע, האַלב־טונקעלע הינטער־געסלעך, וואָס נידעריקער פון מאַרק.

„כאַפּן... ער מוז כאַפּן!״

ער האָט זיך געוואָרפן פון אונטער איין געשלאָסענער שטוב צו דער צווייטער, גלייך נישט אָט די שטוב דאַרף ער, נאָר אָט יענע... יענע, וואָס

אַ פלעק פון אַן אויסגעגאָסענעם עמער וואַסער שוואַרצט זיך פון נעכטן אָוונט אָן לעבן איר געשלאָסענער הינטער־טיר און טוקט זיך, ווי דאָס גאַנצע געסל, אין פייכטן גאַנץ פריעגדיקן אַדעל און אין קילן מאָרגן־שלאָף. פון מאַרק האָט זיך נאָך אַלץ געהערט דער אומענדלעכער סקריפּ פון די שווער אָנגעלאָדענע וועגנס; דאָרטן אַרום האָט זיך קוים גערוקט די וויִאָרסטנדיק לאַנגע שורה פורן, וואָס שטעלן צו בוריקעס צו דער ווייטלעכער טאָרהאָרוויצער צוקער־פאַבריק. נאָר אָט האָט אַ ציטער געטאָן אויף פייכט קילער ערד איינער פון די לאַנגע נאַכט־שאָטנס, און זיך גענומען רוקן, רוקן; דאָס האָט די זון אָנגעצונדן דעם גאָלדענעם קלויסטער־שפּיץ, נאָך איידער זי אַליין האָט זיך באַוויזן. און פלוצים, אַ יאָג זיך, ווי אַ וויכער, אין אַ זייט צו אַ סקריפּ פון אַ הינטער־טיר און צו אַ פאַרשלאָפן דינסטמיידל, וואָס האָט זיך פון דאָרטן אַרויסגערוקט מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ און מיט אַ קאָשיק אין האַנט. נאָך איין רגע פון פאַרכאַפּטן אָטעם, און ער האָט געפּאַקט.

„אַהאַ!... פלייש!... וואָס פאַר פלייש? פונוואַנען טראָגסטו פלייש?!"

מיט פינף מינוט שפּעטער איז ער שוין מיט אָט דעם אויסגעריסענעם קאָשיק פלייש געווען ביים רב אין שטוב און האָט דאָרטן האַסטיק געקלאַפּט אין טיש:

„אַן ערלעכער ייד הייסט דאָס? אין דער גאַנצער שטאָט עסט מען בשר־חוץ, און איר ווייסט עס און שווייגט?..."

דער רב איז נאָר־וואָס געווען אויפגעשטאַנען פון שלאָף, ער האָט געהאַלטן פונקט ביי „אלוהי, נשמה שנתת בי טהורה", און האָט נישט געוווּסט פון עפּעס צו זאָגן. ער האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען:

„כ'ווייס, וואָס ער וויל פון מיר, אָט דער אָ... ער וועט דאָס מיך לערנען זיין אַן ערלעכער ייד!..."

אלישע איז פון דאָרטן אַוועק צום סטאַנאָוואָי און האָט טעלעגראַפירט צום איספּראַווניק נאָך הילף. אין אַנדערהאַלבן שעה אַרום האָט ער זיך שוין אינאיינעם מיט פיר סטראַזשניקעס געיאָגט פון איין קצבישער שטוב צו דער צווייטער, געזוכט אומעטום, אויף די בוידימער, אין די קעלערס, און האָט אין ערגעץ גאָרנישט געפונען. און נאָכדעם האָט ער זיך לאַנג געוואַלגערט ביי זיך אין פינצטערן שלאָפצימער און האָט פון גרויס האַרצווייטיק נישט געקאָנט איינשלאָפן. און נאָכדעם איז ער ווידער אָן

אַ היטל און אָן אַ קראַגן געשטאַנען אין פענצטער פון זיין שטוב און האָט געזען:

איבער דער שטאָט שטייט ווי שטענדיק די עלף אַזייגערדיקע זון, און פון אַלע קוימענס גייט רויך. אין יעדן טעפּל קאָכט זיך בשר־חזיר, זיין פלייש קאָכט זיך דאָרטן, און ער ווייסט עס, ער געדענקט, אַז ער ווערט איבער דעם פון טאָג צו טאָג מער קבצן, נאָר סיי־ווי־סיי איז שוין אַלץ פאַרפאַלן, און ער קאָן דערצו מיט גאָרנישט נישט העלפן.

און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דאָך אָנגעקומען אַ פּאַפּיר פון איספּראַווניק, מ׳זאָל אַרעסטירן דאָס פלייש, וואָס די קצבים וועלן אריינפירן פון דער פרעמד.

אלישע האָט עס געהאַלטן בסוד; ער האָט אָפּגעלייגט דעם אַרעסט אויף דער נאַכט, וואָס פאַר ערב ראש־השנה, און אַליין האָט ער זיך שוין ווידער אַרומגעדרייט ביי זיך אין שטוב מיט קריצנדיקע ציין און מיט גרויס שטאַרקייט קעגן דער שטאָט.

„היצלעס! אַ רוחן זייערע ביינער... זיי וועלן אָקאָרשט געוואָר ווערן, מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן".

דערצו איז נאָך דאָס וועטער קאַליע געוואָרן. די שטאָט האָט געזונקען אין וויסטן האַרבסט־חשכות און אין דריבנעם רעגן, וואָס ווערט געשמיסן צי פונם ווינט צי פון פחד, וואָס פאַר די נאָענטע ימים־נוראים. און די קצבים האָבן געהאַט איבערצוקומען גרויסע שוועריקייטן ביים צושטעלן דאָס פלייש פון דער פרעמד.

„ס׳קומט אָן מיט די גרינע ווערים, האָבן זיי זיך בסוד פאַר די קרעמער געקלאָגט, די גויים ווילן נישט פאָרן, כאָטש גיב זיי אַ קרענק".

און יאַן דער סטרוזש, וועמען אלישע האָט שטילערהייט אַוועקגעשיקט אַרומבלאָנקען אינם נאָענטן דאָרף, האָט זיך סוף־כל־סוף איינמאָל פאַרנאַכט אומגעקערט און האָט געבראַכט די נויטיקע ידיעה:

„די קצבים האָבן באַשטעלט סידאָר דעם קליינעם און פעטראָ פון דער מלינע. ביידע וועלן אַרויספאָרן מיט זייערע פורן תחילת־נאַכט, און ערב ראש־השנה פאַרטאָג וועלן זיי שוין זיין צוריק אין שטאָט".

---

דער רעגן איז סוף־כל־סוף הענגען געבליבן אין דער לופט, ער

האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ פייכטן און וואַרעמען דאַמף, וואָס האָט אַרויסגעזעצט דורכאויס, ווי פון אונטער וואַרעמע דורכגענעצטע הויפנס מיסט. אין דער נאַכט, וואָס פאַר ערב ראש-השנה, איז שוין אָט דער דאַמף געווען איבערגעגאַנגען אין אַ געדיכטן ברוינעם נעפּל. ער האָט די שטאָט געמעקט און געשלונגען פון אַלע זייטן. און אַז אַ גוי פון דאָרף איז צו איר געגאַנגען איינקויפן, האָט ער די ערשטע הייזער נישט דערקענט, אַזוי מאָדנע ניי און פרעמד האָבן זיי אים אויסגעזען. ס'האָט זיך געדוכט: די שטאָט איז אָפּגערוקט געוואָרן אפשר אויף אַ גאַנצן וויאָרסט פונם אָרט, ווו זי איז פריער געשטאַנען.

אין שטאָט האָט מען זיך געלייגט שלאָפן פרי, כדי אויפצושטיין פאַרטאָג צו די סליחות פון זכור-ברית, און נאָר קעגנאיבער דעם גרויסן ליידיקן פּלאַץ, מיטן נעפּל, וואָס הויערט איבער אים, האָט זיך צו שפּעט און צו שוואַך געלויכטן אין אַ פענצטער ביי אלישען אין שטוב. דאָרטן איז שוין אַלץ געווען אויסגערעכנט און צוגעגרייט צו דער פאַרטאָגיקער אַרבעט. פיר באַוואָפּנטע סטראַזשניקעס זענען געווען פאַרזעצט לעבן די פיר פאַרשידענע וועגן, וואָס פירן אַריין אין שטאָט, און אין שטוב זענען געבליבן וואַרטן אלישע, דער אוריאַדניק און יאַן דער סטרוזש, וואָס האָט אַ גאַנצן פאַרנאַכט נאָכאַמאָל אַרומגעבלאָנדזשעט אין נאָענטן דאָרף און האָט איצט געכאַפּט אַ געשמאַקן דרימל ערגעץ-ווו אין פינצטערן קאָרידאָר, לעבן דער קיך. אין היפּשן עסצימער איז די פּאָדלאָגע געווען שטאַרק בלאָטיק און אומריין, און געלויכטן האָט דאָרטן נישט מער, ווי דאָס אַריינגעדרייטע קיך-לעמפּל, כדי די שיין זאָל זיך קיינעם נישט וואַרפן אין די אויגן. אויסגעצויגן אויף פיר צונויפגעשטעלטע בענקלעך, האָט דאָרטן געשמאַק געשנאָרכעט דער פּולבייכיקער און שטאַרק קורצער אוריאַדניק, נישט געדענקט, וויפל ביסלעך בראָנפן ער האָט אין זיך אַריינגעגאָסן, און געבלאָזן פון שלאָף די באַקן מיט די ליפּן. אלישע איז געווען אָנגעטאָן אין פּאַלטאָ. אין אַ וואַרטנדיקער פּאָזע איז ער געזעסן אַקעגן אויף דער קאַנאַפּע, ווי מ'זיצט ביינאַכט אין דריט-קלאַסיקן וואַגאָן, און האָט פאַרטראַכט געקוקט אויפן אוריאַדניקס ברייטע גרינע הויזן און אויף זיינע נישט אָפּגערייניקטע בלאָטיקע שטיוול. פריער אַביסל, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַניק און זיך גענומען איינקוקן אינם ביינאַכטיקן

שווערן נעפּל, איז אים אַריין אין געדאַנק, אַז ביים איצטיקן באַגעגעניש מיט די קצבים קען טרעפן אַן אומגליק. און אין דער זעלבער רגע איז אים אַריין צווישן קראַגן און האַלז איינע פון די טראָפּנס, וואָס האָבן געטריפט פון דאַך, און איבערן גאַנצן לייב איז אים אַדורכגעלאָפן אַ געשווינטער און קאַלטער שוידער. אַז ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אין עסצימער צו דער קאַנאַפּע, איז באַלד אָט דער געדאַנק פאַרשווונדן, און דער פאַרגאַנגענער טאָג מיט דער איצטיקער נאַכט האָבן זיך געדוכט אַזוי ווייט און פרעמד, גלייך זיי וואָלטן פאָרגעקומען נישט איצט, נאָר טיף־טיף אין די קינדער־יאָרן. פון גרויס גלייכגילטיקייט צו אַלעס אַרום און צום אומגליק, וואָס קאָן געשען, האָט ער זיך אָפּגעגעבן דעם נאָגנדיקן דרימל און האָט באַלד פאַרלוירן דעם קאָפּ אויף דער ברוסט. אים האָט זיך שוין אַפילו אָנגעהויבן באַמבלען, ווי אַזוי דער זיידע זיינער, מלך גוי, זיצט אין דרויסן אויף די טרעפּלעך פון גאַניק און חקירהט מיט אַ באַקאַנטן גוי אַ בעל־גוף וועגן אים, זיין אייניקל אלישע, און וועגן אַלע אַנדערע היינטיקע יונגעלייט, וואָס ווייסן נישט, ווי אַזוי אָפּצוהיטן אַ קאָפּיקע.

„טאַק־טאָ, טאַק־טאָ”, זאָגט דער אַלטער און לאָזט אויף זיין שטייגער גאָרנישט נידעריק אַראָפּ דעם קאָפּ.

נאָר פּלוצים איז אַקעגן מיט גרויס רעש לעבעדיק געוואָרן איינע אַ שוואַרצע שויב, און אין אים האָט ווידער, ווי בייטאָג, גענומען זידן דאָס בלוט. ער האָט קוים אויסגעהערט, ווי דער אַריינגעקומענער סטראַזשניק דערציילט, אַז איין פור פלייש האָט ער געכאַפּט, און אַז די צווייטע איז אים, ווי אונטער דער נאָז, פאַרשווונדן.

„אומגליקלעך, האָט ער זיך צעשריגן אויפן אוריאַדניק, די היגע פּאָליציע מאַכט מיך אומגליקלעך!”

און נישט הערנדיק מער, וואָס דער פאַרשלאָפענער אוריאַדניק שטאַמלט, איז ער געשווינט אַרויס אין דרויסן.

אין יענער זעלבער נאַכט האָבן די קצבים געפּאַקט אלישען איינעם אַליין אונטערן שטאָט און האָבן אים אָפּגעשלאָגן די לונגען.

געשען איז דאָס אינם בלאָטיקן, מיט מאָך פאַרוואַקסענעם טאָל, צווישן בעראָזעווון וועלדל און פאַרלאָזטן טאָרהאָוויצער בריקל. דאָס איז געווען פּונקט אין יענער רגע, ווען אלישע האָט זיך דאָרטן, אין דער

פּינצטער, אָנגעשלאָגן אויף דער צווייטער אויסגעבאַהאַלטענער פור פלייש און האָט זיך געוואָלט לאָזן לויפן צוריק נאָכן אוריאַדניק און נאָך די סטראַזשניקעס. דעם ערשטן פּאַטש האָט אים געגעבן איינער אַ רויט-באַקיקער קצבישער בחור, וואָס זיין פאָטער האָט מען אין שטאָט גערופן „דער ליטוואַק".

„נאַ! האָט דערביי דער בחור אַ געשריי געטאָן פון צווישן שטייף צונויפגעדריקטע ציין, קריך נישט אַהין, ווו מ'דאַרף דיך נישט".

אלישען האָט זיך באַלד פון אָט דעם פּאַטש געלאָזט דאָס בלוט פונם אויער און פון די ציין; די באַק האָט אים אַ שטאַרקן שמאַרץ געטאָן. נאָר דער פאַרשטאַנד איז ביי אים געבליבן, ווי פריער, מאָדנע רויק און לויטער. זיינע אויגן האָבן פון זיך אַליין געמאַכט אַ באַוועגונג לינקס, כדי צו זען, ווער ס'האָט אים אָט דעם פּאַטש געגעבן. נאָר פונקט אין יענער רגע האָט זיך דער זעלבער פּאַטש איבערגעחזרט פון דער רעכטער זייט, גלייך ער, דער פּאַטש, וואָלט שוין זיין אַ זעלבשטענדיקער, אַ לעבעדיקער פאַר זיך. עמעצער האָט אים פון הינטן געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ אין די פיס, גאָר נאָענט צו די טרעט, האָט ער מיטאַמאָל אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד, און אויפן זינען זענען אים געשווינט אַרויפגעקומען פּראַדאָטשקע, דער ראַבינער, פרויקע טשערקיס און אַלע אַנדערע, וואָס וואָלטן אים איצט געקאָנט העלפן און זענען דאָ נישטאָ. די פאַרגאָסענע אויגן האָבן זיך אים אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן, נאָר איידער זיי האָבן זיך אינגאַנצן פאַרמאַכט, האָט נאָך פאַר זיי אַ בלאָנדזשע געטאָן אַ לאַנגע נאַרישע באָרד, מיט אַ פּאָר ברודיק קאַליע אויגן און אַ קרעפּטיקער פוס אין אַ שטיוול האָט מיט גרויס כעס זיך פאַרוואָרפן אויף צוריק, און עמעצער האָט אַ זאָג געטאָן:

„יצחק וואַראַטוטע, גיב אים טרוקענע... און מיט שכל, פערד איינער!"

און דער פוס, וואָס אין שטיוול, האָט באַלד אַ קנאַק געטאָן צו אים אין דער זייט און האָט אים מיטאַמאָל איבערגעקערט מיטן פּנים אַראָפּ. דענסטמאָל האָט זיך עמעצער אַראָפּגעבויגן איבער אים און גענומען רעדן, ווי איבער אַ מת, ביי וועלכן מ'בעט מחילה:

„און דעם שדכן האָסטו געמעגט שלאָגן?... אַ בראַנד אין דיינע ביינער".

און דער שטיוול האָט שוין געהאַקט דעם קאָפּ, אונטערן האַרצן און איןביידע זייטן, איבער זיין קערפּער איז מען ווי איבערגעפּאָרן מיט די רעדער און מיט דער גאַנצער שווערקייט פון דער פאַרלאָזטער פור פליישׁ, און נאָכדעם האָט מען אים איבערגעלאָזט ליגן איינעם אַליין און מ'איז אַנטלאָפן פאַרן פייפעריי פון די אָנלויפנדיקע סטראַזשניקעס.

ווען מ'האָט אים מיט דער ערשטער בלאַסקייט פון נעפל געבראַכט צו טראָגן אַהיים, איז ער נאָך אַלץ געלעגן אין חלשות. לעבן אים אין שטוב האָט זיך קיינער נישט געפונען, אַחוצן דינסטמיידל און אַחוצן אוריאַדניק, וואָס האָט אים געמינטערט מיט פאַרשידענע פראַגן, זיך אַלע-מאָל פונסניי אָנגעבויגן איבער אים און קיין ענטפער נישט געקריגן, און אַזוי האָט זיך געצויגן לאַנג, לאַנג, ביז אַרום ניין אַזייגער אינדערפרי.

דעמאָלט האָט די זון געפינקלט אונטער אַ פאַרבלענדעניש פון אָנגעוואַרעמטן נעפל און אויסגעזען קרענקלעך און חרוב, און פאַר דער שטוב זענען געשטאַנען אַ גאַנצע מענגע צוזאַמענגעלאָפענע ווייבער און קינדער און האָבן געוואַרט אויפן זעמסקי דאָקטאָר, וואָס האָט זיך שוין אַ האַלבע שעה צייט געפונען אינווייניק, אויסגעהערט אלישעס האַרץ און אים פאַרבייט די לעכער אויפן קאָפּ און אויפן נאַקן.

דער יידישער פעלדשער איז פון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען צום ערשטן. ער האָט גלייכגילטיק אויסגעשפיגן און האָט זיך געלאָזט אויספרעגן. האָבן שוין אין אַ ווײַלע אַרום אַלע געוווּסט, אַז אלישע האַלט שלעכט, און אַז דער דאָקטאָר האָט דאָרטן געזאָגט:

„די קלעפּ, וואָס ער האָט געכאַפּט אין קאָפּ, איז אַ קלייניקייט; דער עיקר איז דער שטילער הוסט זיינער. מיט אַזאַ הוסט, זאָגט דער דאָקטאָר, קאָן מען מער ווי אַ וואָך נישט לעבן".

איינע אַ יידענע איז באַלד געפאַלן אויף אַ שכל און האָט אָפּגעשטעלט דעם בעל-עגלה, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט ליידיקערהייט אויפן פלאַץ, און האָט געזוכט פאַרשוינען אין נאָענטן שטעטל טאַרהאָוויצע.

„טיפּש איינער, האָט זי אים געזאָגט, דו פלי בעסער אַוועק נאָך אלישעס ווייב קיין מעזשביזש. מ'וועט דאָך דיר דאָרטן באַצאָלן צוויי-מאָל שכירות".

דער בעל־עגלה האָט זיך לאַנג געקווענקלט, געקוקט באַלעבאַטים אין די אויגן און האָט ענדלעך געשמאַק אַוועקגעשמיסן מיטן מעזשביזשער וועג; אים האָט מען אויסגערעכנט, אַז אויב ער וועט צושמייסן די פערד, קאָן ער היינט, אום ערב־ראש־השנה, פאַרדינען אַ גאַנץ פינפערל און צוריקקומענדיק נאָך פאַרכאַפּן אַ „שטיקל באָד".

נאָר פאַר זון־זעצן האָט ער זיך אומגעקערט איינער אַליין אויף זיין מידער פור. ער האָט נישט געוווּסט, צו וועמען ער זאָל האָבן אַ טענה, זיך געאיילט צו פאַרכאַפּן אויף יום־טוב היי און האָבער פאַר די פערד און האָט מיט גרויס חרטה דערציילט, וואָס מיט אים איז אין מעזשביזש געשען:

„פריער שמייכלט זי אַזוי צו מיר, דאָס ווייב זיינס, און זאָגט: וואַרט, זאָגט זי, איך וועל פאָרן. און נאָכדעם גייט צו מיר אַרויס די מאַמע אירע, אָט די קליפּה, אַ רוח אין אירע ביינער! און מאַכט צו מיר: פאָרט געזונטערהייט, מאַכט זי צו מיר, פּראַדאָטשקע וועט נישט פאָרן. זאָגט אים דאָרטן, אַלישען, אַז ס'איז אַ ליגן, ער איז נישט שלאָף; פּראַדאָטשקע וועט נישט קומען, סיידן ער וועט זי איבערבעטן".

## IX

אין דער נאַכט, וואָס נאָך ראש־השנה, האָט דער ראַבינער בורמאַן געפּאַקט זיינע זאַכן. אַז ער האָט זיך נאָכדעם שפּעטער, ווי אַלעמאָל, געלייגט שלאָפן, האָט זיך אים געחלומט, ווי זיין שוועסטער, די האָרבאַטע מאַסאַזשיסטין, באַגלייט אים אַרויס אין וועג אַריין. זי באַגלייט אים מאָדנע איבערגעגעבן, ווי אַ מאַמע.

„לייבל, מאַכט זי צו אים מיט גרויס געטריישאַפט, ס'פעלט דאָך אַ קנעפּל אין דיין סטודענטישער טוזשורקע".

און בשעת זי האָט אָנגעבויגן איר לענגלעך, ראָזפּאַרביק פּנים צו איר פּערלמוטערנעם קנעפּל־קעסטעלע, האָט ער זיך דאָ ביי זיך אין בעט פון שלאָף אויפגעכאַפּט און האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אַזוי געדריקט און קרענקלעך שולדיק, גלייך גאַנץ קאַמעניצער נאַטשאַלסטווע איז פּלוצים געוואָרן וועגן די אַלע פאַלשע פּריזיוואָניקעס, וואָס ער האָט געמאַכט.

„בורמאַן! האָט ער, נישט עפענענדיק די אויגן, צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן, ביסט נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט דיך, בורמאַן...״

ער האָט אַ גאַנצן פרימאָרגן אין גרויס חרטה אַרומגעשפּאַנט בײַ זיך אין חדר און האָט זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט לעבן טיש, ווו דער שוועסטערס בריוו זענען פון זומער אָן געלעגן נישט קיין געענטפערטע. אַזויפיל מוסר האָבן אים אָט די שטומע בריוו געזאָגט און אַזויפיל רחמנות האָבן זיי געוועקט אין אים צו איר, דער פאַרלאָזטער. זינט זי האָט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט איר חיסרון, האָט זי אַריבערגעטראָגן איר גאַנצע געטריישאַפט אויף אים און האָט אים עטלעכע מאָל געוואָרנט אין אירע בריוו:

„לייבל, זינקסט אין אַ בלאָטע; לייבל קענסט זיך נאָך ראַטעווען, לייבל...״

איצט האָט זי אים שוין אַפילו אויפגעהערט צו שרייבן. מעגלעך, אַז זי האָט דאָרטן נישט פונוואַנען צו לעבן, נאָר אים שרייבט זי מער נישט.

פון גרויס עגמת־נפש האָט ער זיך נאָכאַמאָל צוגעלייגט אויפן בעט און האָט זיך אײַנגעהייב בײַעם דרימל פאַרטראַכט וועגן בריוו, וואָס ער וועט זיך באַלד זעצן שרייבן דער שוועסטער.

„ליבע שוועסטער,... וועט ער איר שרייבן, איך קוק זיך אַרום אויף מײַן גאַנץ לעבן״... וועט ער איר שרייבן.

ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס'איז גוט פאַרן בריוו אָט דאָס, וואָס ער הייבט איצט אָן צו דרימלען, ס'איז גוט פאַר די איצטיקע געפילן, וואָס ער פילט צו דער שוועסטער. אים האָבן זיך שוין אַפילו אָנגעהויבן חלומען זײַנע לאַנג געשטאָרבענע פאָטער־און־מוטער. ביידע זענען זיי מיט אים געזעסן אַרום אַ טישל מיט אַ זודיקן סאַמאָוואַר, און זײַן פאָטער, דער שרײַבער פון שטאָט־אופּראַווע, האָט צו אים געזאָגט:

„אַז אַ מענטש איז שוין אַלט דרײַסיק יאָר, האָט ער צו אים געזאָגט, אַז אַ מענטש האָט אין ערגעץ קיין היים נישט און באַטראַכט נישט, וואָס מיט אים וועט זײַן מאָרגן...״

נאָך אויסגעקומען איז שוין אַזוי, אַז דער בריוו צו דער שוועסטער איז סוף־כּל־סוף געבליבן אויפן טיש נישט קיין געענדיקטער, און ער איז נאָך אָפּגעשלאָפן איבעריקע עטלעכע שעה דאָ, בײַ זיך אויפן בעט,

ער איז אין ערגעץ נישט געפאָרן. זיין שווערער, זעקספּודיקער קערפּער האָט מער נישט געקאָנט איבערטראָגן די גרויסע יסורים, זיך געלאָזט אויף הפקר און געזונקען אין שווערער שנאָרכנדיקער רו.

ווען ער האָט זיך איינמאָל אויפגעכאַפּט פון אָט דעם צושטאַנד און זיך גענומען אַרומוואַשן מיט דער גוייעס אַ פרישן עמער וואַסער, האָט ער נאָר געדענקט, אַז ער איז יענער בורמאַן, וואָס איז אַמאָל געווען אַ סטודענט און וואָס איצט וויל מען אים דאָ אין שטאָט מאַכן אויס ראַבינער; אַז אלישע איז שטאַרק שלאָף און גייט פון שטוב נישט אַרויס, און אַז ביי אים, בורמאַנען, איז איצט אַן איבערגאַנג-צייט; איז ער נישט שולדיק, וואָס ער דרייט זיך דערוויילע אַרום ליידיק און האָט די לעצטע טעג אָנגעהויבן שטאַרק נאָכקוקן דעם אָרטיקן שוואַרץ-חנעוודיקן מיידל, דער מאָדיסטין. ער מוז זיך איצט גוט מישב זיין וועגן זיך מיט פּראַדאָטשקען, און דאָס וואַרט ער אויף איר, זי מוז דאָך סוף-כל-סוף צוריקקומען פון מעזשביזש.

ס׳איז געווען נאָענט צו זון-זעצן זיך, און דער מאַנסביל, וואָס אין אים, האָט זיך, ווי אַלעמאָל אין דער צייט, געשטאַרקט אין אים, אַרויסגעשלעפּט אינדרויסן צום עקסטן, ליידיקן שטאָט-פּלאַץ. דאָרטן האָט אים באַגעגנט דער זעמסקי דאָקטאָר, וואָס האָט זיך אַ גאַנצן זומער צוזאַמען מיט אים געבאָדן אין אָרטיקן שלענגלענדיקן טייכל. ער האָט אים באַטראַכט מיט קלוגעטשקע, צוזאַמענגעצויגענע אויגן, אָט דער דאָקטאָר, און האָט אים פריינטלעך אַ פליעסקע געטאָן פון הינטן, איבער די פעטע קנייטשן פון זיין געגאָלטן קאָפּ.

„בורמאַן, האָט ער אויף אים שמייכלענדיק צוגעשאָקלט, איר זייט אַ גאַנץ שיינער יונג, אויפן ערנוואָרט, נאָר איר טוט גאָרנישט און ווערט צופיל פעט... ס׳איז שעדלעך, קומט ווען איר ביי מיר אינדערהיים צעהאַקן אַ פור האָלץ״.

בורמאַן האָט, נישט עפענענדיק דאָס מויל, געענטפערט מיט אַ שמייכל.

דער דאָקטאָר, האָט דאָס געהייסן, איז געוויס אַ קלוגער. נאָר מיר זענען אויך נישט קיין נאַר. מיר האַלטן, אַז וועגן אַזעלכע זאַכן איז נישט כדאַי אַריינצולאָזן זיך אין אַ שמועס, און ענטפערן נישט מער, ווי מיט אַ שמייכל.

דענסטמאָל האָט אים דער דאָקטאָר, ווי זיינעם אַ גלייכן, אָנגענומען אונטער דער האַנט און האָט מיט אים אַוועקגעשפּאַנט צום וויטן קאָשטשיאָל-ווינקל, ווו ער האָט נאָך באַדאַרפט אַריינגיין צו איינעם אַ חולה.

„אלישע, האָט ער אים אויפן וועג דערציילט, האַלט שלעכט, אַ גרויסער ספק, צי ער וועט נאָך זי וואָך אויסלעבן".

„אַזוי?!" דער ראַבינער האָט זיך דערשראָקן, גלייך ער וואָלט שולדיק זיין אין אלישעס טויט.

דער צווייטער געדאַנק זיינער איז שוין אָבער געווען נישט וועגן אלישען, נאָר וועגן פּראַדאָטשקען. דווקא וועגן איר. ער האָט געקלערט, אַז ס'איז נויטיק, ער זאָל זיך אומקערן און זאָל איצט אומישנע אַריינגיין אַ קוק טאָן אַהין צו אלישען אין שטוב. נאָר פּונקט אין דער צייט, וואָס ער האָט זיך מיטן דאָקטאָר אָפּגעזעגנט, האָט זיך אַקעגן, פונם שמאָלן פאַרוואַקסענעם געסל אַרויסגעוויזן דאָס שוואַרץ-חנעוודיקע שלאַנק-וווקסיקע מיידל, די אָרטיקע מאָדיסטין, און האָט אויף אים אַ ווי געטאָן מיטן ריח פון אירע פּאַרפומען. זי איז דורכגעגאַנגען גאָר נאָענט פאַרביי אים און האָט אויף אים נישט געקוקט. אין די אויערן האָט אים נאָר אַ שאַרך געטאָן דער גערויש פון איר אונטערשטן זיידענעם קליידל, און אין דער זעלבער צייט האָט זיך מיטאַמאָל אַזוי געשטאַרקט דער מאַנסביל, וואָס אין אים, אַז ער האָט זי שיער ביים נאָמען נישט אָנגערופן און האָט זי שיער לעבן זיך נישט אָפּגעשטעלט. ער האָט איר נאָכגעקוקט מיט שמייכלדיקע אויגן. איצט, בשעת די זון איז דאָ, קעגנאיבער דעם ליידיק גרינעם פלאַץ, פאַרגאַנגען אַזוי גרויס און רויט, ווי אַ גרויסער דורכזיכטיקער מאַראַנץ, און פון נאָענט און פון ווייט האָבן הייזער און זייערע פענצטער אָט די רויטקייט אָפּגעשפיגלט, האָט אָט דאָס אַוועקשפּאַנענדיקע מיידל אויסגעזען אַזוי ניי און פריש. עפּעס האָט ער געטראַכט וועגן איר, נאָר אַליין האָט ער נישט געוווסט אויף קלאָר, וואָס ער טראַכט. ער האָט נאָר געשמייכלט צו זיך אין דער נאָז, און האָט אַזוי פּאַמעלעך ווייט-ווייט אַוועקגעשפּאַנט נאָך איר אין שטאָט אַריין.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, שפּעט אין בין-השמשות, האָט אים פרויקע טשערקיס באַגעגנט אין שמאָלן הינטער-געסל, ווו דאָס מיידל,

די מאָדיסטין, וווינט. בורמאַן האָט זיך דאָרטן איינער אַליין אַרומגע־דרייט אַרום דער שטוב פונם מיידלס מוטער, דער אַלמנה, און האָט געהערט, ווי קעגנאיבער די פאַרמאַכטע טיר און פענצטער שטעפּט מען אויף אַ מאַשין.

פרויקע איז געווען שטאַרק צופרידן פונם הונדערטער, וואָס ער האָט אָקאָרשט היינט אינדערפרי פאַרדינט ביים אָרטיקן גלח. ער האָט אויפן ראַבינער פריילעך אויסגעגלאָצט די אויגן:

„זע נאַר!... גזלן, וואָס טוסטו דאָ?"

און באַלד האָט ער געכאַפּט אַ קוק צו דער שטוב, פונוואַנען ס'הערט זיך דאָס שטעפּן פון מאַשין. ער האָט קלוגעטשקערהייט עפּעס תּופס געווען און האָט אים אַהין, צו די פענצטער, אַ ווונק געטאָן:

„נאַר איינער, זי ווערט דאָך גאָר אַ כּלה, די שוואַרצע, ווי איך בין אַ ייד... זי נעמט יאָסל דעם רימערס זון, נעמט זי".

ער האָט איצט אויסגעזען מאָדנע ניי און פריש, אָט דער שוואַרץ־געגרייזלטער פרויקע, וואָס האָט די לעצטע צייט געהאַלטן אין איין אַרומיאָגן אין דער געגנט מיט אַ גאַנצן פּאַק פּרייזקוראַנטן און האָט פאַרקויפט פּריצים אַקערס מיט דרעשמאַשינעס. אין זיין קליינעם טאַשן־ביכעלע, וואָס ער האָט דאָ אויפן אָרט דעם ראַבינער באַוויזן, זענען געווען אונטערגעצויגן פּרישע אַכצן הונדערט רובל ריווח. און אַליין איז ער שוין איצט אינמיטן דער וואָך געווען אָנגעטאָן אין אַ נייעם גרינלעכן אַנצוג און בלאַנקנדיק ווייסע אויבערשטע וועש און אין אויך אַזאַ נייעם גרויסשטעטיקן האַלזשטיק.

„דו פאַרשטייסט, האָט ער דעם ראַבינער פריילעך גענומען טייטן אויף זיך, דער עיקר איז, אַז מ'בלייבט ביים שכל און מ'הייבט אָן פאַרדינען געלט... שאַ! און וואָס מאַכט עפּעס אלישע? אַ רחמנות... ביסט ביי אים נישט געווען?"

ער האָט געוואָלט קלאָר מאַכן דעם ראַבינער, פונוואַנען צו אים נעמט זיך די גוטמוטיקע שטימונג, האָט ער אים אונטער דער האַנט אַוועקגענומען:

„מענטש איינער, וויבאַלד איך האָב מיר אָנגעהויבן פאַר־דינען און לעבּ מיר, ווי אַ מענטש, וואָס זשע האָב איך חלילה עפּעס צו דיר, צו מאַניען, צי אַפילו צו אלישען, למשל?

וואָס, נישט אַזוי? קום, וועלן מיר אַריינגיין צו אים געוואָר ווערן".

אָבער ווי נאָר זיי זענען אַריינגעקומען צו אַלישען אין פּאָדערשטיבל, האָבן זיי גלייך דערפילט, אַז די שטוב איז פול מיט שטימונג פון מסוכּנעם קראַנקן, וואָס לעבט שוין נאָר, כּדי זיך צו מאַטערן און אַרויס־צוגעמען דאָס חיות ביי די, וואָס דרייען זיך אַרום אים. דאָס שלעקל, דאָס דינסטמיידל מיטן פאַרבונדענעם קאָפּ און אומגעוואַשענעם פּנים האָט זיי דאָרטן גלייך אָפּגעשטעלט און גענומען דערציילן, וויאַזוי זי איז דאָרטן מיט „אים" איינע אַליין אין שטוב, און וויאַזוי „ער" האָט זי שוין פאַרמאַטערט; זי האָט אים שוין אַפילו נישט גערופן ביים נאָמען.

„זי איז דאָ איין מענטש און האָט שוין פּשוט נישט קיין כּוח פון אים אויסצושטיין".

אַרום־און־אַרום האָט די לופט געשמעקט מיט מייזנקויט און מיט לאַנג נישט געלופטערטער קיך. אין עסצימער אויפן טיש, לעבן רויכערנדיקן קיך־לעמפּעלע, איז געשטאַנען אַ פולער עמער מיט בלאָטיקע שטיקער אייז, און אַרום אים האָבן זיך געוואַלגערט עטלעכע פאַרטריקנטע ביינדלעך פון אַן אָפּגעגריזעט עוף. אָט די פאַרטריקנטע ביינדלעך, אַז מ'האָט אויף זיי לאַנג געקוקט, האָבן זיי אָן אַן אויפהער דערמאָנט אָן דער מרה־שחורהדיקער פוסטקייט, וואָס ציט זיך פונדאַנען איבער דער גאַנצער לענג פון באַלויכטענעם זאַל ביז די אָפענע טירן פון פינצטערן שלאָפצימער. און ביי דער זייט איז נאָך אַלץ געשטאַנען דאָס פאַראיבל־דיקע דינסטמיידל און האָט גענודעט:

„אַז עסן עסט ,ער' שוין גאָרנישט; עס גליסט זיך אים נאָר. האַלט ,ער' מיך נאָר אין איין אַרומיאָגן איבער דער שטאָט, איך זאָל אים קריגן און קאָכן פאַרשידענע פּאָטראַוועס. אָט זאָלן זיי אַזוי גוט זיין און אַ קוק טאָן, ווי ביי איר איז אַ קיילעכדיקן מעת־לעת די קיך צעלייגט".

און זי האָט דערציילט, וויאַזוי נעכטן אינאָוונט האָט זיך אים פאַרגליסט מילכיקע קנישעס, און זי האָט געמוזט די גאַנצע שטאָט אויסלויפן נאָך פּוטער און קעז און אים באַקן קנישעס. און ביינאַכט, זי איז נאָר אַנטשלאָפן געוואָרן לעבן זיין טיר אויף דער פּאָדלאָגע, אַזוי וועקט ער זי שוין: ס'דוכט זיך אים, אַז ער וואָלט איצט עפּעס געגעסן... אַ פּסחדיק קעזל וואָלט ער איצט געגעסן.

„זאָלן זיי מוחל זיין, אַ קוק טאָן, ווי אָט די קנישעס מיטן קעז שטייען נאָך איצט אויף אין קיך, ,ער׳ האָט זיך אפילו צו זיי נישט צוגערירט״.

זי איז געווען געגנוג פאַרביטערט, אָט דאָס פאַריאָגטע דינסטמיידל, און האָט וועגן אים, דעם שלאָפן, שוין נישט אָן גיפּט גערעדט.

זי האָט באַמערקט, ווי זיי קנייטשן זיך אויף איר הויך רעדן, האָט זי מאָדנע שלעכט אַ שמייכל געטאָן:

„וואָס, איר מיינט: ער שלאָפט?... ער שלאָפט נישט, גאַנצע נעכט שלאָפט ער נישט... אַזוי ליגט ער דאָרטן אַ גאַנצן מעת־לעת און לאָזט מיך נישט עפענען די לאָדנס... נישט ער שלאָפט אַליין, נישט ער לאָזט יענעם שלאָפן״.

פּרויקע מיט בורמאַנען זענען דאָך אַריין אין זאַל מאָדנע שטיל ווי מורא האָבנדיק עמעצן אויפצוועקן, צוגעקומען ביז די שטולן אויף די שפּיץ־פינגער און זיך דאָרטן ביידע אין איין שורה אַוועקגעזעצט. אַ ווײַלע איז געווען שטיל. בורמאַן האָט לעבן זיך אויף דער פּאָדלאָגע דערזען אַ פאַרטריקנט שטיקל בלאָטע, וואָס דעם אוריאַדניקס שטיוול האָבן עס, אַפּנים, נאָך צוריק מיט עטלעכע טעג אַהער פאַרטראָגן. ער האָט זיך זיצנדיקערהייט איינגעבויגן צו דעם, ווי אויף צו פאַרווײַלן זיך, און האָט אויף דעם געקוקט לאַנג־לאַנג, ווי וואַרטנדיק, אַז אָט־אָט וועט עס זיך אָנהייבן רירן און וועט אַוועקקריכן איבער דער גאַנצער לענג פון זאַל. און פּרויקען איז שוין געווען מאָדנע לאַנגווײַליק, און חרטה האָט ער געהאַט אויף אָט דעם גאַנצן וויזיט. ער האָט מיט איין האַנט זיך געגעבן אַן אומצופרידענעם קראַץ הינטערן קאָלנער און מיט דער צווייטער האָט ער אַ קיצל געטאָן בורמאַנען אונטער דער פּאַכווע:

„האָסט דאָ אַמאָל אָפּגעלעבט אַ גוטן טאָג, אַ?״

ער האָט געוואָלט עפּעס צוגעבן וועגן פראַדאָטשקען. זי ווייסט נישט, אַז אלישע איז שלאָף. זיין שכן האָט אים דערציילט, אַז ער האָט זי אָקאָרשט אַ טאָג פאַר ראש־השנה געזען אין מעזשביזש אַרומשפּאַצירן מיט אָפיצירן. נאָר דאָס דינסטמיידל, וואָס איז פון זייערטוועגן אַריינגעגאַנגען אין שלאָפצימער געוואָר ווערן, האָט זיך פּלוצים צו זיי אומגעקערט אַזוי מאָדנע פאַרוואונדערט און ערשטוינט:

„זע נאָר! האָט זי געזאָגט אַזוי פאַרטראַכט און מיט אַזאַ טאָן,

גלייך ס'איז נאָר-וואָס געשען עפּעס אַן אומגעהערטער נס, ער איז דאָך טאַקע אַנטשלאָפן געוואָרן, אלישע".

X

פרויקע טשערקיס איז אָפּגעשלאָפן אַ גליקלעך אויפגערעגטע נאַכט איבערן היפּשן ריווח, וואָס ער האָט נעכטן פאַרדינט ביים אָרטיקן גלח, און האָט זיך אויפגעכאַפּט חתנדיק געשטימט און מיט אַ נייעם פריילעכן געדאַנק:

„איצט, אַז אים האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן גיין אַזוי גוט, איז שוין גאָרנישט אַזאַ אומגליק, וואָס מאַניע האָט אים אַוועקגעוואָרפן... ער מיינט עס באמת: ווען ער גט זיך מיט מאַניען, וואָלט ער איצט נישט געקאָנט חתונה האָבן אַפילו מיט אַזאַ מין פּראַדאָטשקען, למשל?"

און נאָכדעם פּוצט ער זיך אויס אין אַלץ נייעס, וואָס ער פאַר-מאָגט, לאָזט זיך אַרויס שפּאַצירן אין מאַרק אַריין און פילט זיך דאָרטן אַזוי יום-טובדיק און ניי, ווי אָט דער פרישער זונענדיקער און ווייכער פרימאָרגן, וואָס האָט פונסניי געצונדן וואַרעמען צווישן די בערג דאָס טיף באַגראָבענע דובראָוויטש.

„בכלל יאָגט ער זיך שוין גאָרנישט אַזוי נאָך געלט. ער איז דאָך נאָך, חוץ אַלע פאַרדינסטן זיינע, אַ פאַרמאַצעווט; וויל ער, וואַרפט ער גאָר אַוועק אָט די אַלע מסחרים און שטעלט זיך אַרבעטן אין אַן אַפּטייק, אין אַ דאָרף".

און אים הייבט אָן הנאה טאָן, וואָס ער קאָן אַרומגיין אַביסל ליידיק און וואָס ווען ער וויל קאָן ער אַוועקוואַרפן אָט די אַלע מסחרים און זיך שטעלן אַרבעטן אין אַן אַפּטייק אין דאָרף...

„ער מיינט עס באמת: געלט איז טאַקע אַ זאַך, אָבער נישט אַלץ; ער איז דאָך נישט געגליכן צו אָט די אַלע אַרומיקע דובראָווי-טשער בהמות".

לעבן טונקלשטיינס געמויערטער און גרויסער מאַנופאַקטור-קלייט דערזעט ער טונקלשטיינס יינגערן זונס ווייבל, אָט די, וואָס האָט קיין קינדער נישט.

„אַ רחמנות, טוט ער ווען איר אַ טראַכט, אַ יונג ווייבל וויל געוויס האָבן קינדער".

אים איז געפעלן, וויאַזוי זי שטייט אַקעגן דער זון אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָןביישטידל פון קלייט-טיר, און דער שאַרף הענגט איר אַראָפּ ביז איבערן מויל, כּדי זי זאָל נישט אָפּגעבּרענט ווערן. שטייט ער אַ ווײַלע פונוויטנס, קוקט אויף איר און פילט, ווי דער רחמנות נאָגט שטיל ביים האַרצן.

„אַ מענטש, למשל, קערט ער זיך אום צום פריערדיקן געדאַנק, אַז ער פאַרדינט זיך, וויפל ער דאַרף, און איז אָנגעטאָן און איז זאַט, הייבט ער זיך אָקאָרשט אָן צוצוקוקן און רחמנות האָבן אויף זיך און אויף דער אַרומיקער פרעמדער וועלט... אַ מענטש איז שוין גאָרנישט אַזוי שלעכט..."

„און אָט איז טאַקע ער, פרויקע אַליין: וואָס קער ער זיך, אַשטייגער, אָן מיט אָט דעם ווייבל?"

„פאַני ראַבקין! מאַכט ער עטלעכע טריט צום אָרטיקן מיטליאָריקן דראָגיסט, וואָס די גילדענע ברילן רייטן אים פון תּמיד מאָדנע גרינג אויף דער פאַרריסענער נאָז, און ער זעט דעריבער אין זיי אויס אַביסל צעטראָגן, ווי אַ געבילדעטער. פאַני ראַבקין, חזרט ער איבער, בשעת ער דערנענטערט זיך צו אים, איך גיי דאָ אַרום און קלער: אויף מיר, למשל, זאָגט מען דאָ אין שטאָט, אַז איך בין אַ שלעכטער... אַ? גוט אַזוי?..."

נאָר ראַבקין דער דראָגיסט איז שטאַרק צעטראָגן איבערן קאָמעניצער קאָמיסיאָנער, וואָס פאָרט נישט צו נאָך דער פאַרזאָגטער באַשטעלונג. ער קוקט אויף אים אַרויס מיט גרויס אומגעדולד, שטייענדיק לעבן דער גלעזערנער טיר פון זיין אויסגעפוצטן מאַגאַזין און מורא האָבנדיק, אַז ער וועט שוין נישט צוקומען. און הינטער אים שטייט זיין רויטהאָריק, פון תּמיד אָן שטאַרק אויסגעדאַרט ווייב און עסט אים מיט אַ שטילן קוויטש, ווי אַ וואָרים.

„ביסט אַ מבין?! ער איז ביז האַלבן טאָג געווען צעטראָגן מיט זיינע ציוניסטישע בריוולעך, איז ער געווען צעטראָגן... ער האָט נישט געקאָנט באַשטעלן דעם קאָמיסיאָנער גאַנצפרי, האָט ער אים נישט געקאָנט באַשטעלן".

פרויקען איז געפעלן אָט דאָס קאָמישע פּאָרל. ער, אַ פעמפּיקעוואַטע און קאַרג יידל מיט אַ צוגעשוירן בערדל, וואָס פאַרקויפט באַהאַלטן

פונם ווייב ציוניסטישע מאַרקעס, און זי, אַן אויסגעבויגענע, ווי אַ צו פּאַרטיקע, איינגעטריקנטע זאַנג און ווערגט זיך, בשעת זי רעדט אויף איר קוויטשיק קולכל, גלייך דער שלאַק אין איר איז צו גרויס, ער זאָל זיך דורך איר שמאָלן האַלז אַרויסרייסן.

דאָך גייט ער פון דאָרטן אַוועק אַן אומבאַפרידיקטער, מיט אַ נישט דערזאָגט וואָרעם וואָרט און מיט אַ תּרעומותדיקן שמייכל אין די אויגן.

„אַ פאַרגרעבטע שטאָט דובראָוויטש...״

און אים פאַרבענקט זיך שטאַרק נאָך אַן אויסגעאיידלטן לייטישן מענטשן, וואָס וואָלט איצט הנאה געהאַט פון אַרומגיין אַביסל ליידיק, אָט אַזוי ווי ער, און וואָס וואָלט אים איצט געקאָנט אויסהערן.

„אָך, אַ גוטן־ברודער צו האָבן...״

אָט וואָלט ער, דוכט זיך, איצט אַוועקגעגאַנגען צום ראַבינער און וואָלט אים גענומען מיט זיך שפּאַצירן אַהין, אַרויס שטאָט, ווו פעלדער זענען, ווי נאָך פּסח, פאַרגאָסן מיט וואַרעמער זונענשיין, און וואָלט אים דאָרטן געזאָגט:

„ברודערקע, וואָלט ער אים דאָרטן געזאָגט, אַז דו האָרעוועסט אויף פּרנסה און ביסט פאַרטראָגן, איז דיר גוט, נאַר איינער. נאָר אַז דו באַקומסט, וואָס דו דאַרפסט, און טראַכסט זיך איין אין אָט דעם אַרום־און־אַרום, זעסטו, אַז ס׳איז פאַראַן אַ שיינע וועלט, און דו האָסט אויף איר עפּעס רחמנות, אויף אָט דער וועלט, און ס׳ווערט דיר עפּעס אַזוי טומלדיק, ווערט דיר״.

איז אָבער דער ראַבינער געוואָרן די לעצטע צייט אַזאַ שווערע קלאָץ. אַמאָל, ווען ער האָט אין זיין סטודענטישער טוזשורקע אוראָקן געגעבן, איז ער נאָך געווען אַ שטיקל מענטש און רעדן האָט מען מיט אים געקאָנט. און איצט שמייכלט ער אויף אַלץ, וואָס מ׳זאָגט אים, צו זיך אין דער נאָז און שטומט, ווי אַ קלאָץ שטומט ער.

„עט! אַ פאַרגרעבטע שטאָט דובראָוויטש...״

ער דרייט זיך דאָך נאָך לאַנג אַרום אויסגעפּוצטערהייט אין מאַרק און שטעלט זיך ענדלעך רעדן מיט אלישעס דינסטמיידל, וואָס קערט זיך אום פון מאַרק מיט אַ קאָשיק אין האַנט:

„נו, וואָס הערט זיך? וואָס מאַכט ער עפּעס, אלישע?״

„וואָס זאָל זיך הערן, וואָס...״
דאָס דינסטמיידל האָט נאָך אַלץ אַן אומגליקלעך פאַרמאַטערט און אומגעוואַשן פּנים.
„פון נעכטן אָן האַלט ער דווקאָ אין איין שלאָפן. זי ווייסט, וואָס פאַר אַ שלאָף דאָס איז?... אינמיטן גאַנצפרי האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ גליסטעניש נאָך פרישע שבתדיקע פיש. אָט דאָס האָט זי זיך דריי שעה כסדר אַרומגעדרייט אויפן דאָרף און האָט קוים געקריגן אָט די צוויי פונט קאָרעסן. נאָר נאָך פראַדאָטשקען איז נאָך פאַרטאָג אַוועקגעפאָרן אַ פור מיטן דאָקטאָרס אַ קאַרטאָטשקע. אפשר איז זי שוין דאָרטן געקומען און וועט מאַכן אַן עק צו אירע, דעם דינסטמיידלס, צרות״.
„אַזוי? פרעגט פּרויקע איבער, קאָן זיין, אַז זי איז שוין דאָרטן געקומען, פּראַדאָטשקע?״
אים טוט אַ מאָדנעם ציִ אַהין, צו אלישעס שטוב, וווהין ס'איז שוין, אפשר, געקומען פּראַדאָטשקע. דאָך גייט ער אַוועק צו זיך אַהיים און עסט אָפּ מיטאָג, און נאָכדעם לייגט ער זיך צו אויף אַ פּאָר שעה שלאָפן, כדי אויסצוהאַלטן אין זיך די לייטישקייט און נישט צו לויפן אַהין באַלד, ווי זי איז געקומען. איינמאָל האָט זי צו אים געזאָגט אָט די פּראַדאָטשקע:
„פּרויקע, האָט זי אים איינמאָל געזאָגט, שווערט זיך נישט אַזוי פיל מאָל ,ווי איך בין אַ ייד'. ס'נישט שיין, פּרויקע״.
אַרום דריי אַזייגער בייטאָג, ווען פּרויקע איז נאָך אָט דעם יום-טובדיקן שלאָף אַריינגעקומען צו אלישען אין פּאָדערשטיבל און האָט דאָרטן פון פּראַדאָטשקעס כבוד וועגן אויסגעשריגן זיין בחורשן און פריילעכן „בודטע זדאָראָווע סערעדאָיר״, איז שוין אלישע געווען אַ מינוט צען טויט און איבערגעדעקט מיט אַ ליילעך. נישט ווייט פונם מת אויפן קאָמאָד האָבן געדעמפּט די פרישע, נאָר-וואָס אָפּגעקאָכטע, שבת-דיקע פיש, און די פור פון מעזשביזש האָט זיך, אַפּנים, נאָך אַלץ נישט געהאַט אומגעקערט, מ'האָט נישט געוווּסט, צי פּראַדאָטשקע קומט, צי ניין.
אַ ווײַלע איז פּרויקע לייטיש דאָרטן אין שלאָפצימער געשטאַנען און האָט, ווי פאַרענטפערנדיק זיך, געטראַכט:
„וואָס זשע, איך בין אים, חלילה, געווען אַ שונא, אלישען?״...
און נאָכדעם האָט ער דערהערט דאָס גרילצנדיק פרעמדע געוויין

פונם דינסטמיידל, וואָס לויפט אָן פון דרויסן מיט אַ פריש געבאַפטן פונט ליכט. אים האָט געאַרט, וואָס אָט דאָס מיידל איז נאַריש, האָט ער ביי איר פון די הענט די ליכט צוגענומען און האָט זיך אויף איר לייטיש פאַרקרימט.

„שאַ! ביסט אַ מבין, ווי זי האָט זיך צעקוויטשעט, האָט זי זיך! דעם געשטאָרבענעם טאַטן אירן באַוויינט זי".

דאָס מיידל איז אַוועק ערגעץ־וווהין אין קיך אַריין און גענומען וואָיען דאָרטן מיט אַ דערשטיקט און דערוואָרגן קול. און אַרום דער שטוב, וואָס מיט אָפענע פענצטער, איז געווען מאָדנע שטיל און לאַנגווייליק. דאָרטן האָט זיך נאָר פאַמעלעך געצויגן די דריי־אַזייגער־בייטאָגעדיקע שעה; יאַן דער סטרוזש האָט זיצנדיק אויף די טרעפלעך פון גאַניק, דערציילט דער שלאַכטין דער וועשערין, וויאַזוי די קצבים האָבן אלישען צעשלאָגן, און די גוייע איז געשטאַנען אַקעגן אים מיט איבער־געפלאָכטענע הענט אויף דער ברוסט און געשאָלטן אויף גוייש אַראָפ צו דער פאַרגרעבטער שטאָט צו:

„אַ כאָליערע אויף זיי!... אָ, די הענט זאָלן זיי אָפגעדאַרט ווערן... אָ, דאָס לייב און לעבן זאָל זיי אָפנעמען"...

פרויקע האָט דערזען דעם ראַבינער איינעם אַליין נישט ווייט פון שטוב שטיין, איז ער צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט:

„וואָס זאָגסטו, אַ שיינער תּכלית?..."

אים איז, קוקנדיק אויפן ראַבינער, באַלד אַ געדאַנק איינגעפאַלן, האָט ער אים אָן אַ זייט אָפגערופן.

„נאַר איינער, אַ שלעכטע ירושה מיט אַ שלעכט ווייב האָט דיר אלישע צוגעגרייט?"

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. דער ראַבינער איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרטראַכט, מיט ביידע הענט אין די טאַשן פון זיין שוואַרצן האַרבסט־רעקל און מיט אַ מינע פון אַ מענטשן, ביי וועמען מ'דאַרף זיך לערנען דרך־ארץ האָבן פאַר אַ שטוב, ווו ס'ליגט נאָך דער מת. נאָר פלוצים האָבן זיך ביי אים דער שטערן צוזאַמען מיט די אויגן גענומען קנייטשן אַרויף און געדאַכט האָט זיך, אַז ער מיינט מיט דעם צו טאָן אַ שעמעוו־דיקן שמייכל.

„נאַר איינער, די וועלט איז בלאָטע, ווי איך בין אַ ייד".

# יוסף שור

## I

אָנהייב פרילינג האָט דער גרויס-סעטרעניצער גמרא-מלמד יעקב-נתן ווידערפּאָליער אָנגעשריבן אַ לשון-קודש-בריוו צו מחר-טובן קיין בראַשעק.

אין בריוו איז געשטאַנען:

„צי קאָן מיר נישט מיין פריינט און באַקאַנטער אַרויסשרייבן באַריכות, ווער איז דאָס געווען יהושע-העשל ראַפּאָפּאָרטס איידעם משהלע לעווין, יענער משהלע לעווין, וואָס האָט צוזאַמען מיט יהושע-העשלס רייכן זון געירשנט די גרויסע בראַשקער צוקער-פאַבריק און איז פאַראַיאָרן געשטאָרבן?"

און ווייטער איז אין בריוו געשטאַנען:

„פון מיר איז נישט פאַרהוילן, אַז מיין האַר מחר-טוב איז געווען אַ גרויסער מקורב צו משהלע לעווינס הויז, דאָך בין איך זיך סומך אויפן לייטישקייט פון מיין האַר און פריינט, און גלויב, אַז ער וועט מיך, חלילה, נישט פאַרפירן און וועט מיר אַרויסזאָגן דעם גאַנצן אמת פון אונטער זיין האַרץ".

אויף דעם דאָזיקן בריוו איז יעקב-נתנען אָקאָרשט אין צוויי וואָכן אַרום אָנגעקומען אַ דריבנע אָנגעפילט לשון-קודשדיק קאַרטל. אַ טייל פונם קאַרטל האָט פאַרנומען דער לאַנגער בכבודיקער טיטל, און אינגאַנצן איז דאָס געווען געשריבן כמעט אינם זעלבן מליצה-טאָן, וואָס רבשקה, דער שר פון אַשור, האָט צוריק מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר אַרויסגערעדט צו די יידן אויף די מויערן פון ירושלים.

„פאַרוואָס דען זאָל איך נישט קאָנען אַרויסרעדן דעם גאַנצן אמת פון אונטער מיין האַרץ? צי קאָן איך דען פאַרדעקן פון מיין ליבהאָבער אַ זאַך? און צי איז דען פאַראַן עפּעס צו פאַרלייקענען

וועגן אַ באַליבטן און גלוסטיקן מאַן, וואָס אַלע זיינע וועגן זענען געווען אמת און גערעכטיקייט?"

דאָך איז מחר־טוב פון תמיד אָן געווען נישט קיין גענאַרניק אַ משכיל און האָט געקאָנט אויף לשון־קודש שיין באַמאָלן אַ זאַך. פון דער צווייטער העלפט קאַרטל האָט שוין טאַקע אַרויסגעקוקט נישט נאָר משהלע לעווינס לעבן, נאָר אַפילו זיין היפש בלאָנד פנים מיטן ליכטיקן בערדל, וואָס איז אים געוואַקסן נישט אויף די באַקן, נאָר פונקט אויפן שמאָלן פּאַסיק, ווו דאָס פנים גרענעצט מיטן פּולן, קלאָרן האַלז. אין קאַרטל האָט זיך געמאָלט, וויאַזוי משהלע לעווין האָט אויסגעזען נאָך אַמאָל, בשעת יהושע־העשל האָט אים אַראָפּגעבראַכט פון אויסלאַנד פאַר אַן איידעם.

„דעמאָלט האָט מיט אים געקלונגען. „אַ צאַצקע", האָט מען געזאָגט, „און ראוי להוראָה". נאָר ער אַליין האָט פון דעם אַלעם געשמייכלט, ווייל ער האָט געגלויבט אויף אַ מאָדנע פרייען אופן אין „השגחה פּרטית" און האָט געקאָנט אויסנווייניק אַסך פון די דייטשישע פּאָעטן".

„און דאָס, האָט זיך ווייטער אין קאַרטל דערציילט, איז טאַקע אמת, אַז ער האָט זייער גיך צעטרענצלט זיין פּאַרמעגן, און זיין ווייב האָט דאַן אָנגעהויבן לעבן מיט אים אין קריג, פּשוט צוליבן געלט, וואָס ער האָט צעטרענצלט, און נישט, חלילה, ווי די וועלט זאָגט, אַז זי האָט נאָך מיידלווייז כלומרשט ליב געהאַט איינעם אַ ריגער. נון, האָט דאָך נאָך דאַן געלעבט יהושע־העשל בריסקער, אַ געזונטער טאַטע מיט אַן אָפענער ווּתרנישער האַנט, און טאָן האָט ער ליב געהאַט אַלץ ברייט און אויף גיך. האָט ער אים דאַן פונסניי געגעבן נדן און האָט אים אויסגעבויט אין בראַשעק לעבן דער צוקער־פאַבריק דעם שיינעם הויף און האָט אים דאָרטן באַזעצט מיט אַ תנאי, אַז זיין געלט זאָל ליגן אין צוקער־פאַבריק און אויף צו לעבן זאָל מען אים אַרויסגעבן פון קאָנטאָר".

דאָס דאָזיקע קאַרטל האָט שוין יעקב־נתן געקראָגן אָקאָרשט שפּעט צו פּסח־צו.

יעקב־נתן האָט דעמאָלט געהאַט אַסך פרייע צייט. ער האָט אָנגעשריבן מחר־טובן אַ צווייטן גרעסערן בריוו און האָט אַרויסגעזאָגט אָן אַ שיעור ווּנדער.

„מיר איז אַ גרויסער חידוש אויף מיין האַר און פריינט מחר־טובֿן, וועמען די גאַנצע וועלט האַלט פֿאַר אַ תּלמיד־חכם. אונזערע חז״ל האָבן דאָך געזאָגט: ,געֿנוג צו אַ קלוגן אַ ווינק טאָן׳. הייַנט, ווי קומט עס, וואָס ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען וווהין די זאַך נויגט און האָט מיר גאָרנישט נישט געשריבן וועגן משהלע לעווינס בת־יחידה, וואָס איך האָב פֿאַר איר גאָר אַ לייטישן ענין?״

און אויף אָט דעם בריוו איז שוין יעקבֿ־נתנען מער קיין ענטפֿער נישט אָנגעקומען. געהייסן האָט עס, אַז מחר־טובֿ, דער משׂכּיל, איז אויך נישט קיין פּריץ. יעקבֿ־נתנען, וואָס אַלע גרויס־סעטרעניצער גבֿירים חנפֿענען זיך צו אים אונטער, קאָן ער מכבד זיין מיט אַ מליצהדיק קאַרטל אויף לשון־קודש, נאָר אין זיינע וויכטיקע ענינים גלויבט ער נישט, און פּלאַפּלען איבעריקס וועגן אַ שטובֿ, וואָס ער איז אַלע יאָרן געוועזן צו איר אַ מקורבֿ, איז ער נישט מחויבֿ.

יעקבֿ־נתן, ווידער, מאַכט אויך וועגן דעם אַ שווייג. אָקאָרשט חול־המועד־פּסח, ווען טעג שטייען שוין טרוקענע, וואַרעמע, פֿאַרגלוסט זיך אים מיטאַמאָל אַ פֿאָר טאָן קיין סקווירע צום רבין.

„צוליבֿ אַ פּאָר ענינים, זאָגט ער, מוז ער אַ פֿאָר טאָן קיין סקווירע צום רבין״.

און דרינגען דרינגט ער פֿאַרן אָוועקפֿאָרן, אַז ס׳לוינט בשום אופֿן נישט צו פֿאָרן אַהין מיט דער באַן.

„ווער ס׳פֿאָרט נישט, זאָגט ער, פֿון גרויס־סעטרעניץ קיין סקווירע מיט דער אַקס, איז ער פּשוט משוגע, וואָרים מיט דער באַן לייגט מען אָן אָן שיעור וועג, און מ׳פֿאָרט אַרום און אַרום״.

---

און דער סקווירער וועג, וואָס שלענגלט זיך אַרויס אין דרום־זייט פֿון דער היפּשער באַרגיקער שטאָט גרויס־סעטרעניץ איז שוין לאַנג שמאָל און פֿאַרוואַקסן. איינזאַם און געפֿאַלן שניידט ער איבער דעם באַנס פּריילעכע רעלסנשנורן און ציט זיך דאָרטן אַ ווײַלע צווישן די דרײַ ברוקירטע טראַקטן, וואָס צעטראָגן אין אַלע זייטן דער שטאָטס פֿריילעכן געמורמל. פֿאַרשמאַכט, ווי אַ יורד, וואָס גייט צו־פֿוס, לאָזט ער זיך פֿון דאָרטן אַראָפּ אין פּוסטן טאָל, ווו אַן אַלטע ציגל־פֿאַבריק, אַ חורבה, איז פֿון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט אַלערליי ביינער פֿון געפּגרטע און

דערשאָסענע הינט. און נאָכדעם באַגלייטן אים שוין דורכאויס די גלייכע פעלדער פון סטעפּ, ברייטע צוגעטריקנטע פעלדער, וואָס שפּרייטן אין דער ווייט זייערע גרויליך־גרינע פאַרבן און זענען תמיד גרייט צו שווערן.

„ביי אָט דעם איינציקן בוים, וואָס שטייט דאָרטן אין האָריזאָנט אָנגעבויגן איבער אַ ברונים, פאַראַן שטילקייט אויף דער וועלט".

די ערשטע דרייסיק ווערסט פאָרט פאָפּ יעקב־נתן אויף אָט דעם וועג מיט אַ גרויס־סעטרעניצער בעל־עגלה און קומט אָן קיין קאָזלאָווע, אין אָט דעם קליינעם אומעטיק פאַרוואָרפענעם שטעטעלע, וואָס שטייט שוין אַזוי יאָרן־לאַנג מיט די פּלייצעס צום אונטערגעגראָבענעם ליי־מיקן באַרג און וואַרט נאָך אַלץ אויף שבת־מאַכן, אויף מאָנטיק־יריד, און אויף אַ בשורה, אַז משיח קומט.

פון קאָזלאָווע פאָרט ער ווייטער אינם היפּשן און מער פאַרמעגלעכן שטעטל בראַשעק, וואָס האָט לעבן זיך אַ צוקער־פאַבריק, אַ גרויסע וואַסער־מיל און אַ פּוילישן קלויסטער. נאָר אַזוויוי קיין בראַשעק קומט ער אָן אָקאָרשט אויף מאָרגן נאָך האַלבן טאָג און טרעפט שוין נישט קיין איין סקווירער בעל־עגלה, דערצו איז נאָך מחר־טוב גראָד אין דעם פרימאָרגן אָפּגעפאָרן פון דער היים, פאַרפאָרט ער דאָרטן אינם איינציקן רעכטן איינפאָר־הויז, וואָס געהער טאַקע צו מחר־טובן און וואָס אין געגנט רופט מען עס „מחר־טובס איינפאָר". ער הייסט זיך צוגרייטן אַ גוטן מיטאָג, נעמט נאָך ביים עסן אַ שטאַרק פּסחדיק ביסל וויין און גרייט זיך נאָכדעם שלאָפן בייטאָג מיט אַזאַ הרחבה, גלייך פאַר אָט דעם אַלעם וועט ער צאָלן נישט מיט די גמילות־חסדימדיקע פינף־און־צוואַנציקערס, וואָס ער האָט פאַרן אַוועקפאָרן „אָנגעכאַפּט" ביי גרויס־סעטרעניצער גבירים, נאָר מיט די קופּאָנעס, וואָס ער וואָלט שניידן פון זיינע אייגענע ריש־אלפים.

בשעתן בענטשן קומט שוין אַפילו עפּעס פאָר אויף שטום־לשון צווישן אים, דעם מיטליאָריקן ברייט־פּלייצעדיקן ייד און צווישן מחר־טובס שנור, וואָס קלויבט צו ביי אים אין חדר פונם טיש. איטלעכס מאָל, וואָס ער טוט זי אַ נעם דורך מיט זיינע ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, טוט איר מאָדנע אַ קיל אין ברוסט; זי איז שוין אַפילו גרייט צו זאָגן, אַז ער געפעלט איר עפּעס נישט, ־אָט דער ייד מיט דער

שטאַרק שוואַרצער אויסגעקעמטער באָרד און מיט די חסידיש אויסגעפּוצטע בגדים. דאָך גייט זי צו פיל אַהין אין חדר, גייט פיל איבעריקע מאָל, ביז איר ווערט קלאָר, אַז זי האָט געהאַט אַ טעות... און אַז ס'האָט זיך נאָר אויסגעוויזן.

ליגט ער אַזוי, אָט דער יעקב-נתן, פאַרן שלאָף אויפן באַנקבעטל, מיט אַ שטאַרקן פּאַפּיראָס אין מויל און טראַכט, אַז דער וואַרעמער טאָג אינדרויסן איז שוין אַ שיינער, ממש אַ זומערדיקער, און אַז קאָזלאָווע מיט בראַשעק זענען די לעצטע צייט ביידע געוואָרן די אמתע פּוסטקעס. נישטאָ שוין אין זיי קיין איינציקער סקווירער חסיד, צו וועמען מ'וואָלט איצט קאָנען אַריינגיין. פון קאָזלאָווע, למשל, האָט זיך שוין חיימל וויינטרויב נאָך צוריק מיט עטלעכע יאָר אַרויסגעצויגן קיין פּאַלעסטינע. זיין נגידישע ווייס געקאַלכטע שטוב האָט אַוועק־געקויפט עפּעס איינער אַ פאַרמעגלעכער קרעמער, און זיין בלאָנד און דאַר־גופיק יינגל, אָט דער, וואָס איז אַמאָל אַנטלאָפן פון דער היים, איז שוין איצט, זאָגט מען, אַ באַרימטער מאָלער ערגעץ־ווו אין פּאַריז, צי אין בערלין. און דאָ אין בראַשעק האָבן יהושע־העשלס קינדער איבערגעבויט די גרויסע געירשנטע צוקער־פאַבריק און האָבן זי אָנגע־פילט מיט אַלערליי בוכהאַלטערס און אינזשעניערן־גלוחים.

און אַז ער דער׳רויכערט אָט דעם געדאַנקען־פּאַפּיראָס ביז דער שפּיגטע, קערט ער זיך באַלד איבער אויף אַ זייט; דאָס שטאַרקע גלעזל וויין מיט דער נעכטיקער בישט־דערשלאָפענער נאַכט פּאָדערן אַ געשמאַקן שלאָף און דער גוף פאָלגט. אין טיפן שלאָף דערפילט ער שוין אַפילו, אַז אינדרויסן, קעגנאיבער די אַראָפּגעלאָזענע פאָר־הענגלעך און די דיגע ווענט פון איינפאָר, טוען זיך אָפּ מעשים; מ'וואָלט געקאָנט שווערן, אַז גאַנץ בראַשעק פּראַוועט עפּעס אַ גוואַלטיק אָנגעלייגטע חתונה און אַז די חתונה אַליין איז שוין אויך עפּעס אַ מאָדנע ברייטע, אַ גבירישע. נאָר אין אַ פּאָר שעה אַרום כאַפּט ער זיך אויף און באַמערקט: בראַשעק איז רויק, ווי געוועזן, און אין דעם איז גאָרנישט נישט געשען. ס'איז מער נישט, בשעת ער איז געשלאָפן האָט זיך מחר־טוב, דער באַלעבאָס פון איינפאָר, אומגעקערט מיט זיין זונס פערד־און־וועגל פון אַ פּריץ, וועמען ער מעקלערט אַ קונה אויף וואַלד. אַריינפאָרנדיק אין הויז פון אַכסניה, האָבן די רעדער שטאַרק

געקלאַפּט אָן די אויסגעריבענע ברעטער. און נאָכדעם האָט מחר־טוב אַ פּאָר מאָל אָנגעקלאַפּט אַהער אין טיר, האָט זיך אים אין שלאָף געדאַכט, אַז דאָס קלאַפּט מען ערגעץ מאָדנע יום־טובדיק אויף אַ פּויק.

---

מחר־טוב, אַז ער קומט אַריין צו זיך אין שטוב און הערט אויס, וועך ס'שטייט איין ביי אים אין חדר נומער 3, שטייט ער אַ ווײַלע אָנטקעגן זיין ווייב און גלעט שמייכלדיק די טונקל־גרויע באָרד, זי וואַקסט ביי אים מערסטנטייל פונם האַלז, אָט די באָרד זיינע, און איז תּמיד אַרונטערגעבויגן, כדי זי זאָל אויסזען אַביסל קלענער. ער בלאָזט אָפּ דעם שטויב פון זיין אַכט־עקיקן משׂכּילישן היטל, וואָס זעט אויס, ווי אַ חזנישע יאַרמלקע מיט אַ דאַשיק, און חזרט גוטמוטיק איבער:

„אַזוי, אַזוי? יעקב־נתן ווידערפּאָליער"...

און נאָכדעם פאַרשפּיליעט ער אויף זיך די קנעפּלעך און שמייכלט צו זיך אַליין. ער איז בכלל אַ גוטמוטיקער ייד, אָט דער מחר־טוב. איינמאָל, ווען אַ בראַשעקער ייִנגל מיט אַ בראַשעקער מיידל האָבן זיך פאַרליבט און האָבן אים אָנגעבעטן, איז ער געגאַנגען צו זייערע עלטערן און האָט לאַנג גערעדט איבער זיי מיט איינגענומענע שמועסן און מיט פיל ראַיות פון אבן־עזרא און פון „ויאהב יעקב את רחל".

יעקב־נתנען קאָן ער נאָך פון גרויס־סעטרעניץ, ווו ער, מחר־טוב אַליין, האָט אַמאָל געהאַלטן אַ קלייט פון אייזן און האָט געהאַט אַן אַריינגאַנג צו גבירים. דאָרטן האָבן אַלע געוווּסט, אַז ערגעץ אין אַ קליין שטעטל האָט יעקב־נתן נאָך צוריק מיט אַ יאָר אַכט אַוועקגעוואָרפן זיין אָרעם ווייב און שיקט איר נישט די גאַנצע צייט קיין פּרוטה אויף צו לעבן, און דאָך... „אָט גייט ער יעקב־נתן", אַזוי פלעגט מען אויף אים אָנווייזן איטלעכס מאָל, וואָס מ'האָט אים דערזען אַרויס־גיין פון אַ גביריש הויז, ווו ער גיט גמרא־שעהן. כדי צו פאַרענטפערן, פאַרוואָס די גבירים שטופּן אין אים גמילות־חסדימדיקע פינף־און־צוואַנציקערס, פאַרוואָס זיי פאַרגעסן נישט צו ברענגען אים פון אויסלאַנד, ווער אַ סאַקוואָיאַזש אַן אַנטיקל און ווער אַפילו אַ זילבערנע פּושקע אויף פּאַפּיראָסן, האָט מען נאָר תּמיד צוגעגעבן, אַז איינער אַ געלערנטער, וואָס האָט איבערגעזעצט תּלמוד אויף רוסיש, האָט זיך אָן אים נישט געקאָנט באַגיין און האָט בריוולעך אָנגעפרעגט ביי אים וועגן אַלע שווערע ערטער.

מחר־טוב לאַכט פון זיין ווייב, וואָס ווייסט נישט, אַז דאָס, וואָס יעקב־נתן איז עד היום פאַרבליבן אַ סקווירער חסיד, איז שוין מער נישט ווי דער וועלט אויף צולהכעיס. זי, די יידענע, מיינט, אַז יעקב־נתן פאָרט טאַקע באמת קיין סקווירע צום רבין, מחר־טובן אָבער דוכט זיך, אַז ער ווייסט צוליב וואָס פאַר אַן ענין יעקב־נתן פאָרט איצט און אפילו צוליב וואָס ער האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָ, ביי זיי אין איינפאָר. פונדעסטוועגן פאַרשפּיליעט ער אויף זיך לייטיש די קנעפּלעך און איז גרייט אָפּגעבן יעקב־נתנען דעם זעלבן כּבוד, וואָס ער גיט אָפּ אַלע זיינע אורחים גבירים.

---

ווען מחר־טוב קלאַפּט סוף־כּל־סוף נאָכאַמאָל אָן צו יעקב־נתנען אין טיר, זיצט שוין יענער מיט אַ פרישן אָפּגעוואַשן פּנים ביים זודיקן סאַמאָוואַר, וואָס אויפן קיילעכדיקן, איין־פוסיקן טיש, און די זיידענע פּעסע איז אים פאַררוקט טיף צום נאַקן. ער גיסט זיך אָן טיי, און טוט מיט די שוואַרצע אויגן אַ וואַרף צו דער טיר אַזוי געשווינט, גלייך אויף קיין גאַסט האָט ער זיך איצט שוין לחלוטין נישט געריכט:

„אַ־אַ־אַ! ר׳ מחר־טוב...”

מחר־טוב האָט זיך דערנענטערט מיט אַ פריינטלעכן שמייכל און מיט אַ בויג, וואָס האָט זיך איבערגעחזרט ביים שלום־עליכם און בשעת דער גאַסט האָט אים געבעטן זיצן.

„נישקשה... נישקשה...”

זיין גאַנצע אויפירונג, די איינגעבויגענע פיגור, דער שמייכל מיטן זעצן זיך זענען שוין אַלע אַזוי לייטיש און איידל, גלייך יעקב־נתן איז שוין פון תמיד אָן דער אמתער און באַוווסטער באַלעבאָס פון אָט דעם חדר, און ער, מחר־טוב, שוין מער נישט ווי אַ צופעליקער גאַסט. ער איז דאָך איבערראַשט פון אָט דעם יידן, צו וועמען ס׳הנפּענען זיך אונטער אַלע גרעסטע גרויס־סעטרעניצער גבירים, און אין דער ערשטער רגע הערט ער דעריבער נישט זיינע ווערטער, וואָס הייבן זיך אָן מיטן וואָרט „יאַך” און דערמאָנען, אַז ער האָט פיינט, מ׳זאָל אים איבערשלאָגן.

„יאַך האָב באַלד דערקענט אייער בראָשעק. יאַך האָב שוין

געזאָגט: בראַשעק מיט די נייע טשערעפּענע דעכער, בראַשעק זעט שטענדיק אויס, ווי ס׳האָט ערשט נעכטן געהאַט אַ גוטן מאַרק-טאָג, און אַלע האָבן פאַרדינט, און אַלע זענען פריילעך״.

מחר-טובן שטערן אויך צו הערן די פּאָר צעלעכצטע ברעטער, וואָס ער האָט אָקאָרשט נעכטן געפונען אויפן איין-פוסיקן טיש, כאָטש דער טיש איז איצט פאַרדעקט מיט אַ ווייסן סערוועט, און דער שפּאַלט זעט זיך לחלוטין נישט אַרויס. באַלד אָבער כאַפּט ער יעקב-נתנס לעצטע ווערטער און שמייכלט שוין ווידער און שאָקלט שוין נאָכאַמאָל מיטן קאָפּ. ער דערמאָנט זיך נאָר איצט „מתן בסתר״, וואָס ער אַליין זאַמלט דאָ אין שטאָט צוליב אַ פאַראָרעמטן שוסטער און צוליב אַ ייד, אַ יורד, און דרינגט זיך אויס זיין געדאַנק אַזוי איידל, גלייך ער וואָלט מיט אים וועלן פאַרענטפערן זיין שטאָט:

„פונדעסטוועגן פאַראַן... פאַראַן קבצנים אין בראַשעק״.

„קבצנים?! כע-כע-כע, יעקב-נתן שעמט זיך נישט אויסצוזאָגן, אַז ער האָט פיינט דאָס וואָרט ,קבצן׳. מחר-טוב געפינט נישט, אַז אָט דאָס וואָרט איז צוזאַמענגעשטעלט פון די דריי ,מיאוסטע׳ אותיות, וואָס ס׳קאָן נאָר געבן? ער, יעקב-נתן, רעדט מכוח גבירים: ווער זענען עס די גבירים אין בראַשעק?״

און דאָ פאַרציט ער זיך מיטן שטאַרקן רויך פונם ניי-פאַררויכערטן פּאַפּיראָס און פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אַרונטער צום געבעטן שטול-ווענטל. ער לאַכט זיך פונאַנדער אויפן קול פון דעם, וואָס אין בראַשעק זענען פאַראַן קנאַפּע גבירים, און דערווייזט דערביי, אַז ער קאָן שוין זיצן אויף אַ שטול. אַז ער טוט אַ ציִ אויס די האַנט, אין וועלכער ער האַלט דעם פּאַפּיראָס, זעט זיך, אַז זי איז האָריק און אָן אַ מאַנזשעט, און דעמאָלט ווערט זי ענלעך צו דער האַנט פון אַ שוחט, אָדער צו דער האַנט פון אַ דיין, וואָס גּעמט אָן די געבראַכטע שאלה. נאָר אים גייט עס ווינציק אָן. ער רעדט שוין וועגן גבירים בכלל און געפינט, אַז ביי קיינעם ווילן זיי נישט זיין אַזוי „עפּעס״ און ביי קיינעם בלייבן זיי דאָך נישט אַזעלכע „גאָרנישטן״, ווי ביי אונז יידן. כע-כע-כע... ער זעט שוין, אַז מחר-טוב וויל עס נישט ליידן.

מחר-טוב לאָזט שעמעוודיק אַראָפּ די אויגן און טוט אַ מסופּקדיקן ציִ מיט די אַקסלען:

„שייך זאָגן, ער וויל נישט ליידן?... ער האָט נאָר געוואָלט זאָגן: יידישע גבירים, האָט ער געוואָלט זאָגן, זענען פון תמיד אָן גרויסע בעלי-צדקות... אָט אַפילו די גרויס-סעטרעניצער שורן, למשל".

„בעלי-צדקות? !... ניין. אין דעם פרט קריגט זיך שוין יעקב-נתן פון תמיד אָן מיט דער גאַנצער וועלט. ער שפּרינגט שיער נישט אויסער פון אָרט און לאָזט מחר-טובן נישט אויסרעדן. יאָך קען אויסגעצייכנט יידישע גבירים. איך האָב נאָך געקענט דעם זיידן פון די גרויס-סעטרעניצער שורן".

נאָך זיין מיינונג איז שוין אויך דער זיידע פון די שורן געווען אַ נישט מער, ווי אַן אַלטער גאַוהניק אַ שוטה און דערצו נאָך אַן עם-הארץ אַ גרויסער, און האָט אַלע זיינע יאָרן געוואָלט נאָכמאַכן דעם בריסקער יהושע-העשל ראַפּאָפּאָרט, וואָס האָט פאַרפירט גרויסע צוקער-פאַבריקן דאָ אין געגנט. אַפילו מיט די איידעמס, וואָס ער האָט אַראָפּגעבראַכט פון אויסלאַנד, און מיט די גרויסע צדקות, און מיט די דייטשקעס, וואָס ער האָט געהאַלטן צו די אייניקלעך, האָט ער אים געוואָלט נאָכמאַכן, נאָר ווער איז שוין דאָרטן אַזוינס געווען יהושע-העשל ראַפּאָפּאָרט אַליין? ער קאָן דאָס אים דערציילן, אויב מחר-טוב איז דאָס אַ בעלן צו וויסן.

מחר-טוב שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין". אָט דאָ איז ער שוין מיט אים בשום אופן נישט מסכים. ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר יעקב-נתן לאָזט נישט און גייט אַרויס פון די כלים.

---

יעקב-נתן שיט לאַנג אַלדאָס בייז אויף אַלע גבירים, וואָס האָבן ווען ס'נישט איז געהאַט אַ נאָמען דאָ אין געגנט. ער האַלט זיך אין איין היצן, און, דער עיקר, מישט ער צופיל אויס די ראַפּאָפּאָרטן מיט די שורן.

„אַלע, שרייט ער, זענען זיי ביי אים גלייך... אַלע גלייך".

מחר-טוב שמייכלט און קוקט אים נישט אין פּנים. אים איז שוין קלאָר, אַז יעקב-נתן טוט אָט דאָס אַלץ מיט אַ „מיין". אים דאַכט זיך, אַז ער ווייסט שוין אַפילו, וואָס אָט דער „מיין" זיינער באַטייט. נאָר אויב יענער האָט טאַקע דערביי אַ כיוון, וואָס זשע איז שוין דאָ שייך צו קריגן זיך מיט אים און צו אויסברייען אים פאַרקערט?

און סוף־כּל־סוף, ווען מחר־טוב הייבט זיך אויף, געזעגנט זיך לייטיש און לאָזט זיך אַוועקגיין, מוז יעקב־נתן אים טאַקע נאָך אַביסל פאַרהאַלטן און אים מודה זיין, אַז ער איז נישט געפאָרן אומזיסט דורך בראַשעק.

„ער האָט דאָ אַנומלטן אָנגעפרעגט ביי אים אין אַ בריוו... ער מוז דאָך סוף־כּל־סוף עפּעס וויסן ביי אים וועגן משהלע לעווינס מיידל".

און דאָ ווערט אים מאָדנע קשה אויף אָט דעם ייד דעם תּם, וואָס חידושט זיך נישט און ענטפערט אים אין אַזאַ טאָן, גלייך ער וואַרט שוין לאַנג אויף אָט דער פראַגע:

„אָט־אָט־אָט... וועגן מיידל..."

מחר־טוב אָבער שאַרט פאַרטראַכט מיט אַ פינגער אויפן טישטעך. פאַר די אַראָפּגעלאָזטע אויגן דרייען זיך אים שוין, אַפּנים, געשטאַלטן פונם מיידל און פון איר הויז. ס׳זעט אויס, ווי ער שלאָגט זיך מיט זיין דעה: צי זאָל ער דערציילן, צי ניין; שלאָגט זיך לאַנג און הייבט דאָך אָן:

„דאָס מיידל איז נאָך קיין צוואָנציק יאָר נישט אַלט, און מיט איר איז אַ גאַנצער ראָמאַן..."

מחר־טוב שמייכלט צו: ער מיינט עס נישט אין פשוטן זין. ער האָט נישט לאַנג געלייענט אין אַ לשון־קודש־בוך, אַז אַ ראָמאַן הייסט נישט דווקא, אַז אַ מיידל מיט אַ יינגל זאָלן זיך פאַרליבן. און ווייטער ווערט שוין זיין קול אַזוי פאַרענדערט און אַזוי איידל, גלייך ער וואָלט דערציילן וועגן אַמאָליקע, שוין לאַנג געוועזענע גוטע־יידן.

„פּידוע, האָט דאָך די מוטער אירע, ר׳ יהושע־העשלס טאָכטער, היינטיקן ל"ג־בעומר געשטעלט אַ חופּה טאַקע מיט אים, מיטן ,ריגער׳, און וווינט שוין מיט אים טאַקע דאָרטן. גאַנץ משפּחה ראַפּאָפּאָרט איז אויף איר מאָדנע אויפגעטראָגן, וואָס זי האָט צוליבן קינד נישט צוגעוואַרט כאָטש ביז נאָכן ערשטן יאָרצייט. און די וועלט האָט שוין ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ ליבע־מעשה, און אַ קשיאָ איז דאָך טאַקע, נאָר ער, מחר־טוב, זאָגט זיינס: די זאַך איז אַ פּשוטע. יענער, דער ריגער הייסט עס, האָט איצט, זאָגט מען, ביי דריי מיליאָן געלט און איז גראָד פאַרבליבן אַ בחור. זי אַליין, דאָס גלייכן, איז נאָך נישט אַלט

קיין גאַנצע ניין-און-דרייסיק יאָר ; און אויפן מיידל... אויפן מיידל האָט עס מאָדנע געווירקט... מאָדנע געווירקט".

מחר-טוב פאַרטראַכט זיך און גיט צו:

„דהיינו, אַז זי האָט געמוזט אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד".

וועגן עפּעס דערציילט נאָך מחר-טוב נאָכדעם, נאָך אַ היפּשער פאַרטראַכטער ווײַלע, וועגן גאַנץ משפחה ראַפּאָפּאָרט, וואָס האָט דאָס מיידל ליב, און וועגן איר פעטער דעם אָפּיעקון, יהושע-העשלס עלטערן זון, אַבראַמען, וואָס וווינט אין קיִעוו און איז איצט, זאָגט מען, שטאַרק רייך ; וועגן דעם, וואָס דאָס מיידל האָט זיך פאַר פּסח אומגעקערט פון אויסלאַנד און וווינט איצט נישט אין בראַשעק, נאָר טאַקע ביי אים, ביי אָט דעם אַבראַמען.

און אַז ער גייט סוף-כל-סוף פונדאַנען אַוועק, הייבט שוין אָן אין חדר שטאַרק טונקל ווערן, און אין דער לופט, וואָס איז פול מיט רויך פון פיל אויסגערויכערטע פּאַפּיראָסן, שוועבן שוין אַרום טויטע און לעבעדיקע שאָטנס...

פלוצים טוט זיך נאָכאַמאָל אָן עפן די טיר, און ס'ווערט מאָדנע : ס'שטעלט זיך אַריין נישט קיין מענטש מיט אַ לאָמפּ, נאָר מחר-טוב אַליין. אין דער שטאַרק טונקעלער לופט איז ער שוין אויך געגליכן צו אַ שאָטן. ער בעט איצט ביי יעקב-נתנען הונדערט מאָל מחילה, נאָר ער מוז אים עפּעס דערציילן, איין זאַך מוז ער אים דערציילן. און ווידער פאַרענטפערט ער זיך און איז זיך פיל מאָל מתנצל, ביז ער קומט צו דער עיקר זאַך :

„אָט דאָ נישט לאַנג איז געקומען צו אים אַ שדכן, אַפילו נישט קיין שדכן, אַ דרדקי-מלמד איז ער, און האָט אים דערציילט, אַז ער וויל רעדן פאַר משהלע לעווינס מיידל איציק-מאיר שורס בן-יחיד פון גרויס-סעטרעניץ, אָט דעם, וואָס דער פאָטער זיינער האָט געשטאַמט פון אַ זייטיקער, מ'זאָגט, נישט קיין שיינער זייט שורן, און האָט אים נישט לאַנג געלאָזט ירושה די גרויס-סעטרעניצער גרויסע בייטל-מיל מיט אַלע הייזער".

און נאָכאַמאָל בעט ער ביי יעקב-נתנען, ער זאָל אים הונדערט מאָל מוחל זיין. ער מיינט, חלילה, נישט צו מישן זיך אין פרעמדע געשעפטן, ער איז נאָר פון תמיד אָן געווען אַ מקורב צו משהלעס

שטוב און ווייסט, אַז אַט דעם איציק־מאיר שורס בן־יחיד איז זיינער, יעקב־נתנס, אַ תּלמיד. וויל ער אים דעריבער זאָגן, אַז אויב ער, יעקב־נתן, איז אויך געפאַלן אויף יענעם שדכנס געדאַנק, איז דאָס קרום, מאָדנע קרום...

יעקב־נתן קוקט אויף אים צעטומלט (איצט איז שוין צו גלויבן, אַז אַט דער ייד ווייסט נאָך עפּעס וועגן מיידל, ער ווייסט שוין, אפשר, צו וועמען פאָרט דאָס מיידל אַזוי אָפּט קיין אויסלאַנד, נאָר ער וועט בשום אופן נישט דערציילן). עפּעס קאָן יעקב־נתן נישט פאַרשטיין. נאָר באַלד צינדט זיך אין אים אָן דער „ווידערפּאָליער". ער לאַכט זיך שלעכט אויס פון אַ בראַשקער מלמד, אַ שדכן, וואָס האָט קיין שכל נישט, וויאַזוי פאַרצושטעלן אַן ענין. און נאָכדעם שטעלט ער זיך אָפּ אַנטקעגן מחר־טובן און קלאַפּט מיט אַ פינגער צו זיך אין ברוסט:

„יאַך פאָר איצט פון בראַשעק גלייך קיין קיעוו. יאַך וועל פאָר־שטעלן די זאַך... יאַך, יעקב־נתן ווידעראָפּליער".

## II

אויפן קליינעם הילצערנעם וואָקזאַלכל, אַכט ווערסט פון בראַשעק, האָט זיך נאָכדעם יעקב־נתן אַרומגעדרייט דעם גאַנצן מאָרגנדיקן טאָג חול־המועד־פּסח און האָט אַרויסגעקוקט אויפן צוג, וואָס וועט אים אָפּפירן קיין קיעוו. ער איז שיער נישט פאַרנודעט געוואָרן וואַרטנדיק. ביים וואָקזאַלכל איז נישט געווען אויף וואָס צו קוקן. אויף דער היפּשער ציכטיק ריינער און פוסטער פּלאַטפאָרם האָט זיך אַרומגעדרייט נישט מער, ווי נאָך איינער אַ וואַרטנדיקער פּאַסאַזשיר, אַ גלח, און יעקב־נתן האָט אים געגענעצט גלייך אין פּנים אַריין, און האָט אים ליידיקגייעריש באַקוקט פון אַלע זייטן: עפּעס אַ פאַרוואַקסענע, ציכטיקע און שוואַרצע בריאה מיט צוויי ברייטע בונדעס איינע אויף דער אַנדערער און מוז זיך שוין, אַפּנים, אַלע טאָג היפּש אָפּגעבן מיט צוואָגן און קעמען די לאַנגע האָר, און דאָס הייסט ביי זיי אַ היילִיקער, מ׳שטיינס־געזאָגט, אַ מין רב להבדיל. יעקב־נתן האָט געקנייטשט מיט די אַקסלען און האָט באַדויערט די אומות־העולם.

אַז דער שווערער פּאַסאַזשיר־צוג איז סוף־כּל־סוף צוגעגאַנגען, האָט

ער געטראָפֿן אַ לאַנגן ווייס אויסגעפּאַרבטן וואַגאָן, אָן אָנגעפּילטן מיט יונגע און עלטערע יידן-גלוחים, וואָס פאָרן פון איין גרויסער שטאָט אין דער צווייטער. ער האָט זיך גלייך דערפילט צווישן זיי עלנט. די יידן זענען ס׳רוב געזעסן אין די ווייסע אַרבל, זיך ברייט פונאַנדער-געלייגט מיט די טשיינקלעך און מיטן עסנוואַרג און האָבן דערביי געפירט פריילעכע שמועסן מיט עפּעס אַזעלכע נקבות, וואָס האָבן אַ פּנים ווי וועג-פּלגשים. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע זענען זיי איין קאָמפּאַניע און פאָרן פאָרן זיי תּמיד אָן אויפהער פון איין גרויסן יאָר-יריד אויפן צווייטן. יעקב-נתן האָט אויף זיי געקוקט פאַרזיכטיק און מיט ווונדער. צווישן זיי, די גלוחים, וואָס עסן חמץ אום חול-המועד-פּסח, איז ער געווען דער איינציקער ייד אין דער שוואַרצער קאַפּאָטע און אינם זיידענעם היטל, וואָס ער קאָן לערנען. פאַרזיכטיק האָט ער זיך צו זיי צוגעזעצט, געמאַכט מיט זיי אַ שמועס און בשעת-מעשה זיך אַלץ אַרומגעקוקט אין די זייטן מיט אַזאַ ווונדער, גלייך ער וואָלט זיך תּידושן:

„זע נאָר: ס׳האָט אַ מויל ?!... ס׳רעדט יידיש, ווי אַלע מענטשן...”

נאָר אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אייניקע פון זיי זענען קיעווער און קאָנען שוין אַפילו דעם, צוליב וועמען ער, יעקב-נתן, האָט איצט אום חול-המועד-פּסח פאַרגענומען זיין נסיעה. זיי ווייסן, ווער איז אַזוינס אַבראַם ראַפּאָפּאָרט. ער איז אַ ציוניסט, ווייסן זיי, און האָט אָנגעקויפט אַסך ערדן אין פּאַלעסטינע. ער האָט אייגענע צוקער-פאַבריקן, וואָס באַטרעפן מיליאָנען, און זיין איינציק מיידל איז אַ סקולפּטאָרין און לערנט אין פּעטערבורגער אַקאַדעמיע.

„זי איז אַ האָרבאַטע איז זי”.

„אַזוי ? אַ האָרבאַטע ?”

יעקב-נתן איז געוואָרן אומעטיק. פאַרטראַכטערהייט האָט ער זיך גענומען קראַצן אין פּאָה.

דאָס, וואָס אַבראַם ראַפּאָפּאָרט איז אַ ציוניסט און מ׳שאַצט אים אין מיליאָנען, צוזאַמען מיט דעם, וואָס זיין מיידל איז אַ סקולפּטאָרין און לערנט אין פּעטערבורגער אַקאַדעמיע, האָט אים גלייך אַריינגעוואָרפן אין ספק, צי פון זיין ענין וועט בכלל עפּעס אַרויס. לעבן אַזעלכע גוואַלטיק רייכע און פרייע יידן האָט ער זיך פון תּמיד אָן געפילט

אַטך ערגער, ווי לעבן געבוירענע גויִם. אין קיעוו איז ער דערום אַ פּאָר טעג אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ. ער איז איינגעשטאַנען ביי זיינעם אַ באַקאַנטן, אַ פאַרמעגלעכן סקווירער חסיד, און האָט זיך פאַר אים געקלאָגט:

„ער האָט אויף זיך איצט אַ פעקל, דאָס אמתע פעקל, ער האָט פאַרטראַכט עפּעס אַן ענין, געקומען צוליב דעם קיין קיעוו און האָט מורא, אַז ס'איז אַ נעכטיקער טאָג, ס'וועט פון דעם גאָרנישט נישט אַרויס".

נאָר אויפן דריטן טאָג, ווען ער איז גראָד צוליב יום־טוב געגאַנגען אין דער אָרטיקער חסידישער שול דאַווענען, האָט ער דאָרטן אין „מזרח" לעבן ארון־קודש דערזען אַ ניקלען בלעטל מיט אַן אויפשריפט: „ר' אברהם ב"ר יהושע־העשל ראַפּאָפּאָרט". ער איז אַ היפּשע ווײַלע אָפּגעשטאַנען לעבן אָט דעם בלעטל, איבערגעלייענט אויף דעם די אויפשריפט עטלעכע מאָל און האָט זיך דערפרעגט ביי אַ יידן אַ פּוסטנפּאַסניק, צי דאָס איז טאַקע „דער גרויסער" אַבראַם ראַפּאָפּאָרט. און נאָכדעם איז אים שוין געווען פיל גרינגער, גרינגער דערפאַר, וואָס אַבראַם ראַפּאָפּאָרט קומט געוויס אַמאָל אַהער אין שול דאַווענען און זיין טלית ליגט געוויס פאַרשלאָסן ערגעץ ביי אָט דעם אַלטן שמש, וואָס שטייט אין טלית אויבנאָן לעבן אַלמעמאָר. דער ייד דער פּוסטנפּאַסניק האָט אים נאָך דערצו דערציילט, אַז ביי אַבראַם ראַפּאָפּאָרט אין הויז פירט זיך אַ יידישע קיך; אַז דער פאָטער זיינער יהושע־העשל האָט ביי אים, זאָגט מען, פאַרן טויט גענומען די האַנט, ער זאָל נישט אויפהערן צו געבן זיינע צדקות און זאָל אַלע טאָג אָנטאָן טלית און תּפילין; אַז אַבראַם ראַפּאָפּאָרט אַליין גייט טאַקע דאָ אין שול אַלע הושענא־רבה מיט די נענועים און אַז ווער ווייסט:

„מעגלעך, אַז ער געדענקט נאָך אַ בלעטל גמרא".

ס'איז אויסגעקומען, אַז צוליב אַ רייכן און איידעלן יידן, וואָס האָט געהאַט יאָרצייט און האָט נאָכן דאַווענען געמאַכט אַ סיום אויף משניות, איז יעקב־נתן שוין געשטאַנען צווישן דעם מנין יידן, וואָס מאַכן אָט דעם סיום און האָט דערוויזן, אַז אין תּוספות־יום־טוב איז פאַראַן אַ גרייז און אַז קיינער פון די יידן, וואָס רינגלען אים אַרום, ווייסט דערום נישט קיין פשוטן פשט און קאָן נישט קיין שייטל „עברי".

יידן האָבן מיטאַמאָל באַקומען דרך־ארץ און זיך גענומען דערפרעגן:

„ווער איז ער, אָט דער ייד?" און נאָכדעם, אַז מ'האָט געטרונקען לחיים פאַרן גרויס־סעטרעניצער רבין, וואָס איז איצט, זאָגט מען, מסוכן שלאַף, איז ער, יעקב־נתן, שוין געשטאַנען אינמיטן רעדל און איז געווען אין דעם דער עיקר. האַלטנדיק דעם קעלעשיק וויין אין האַנט, האָט ער געגעבן אַ שלעכטן קוק אויף איינעם אַ יידן, וואָס שלאָגט אים איבער די רייד, און גערעדט האָט ער שוין מיט אַזאַ קול, גלייך ס'מוזן זיך אין דעם איינהערן די גרעסטע מאַגנאַטן פון גאָר דער וועלט.

„יאָך, האָט ער געזאָגט, יאָך זאָג עדות, אַז דער גרויס־סעטרעניצער איז אַ גרויסער למדן און אַ ירא־שמים".

אין יענעם זעלבן טאָג איז ער נאָכאַמאָל געווען ביי אַבראַם ראַפּאָפּאָרט אין הויז און איז געוואָר געוואָרן, אַז ראַפּאָפּאָרט איז שוין אין רוסלאַנד, ס'איז פאַראַן פון אים אַ דעפּעש, אַז ביינאַכט קומט ער, ער האָט זיך נאָר אָפּגעשטעלט אין זיינער אַ צוקער־פאַבריק, וואָס צווישן ראָוונע און בריסק. יעקב־נתן האָט לייכטער אָפּגעעטעמט, איצט האָט ער שוין ווידער אָנגעהויבן גלויבן, אַז פון זיין ענין וועט עפּעס אַרויס. אַרויסגייענדיק פון אַבראַם ראַפּאָפּאָרטס הויז, האָט ער באַטראַכט די רייכע און שטאַרק שטילע גאַס, ווו ס'באַווייזן זיך שוין גאָר גרינגע אויטאָמאָבילן מיט אייגענע גרינגע עקיפּאַזשן, און האָט נישט ווייט פון ראַפּאָפּאָרטס פּאַראַד־טיר דערזען שטיין עפּעס איינעם אַ לאַנגוווקסיקן ייד מיט אַ קרומען, מאַלפּישן שטערן, מיט אַ ברייטער טיף איינגעפּאַלענער נאָז און מיט עטלעכע שפּיציקע רויטלעכע האָר אויפן אָרט פון באָרד און וואָנצעס. דער ייד האָט ביי אים געפרעגט מיט זיין עכט ליטווישן אומעטיקן קול:

„איר זייט אויך אַ מטיף ציוני?"

ס'איז געווען קלאָר, אַז ער דאַרף אויך צו ראַפּאָפּאָרטן, ער גייט שוין צו אים אין הויז אַ היפּשע צייט און קאָן אים נישט טרעפן. יעקב־נתן איז צוגעגאַנגען צו אים אַזוי נאָענט, אַז ער האָט דערפילט דעם שלעכטן ריח, וואָס טראָגט זיך פון יידנס בעל־דרשנדיק מויל. נאָר דערוויסן זיך עפּעס פון אים איז שוין געווען שווער. דער ייד האָט נאָר פונאַנדערגעשפּיליעט זיין קורץ אָפּגעטראָגן פּאַלטעכל, פון

אונטער וועלכן ס׳האָט אַרויסגעקוקט נאָך אַ מער אָפגעטראָגן פאַר־שמאָלצעוועט סורדוטל; ער האָט אַרויסגעשלעפט די בלעכענע פושקע מיט טאַבאַק און געענטפערט מיט אַלץ איינע ווערטער, קוקנדיק נישט צו יעקב־נתנען, נאָר צום ציגאַר, וואָס ער פאַרדרייט:

„נו, יאָ, האָט ער געזאָגט, נו, שווער צו טרעפן... נו, געוויס...״

מוצאי־יום־טוב האָט אויף יעקב־נתנס אַכסניה, ביים פאַרמעג־לעכן סקווירער חסיד אין שטוב, פאַרבראַכט דעם באַלעבאָס׳ אַ קרוב, אַ פרייער קלוגעטשקער יונגערמאַן, וואָס דינט אין דער אָרטיקער גרויסער באַנק; אַ יונגערמאַן, וואָס איז פאַרבליבן אַ בחור און האָט נישט אַמאָל וואַהין אַן איבריקן אָוונט אַהינצוטאָן, קומט ער אים פטרן מיט קלוגע וויצן דאָ ביים פרומען פעטער אין הויז. דער יונגערמאַן האָט באַמערקט, אַז יעקב־נתן האַלט זיך אין איין דערפרעגן, ווי אַרום ער וואָלט גרינגער געקאָנט טרעפן אַבראַם ראַפּאָפּאָרטן, האָט ער דער־ציילט, אַז ראַפּאָפּאָרט האָט מאָרגן צוועלף בייטאָג אַ זיצונג ביי אים אין באַנק; אינם דירעקטאָרס קאַבינעט האָט ער אָט די זיצונג, און אַז גרינגער ווי אַלץ איז טרעפן אים טאַקע דאָרטן, בשעת ער גייט דורך די גאַנצע לענג פון באַנק. דער יונגערמאַן האָט צוגעזאָגט, אַז ראַפּאָפּאָרטן איז דאָרטן גרינג צו דערקענען.

„ער איז אַ מיטלוווּקסיקער, אַביסל אַן איינגעהויקערטער און האָט אַ שוואַרץ געשוירן בערדל, אַ בלאַנזשע״.

יעקב־נתן האָט מיטאַמאָל אָנגעשטעלט אויפן שמייכלדיקן יונגנמאַן די שוואַרצע פלינקע אויגן.

„אַ שוואַרץ געשוירן בערדל?״

— „יאָ, מיט אַ יונגן פליך לעבן בלאַסן שטערן״.

דער שמייכלדיקער יונגערמאַן האָט נאָך אַלץ געהאַט אַראָפגעלאָזטע אויגן, נאָר אַז דער פאַרמעגלעכער פרומער פעטער זיינער איז אויף אַ ווײַלע אַרויסגעגאַנגען פונם עסצימער, האָט ער זיך קלוגעטשקערהייט אויפגעהויבן פון בענקל און האָט פאַרן געבליבן יונגוואַרג באַוויזן וויאַזוי אַבראַם ראַפּאָפּאָרט גייט דורך איבער דער גאַנצער לענג פון באַנק. ער האָט זיך גערוקט פאַמעלעך, אַביסל איינגעהויקערט און דערשראָקן מיד, ווי איינער, וואָס גנבעט זיך און האָט מורא, אַז מ׳וועט אים באַמערקן. ער האָט געהאַלטן איינגעבויגן די רעכטע האַנט און

האָט געמאַכט מיטן גראָבן פינגער אַזעלכע באַוועגונגען, גלייך ער קנעט אַ שטיקל וואַקס, און דער עולם האָט געלאַכט.

יעקב־נתן איז נאָך אַלץ געזעסן אויבנאָן ביים טיש און האָט געקוקט מיט בייזן אויף אָט דעם יונגנמאַן דעם גלוח, וואָס ווילצלט זיך. פונדעסטוועגן האָט ער זיך שפּעט אינאָוונט נאָכאַמאָל מיישב געווען מיטן באַלעבאָס, דעם סקווירער חסיד, און האָט באַשלאָסן אויפצו־שטיין מאָרגן גאַנצפרי, נאָך מיטן טאָג־ליכט.

III

אין יענעם מאָרגן האָט אויך אַבראַם ראַפּאָפּאָרט פריער ווי אַלעמאָל אָן עפן געטאָן די אויגן אַנטקעגן דעם שווערן מעבל, וואָס אין האַלב־פינצטערן געמיטלעכן שלאָפצימער און האָט זיך דערשראָקן פאַר אַ גלאַנץ פון אַ שפּיגל־טיר און פאַר דער פרוי, וואָס שלאָפט אין צווייטן בעט. אַלץ אַרום האָט אויסגעזען מאָדנע. שווערע שראַנקען האָבן ברוגז געקוקט איינער צום צווייטן. אַ גאַנצע היים האָט אויסגעזען בייז און נישט געוואָלט דערקענען איר באַלעבאָס, וואָס איז אין איר צווי חדשים צייט נישט געווען.

מיד און צעבראָכן פון נאָכן ביינאַכטיקן קומען, האָט זיך אַבראַם ראַפּאָפּאָרט דאָך גענומען אָנטאָן, אַרויסגעגאַנגען אין קאַבינעט און האָט פאַרהויבן די שטאָרן. ס'איז געווען אַ נאַסלעך קילער זומער־פרימאָרגן, אַ פרימאָרגן אָן זון און אָן הימל, וואָס זאָגט צו אויך אַזאַ נאַסלעך קילן בין־השמשותדיקן טאָג, און אין אָט דעם טאָג איז אים, אַבראַם ראַפּאָפּאָרטן, פאַרגעשטאַנען אויסצופירן אייניקע אָנגעהויבענע שווערע געשעפטן. פון געוויינהייט האָט ער נישט באַלד אַרויפגעוואָרפן אויף זיך טלית און תפילין, און פון געוויינהייט האָט ער געעפנט דאָס מויל, כדי אָפצוזאָגן אַפילו די קורצע קריאת־שמע. ער האָט אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק איבערן קאַבינעט און האָט געדענקט די פיל אָנגעקויפטע אַקציעס פון פאַרשידענע צוקער־פאַבריקן. איצט האָבן די אַלע האַלב־פאַרגעסענע אַקציעס גערדיקט און געשראָקן. דאָס שטובמיידל איז אַריינגעקומען אין קאַבינעט און האָט צו אים עפּעס אַ בעבע געטאָן,

האָט ער נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי רעדט צו אים, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און ביים מיידל איבערגעפרעגט:
„אַ?...״
אַזוי איבערגעפּולט איז אים שוין געווען זיין מוח מיט די געשעפטן, צו וועלכע ער דאַרף איצט, צוריקקומענדיק, זיך נעמען, און אַזוי שווער איז אים שוין געווען אַריינצוריקן צו זיך אין קאָפּ נאָך איינעם אַ געדאַנק. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער שוין געזעסן אינם עלעקטריש באַלויכטענעם וואַנעצימער, וווהין דאָס שטובמיידל האָט אים גערופן, און וווּ אויף אים האָט שוין לאַנג געוואַרט דער שערער. דערפאַר, וואָס אַרום און אַרום האָט דאָס הויז געדרימלט; דערפאַר, וואָס צימערן האָבן דורך ברייט געעפנטע טירן פון אומעטום געקוקט מיט פרימאָרגן־שטימונג און מיט באַנייטער שטילער ריינקייט, האָבן זיך דאָ אין צופיל וואַרעמען וואַנעצימער די קלאַנגען פון ראַזירערס שער געדאַכט אַזוי לייטיש און געהייליקט, גלייך דער ראַזירער וויל מיט זיי דערציילן אויף וויפל אָט דער קאָפּ, וואָס ער שערט, איז טייער ביי דער שטאָט און ביי פיל מענטשן, וואָס קומען אָן צו אים נאָך טובות. ראַפּאָפּאָרט איז אונטער אָט די קלאַנגען געזעסן שווער, אַביסל איינגעבויגן, ער האָט האַלב געדרימלט און האָט געדענקט, אַז מיטן דירעקטאָר פון דער גרויסער באַנק האָט ער היינט אַ זיצונג; אַז אויף דער פאַרפּסחדיקער ציוניסטישער קאָנפערענץ, בשעת ער, אַבראַם ראַפּאָפּאָרט, האָט אויבנאָן לעבן דער טריבונע געלייענט זיין פאָרטראָג, איז איינער אַן אויסלענדישער פּראָפעסאָר מיט אַן אַשוריש לאַנגער באָרד געזעסן פונקט אַנטקעגן און האָט די גאַנצע צייט צוגעשאָקלט מיט אַזאַ מינע, גלייך ער וויל זאָגן:
„גערעכט, גערעכט... אָט דער רעדט צו דער זאַך״.
אים האָט זיך איצט מאָדנע דייטלעך פאָרגעשטעלט אָט דעם פּראָפעסאָרס פּנים, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט ער האַלב געדרימלט און האָט געטראַכט וועגן דער בראַשעקער צוקער־פאַבריק, וווּ ס׳וועט קיינמאָל קיין אָרדענונג נישט זיין, דערפאַר, וואָס זי איז אַ ירושה־זאַך, וועגן דער גרויס־סעטערעניצער פאַבריק, וועלכע ער וואָלט דערום וועלן אַליין, אָן שום שותּפים, און וועגן דעם, וואָס די פרוי זיינע לעבט מיט אים פון תּמיד אָן גוט. נעכטן ביינאַכט אויפן וואָקזאַל, בשעת זי האָט אים

שטייף אַרומגענומען, האָט ער דערפילט, אַז זי דריקט זיך צו אים ליבער, ווי אַלעמאָל, און האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז דער ריח, וואָס טראָגט זיך פון איר, איז שוין, אַפּנים, דער ריח פון דער נייער פּודרע, וואָס זי האָט דעם לעצטן זומער געבראַכט פון אויסלאַנד. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן צוליבן שאַרפן אָדעקאָלאָן, מיט וועלכן מ'האָט אים געפרישט דאָס פּנים, און בײַ אים אויף די באַקן האָבן זיך שוין גערויטלט די שטענדיקע הערליש-רויטע צוויקלעך.

אַרויסגייענדיק צוריק פון וואַנעצימער, האָט ער געדענקט, אַז אין דער לינקער זייט פון איינעם אַ באַקצוויקל, האָט דער שערער, דאַכט זיך, פאַרכאַפּט בײַ אים אַ שטיקל באָרד און אין דער זעלבער צייט האָט ער געטראַכט, אַז די צוויי נדבות, וואָס ער האָט געגעבן פאַר זיין אַוועקפאָרן פון פּאַלעסטינע, זענען שוין אפשר ביידע צו גרויס. ער האָט באַלד באַדאַרפט אַרייַנגיין אין קאַבינעט און אַ קוק טאָן, צי ער האָט אָט די צוויי נדבות פאַרשריבן. נאָר אין עסצימער בײַם טיש איז שוין געזעסן זיין פרוי, אַ וווקסיקע בלאָנדינע מיט אַן אָפּ-געטראָגענעם לענגלעכן פּנים. ער האָט געקוקט. אַמאָל איז אָט דאָס פּנים געווען שיין און איצט האָט זיך עס שוין שטאַרק געגוויטיקט אין פּודרע און האָט געהאַט רויטע פלעקן אויפן שטערן און אין די ווינקלען פון די ליפּן. צוליבן קומען פונם מאַן האָט זי זיך איצט אויפגעכאַפּט, אפשר, מיט אַ גאַנצער שעה פריער, ווי געוויינלעך, און איז געווען צופרידן. איר פּנים אונטער דער פּודרע האָט דערום נאָך אויסגעזען פאַרשלאָפן, און דער גאַנצער קערפּער אירער האָט זיך מיט פאַרגעניגן געהילט אין דער וואַרעמער שאַל.

„אַבראַם, האָט זי געפרעגט, ביסט געקומען?"...

און ווי מיט אָנגענעמענעם ווונדער האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן:

„אַזוי גוט, וואָס דו ביסט געקומען".

לאַשטשענדיק זיך אין וואַרעמען שאַל אַריין, האָט זי אונטער-געשפּאַרט איר פּנים אויף ביידע עלנבויגנס און האָט צו אים אַזוי אַ ווײַלע שמייכלדיק אַרויפגעקוקט. ס'איז געווען אַ רגע, ווען אירע אויגן האָבן צו אים אַ גלאַנץ געטאָן מאָדנע ליבלעך און ממש ווי יונגע. זי האָט זיך געפונען פונקט אין יענער עלטער, ווען פרויען הערן

לחלוטין אויף צו אינטערעסירן אַרומיקע מאַנסבילן און הייבן אָן שטאַרקער צובינדן צו זיך דעם טרייגעבליבענעם מאַן. זי האָט אים איצט געקאָנט דערציילן, אַז דאָס גאַנצע הויז האָט אָן אים אויסגעזען פוסט, אַז שרהלע לעווין, זייער פלימעניצע, פאַרברענגט שוין דאָ פון פאַר פסח אָן, אַז פון נעסיען, פונם מיידל זייערן, וואָס לערנט אין פעטערבורגער אַקאַדעמיע, איז נישט לאַנג אָנגעקומען אַ בריוו, אַז זי האָט אַסך אַרבעט און דערפאַר קאָן זי פריער ווי היינטיקע וואָך אַהיים נישט קומען, און אַז אויב ער, אַבראַם, וועט אינגיכן פאָרן נאָכאַמאָל קיין אויסלאַנד, וועט זי דאָ שוין אַליין נישט בלייבן, זי וועט פאָרן מיט אים. דערציילנדיק האָט זי זיך און אים טיי אָנגעגאָסן און האָט דערביי אַלעמאָל אַרויסגערוקט פון אונטערן שאַל אַ שלאַנקן נאַקעטן עלנבויגן. זי האָט זיי געמוזט דרייסט באַווייזן, אָט די נאַקעטע עלנבויגנס, יעדנפאַלס זענען זיי געווען דאָס איינציקע, וואָס איז ביי איר געבליבן יונג און פריש, ווי מיידלוויז. און ראַפּאָפּאָרט איז געטריי און שווייגנדיק געשטאַנען דאָ לעבן איר, ער האָט געהאַלטן די הענט טיף אין די טאַשן פון זיין רעקל און האָט געדענקט, אַז ער דאַרף אַריינגיין צו זיך אין קאַבינעט און דאָרטן עפּעס פאַרשרייבן. איטלעכס מאָל, ווען זיין געזעצטער בליק איז געפאַלן אויף אירן אַן אַנטפּלעקטן עלנבויגן, האָט ער געדענקט, אַז ער האָט זי אַמאָל ליב געהאַט. און איטלעכס מאָל, ווען זיין בליק איז געפאַלן אויף איר פּנים, האָט ער שוין נאָר געדענקט, אַז ער האָט פאַר איר דרך־ארץ; ער דאַרף איצט האָבן צו זיך אין קאַבינעט, נאָר דער דרך־ארץ פאָדערט, אַז כּל־זמן זי רעדט צו אים, זאָל ער דאָ שטיין און זאָל זי אויסהערן. און דרך־ארץ האָט ער פאַר איר דערפאַר, וואָס שטאַמענדיק פון אַ גרויסן יחוס, מיט וועלכן זי מעג זיך איבערנעמען, באַמיט זי זיך תּמיד צו דערווייזן, אַז ער, דער מאַן אירער, שטאַמט יעדנפאַלס, נישט פון קיין קלענערן. איצט זיצט זי דאָ לעבן אים, גיסט אים אָן טיי און רעדט וועגן גרינגע זאַכן. נאָר מיידלוויז האָט מען איר, דער רייכער יתומה, לאַנג גערעדט שידוכים מיט די רייכסטע רוסישע און אויסלענדישע מיוחסים. זי האָט נאָך עד היום ליב אויסצורעכענען דעם געקניפּטן שטאַם פון אַלע גרעסטע יידישע פאַמיליעס ביז די פראַנקפורטער ראָטשילדן און ביז די צוויי יידישע באַראָנען, און דאָך איז זי שטאַרק צופרידן, וואָס ער,

דער מאַן אירער, איז איצט געקומען אַהיים און נעמט זיך איבער, וואָס זי האָט מיט אים חתונה געהאַט.

פון אויסערן עסצימער האָבן שוין דערוווייל דערגרייכט אָפּטע קלאַנגען פון פּאַראַד־טיר און פון טעלעפאָן. פון קאָנטאָר האָט מען זיך אָנגעפרעגט, צי „אַבראַם סאָלאָוויטש” וועט אינגיכן אַהין קומען. פון יענער זייט שמאָלן, כמעט קינדערשן טירל, וואָס פירט פון קאַבינעט אין קלייננעם צימערל, איז שוין געזעסן דער הויזבוכהאַלטער, אַ יונגער בחור אַ ציוניסט, און האָט איבערגעשריבן פון איין בוך אין צווייטן. אים איז געווען געפעלן די פראַגע, מיט וועלכער ער וועט זיך באַלד ווענדן צו ראַפּאָפּאָרטן אויף העברעיש, האָט ער זיך עטלעכע מאָל איבערגעלייגט ביי זיך אין מוח:

„אויב דער האַר האָט אויסגענוצט אויפן קאָנגרעס זיין אָרטיקן מאַנדאַט, דאַרפן דאָך די הוצאות־בערלין אַריינגעטראָגן ווערן אין דער ציוניסטישער קאָנטע?”

אין עסצימער האָט אים ראַפּאָפּאָרט אויסגעהערט שווער, אַביסל איינגעבויגן, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און גענומען אַרומשפּאַנען הין און צוריק. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער טראַכט וועגן דעם. נאָר אָפּגעשטעלט האָט ער זיך סוף־כל־סוף נישט לעבן בוכהאַלטער, נאָר לעבן זיין פרוי, זיך פאַרקרימט און געבעטן, מ'זאָל הייסן שפּאַנען דעם פאַעטאָן און וואַרטן אויף אים לעבן דער צווייטער פּאַראַד־טיר. איצט האָט ער שוין ווידער געדענקט זיין זיצונג ביים דירעקטאָר פון באַנק, די פיל אָנגעקויפטע אַקציעס מיט דער שלעכטער אָרדענונג, וואָס קאָן ברענגען אין בראַשעקער צוקער־פאַבריק צו אַן אומגליק. די פרוי זיינע האָט געוואָלט, ער זאָל אויסזען ייִנגער און האָט אים אין שלאָפצימער געגעבן אָנטאָן אַ סמאָקינג. נאָר ער האָט נישט געדענקט, ווען ער האָט דעם סמאָקינג אָנגעטאָן און נישט געהערט, וואָס די פרוי האָט צו אים גערעדט. פּאַמעלעך און שווער האָט ער זיך שוין אין פּאַלטאָ געלאָזט אַראָפּגיין פון די טרעפּ, וואָס פירן דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר צו דער צווייטער פּאַראַד־טיר. נאָר אויף איינער אַ טרעפּ איז ער פאַרטראַכט געבליבן שטיין און האָט זיך דערמאָנט, אַז פריער, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון וואַנעצימער, האָט ער עפּעס באַדאַרפט האָבן צו זיך אין קאַבינעט. וואָס אַזוינס ער האָט אַהין באַדאַרפט, האָט ער נישט

געדענקט, און דאָך האָט ער זיך אַהין אומגעקערט, אַרויפֿגעגאַנגען אויף די טרעפּ נאָך מערער פּאַמעלעך, ווי ער האָט זיך פֿון זיי אַראָפּ־געלאָזט, באַגעגנט אויפֿן וועג דעם בוכהאַלטער, געגעבן אויף אים אַ קוק, נאָר. גאָרנישט נישט געזאָגט. אין קאַבינעט אָבער האָט ער זיך דערמאָנט נישט אָן דעם, וואָס ער האָט באַדאַרפֿט, נאָר אין אַ צווייטער פֿאַרגעסענער זאַך: ער האָט פֿון שרײַבטיש אַרויסגענומען אַ קליין טאַשנביכעלע, צוגעגאַנגען מיט דעם צום טעלעפֿאָן און האָט אַרויסגערופֿן דעם פֿאַרוואַלטער פֿון קאָנטאָר.

„יאָ, געקומען... אַ דאַנק".

פּאַמעלעך האָט ער צעעפֿנט דאָס ביכעלע, געזוכט אין דעם מיט דער נאָז, ווי אַ קורצזיכטיקער, און גענומען דיקטירן די נײַע געשעפֿטן, וואָס ער האָט מיטן וועג געמאַכט.

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס רערל פֿון טעלעפֿאָן. איצט איז אים שוין דער גאַנצער מוח פֿול געווען מיט נעפּל. ער האָט כמעט נישט געדענקט קיין איין זאַך פֿון זײַן ווייטערדיקן לעבן און האָט דאָך ערגעץ טיף אין זיך געהאַט דערפֿון הנאה. זײַענדיק אַ מענטש כמעט אינגאַנצן אַ פֿרייער, האָט ער דאָך געהאַט פֿאַרשידענע איבערגלויביקע סימנים פֿון באַגליקן, און אָט דער נעפּל איז געווען איינער פֿון זיי. נישט אומזיסט האָט מען שוין אין שטאָט אונטערגערעדט, אַז ער שיקט עד היום דעם גרויס־סעטרעניצער די טויזנט רובל, וואָס זײַן פֿאָטער יהושע־העשל בריסקער פֿלעגט אים יערלעך געבן. אומקערנדיק זיך צוריק צו דער פֿאַראַד־טיר מיטן נעפּל, וואָס בײַ אים אין מוח, האָט ער אין קאָרידאָר דערזען עטלעכע וואַרטנדיקע מענטשן, וואָס זיצן אין איין שורה אויף דער הילצערנער רויט געפֿאַרבטער סאָפֿקע, זײַנע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט די אויגן פֿון איינעם אַ גוי, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ שכן, וואָס וווינט בײַ אים אין פֿליגל. דער גוי האָט זיך אויפֿגעשטעלט און האָט געזאָגט זײַן ביטע:

„ער וויל, מ'זאָל אים איבערוואַרפֿן אַ וואַנט פֿון קעלער".

נאָר ראַפּאָפּאָרט האָט אים גאָרנישט נישט געענטפֿערט און זיך גענומען אַראָפּלאָזן פֿון די טרעפּ. אָט דעם גויס ביטע האָט געהאַט אַ שייכות נישט צו אים, נאָר צו זײַן פֿרוי, און די איבריקע, די יידן, וואָס זענען דאָ געזעסן, האָט אויף אַלץ געקאָנט ענטפֿערן דער בוכהאַלטער.

אינדרויסן, לעבן דער ערשטער פּאַראַד־טיר, איז געשטאַנען דער ליטוואַק, דער ציוניסטישער מגיד, און האָט געדרייט אַ ציגאַר. מעגלעך, אַז ווען ער גייט צו צו ראַפּאָפּאָרטן, וואָלט אים יענער אויסגעהערט. נאָר ווען ער האָט דערזען דעם אויסגעפּוצטן שפּאַן, וואָס לעבן דער צווייטער פּאַראַד־טיר, און האָט געגעבן אַ צי אויס די האַנט, כּדי אים אָפּצושטעלן, איז שוין אַבראַם ראַפּאָפּאָרט געזעסן אין פֿאַעטאָן צו אים מיט די פּלייצעס, און דער אויסגעפּוצטער פורמאַן האָט שוין געהאַט שטייפער אָנגעצויגן די לייצעס. ביידע שטאַרק שוואַרצע אויסגעשטאַנענע פערד האָבן מיטאַמאָל געגעבן אַ דערשראָקענעם ציטער, געטאָן אַ ריס דעם פֿאַעטאָן און אַוועק מיט אים צו די אויסגעפּוצטע עקיפּאַזשן און שטילע אויטאָמאָבילן, וואָס שנאָרען היין און צוריק אינם ווייטן עק גאַס.

---

לעבן דער גרויסער באַנק, ווו אַבראַם ראַפּאָפּאָרט איז אַראָפּ פון פֿאַעטאָן, האָט ער דערקאָנט דער אַלטער מאַדאַם בערנשטיינס אויטאָמאָביל. אין קאָפּ האָט אים מיטאַמאָל אַ שלאָג געטאָן זי מיט איר רייכקייט און מיט די הונדערט טויזנט רובל, וואָס זי האָט אים מיט זיי אונטער־געהאַלטן צוריק מיט אַ יאָר פינף, ווען ער, אַבראַם, איז נאָך לחלוטין נישט געווען אַזוי רייך, ווי איצט. די הונדערט טויזנט רובל האָט זי דעמאָלט געהאַלטן ביי אים בסוד מער ווי אַ יאָר צייט און קוקט נאָך אויף אים עד היום, ווי אויף אירן אַ פּראָטעזשע. איצט האָט זי עפּעס גאָר אַ נאָענטע שייכות צום אָרטיקן יידישן שפּיטאָל, אויף וועלכן זי גיט יערלעך אַסך געלט. דער גאַנצער פּערסאָנאַל פון שפּיטאָל איז קעגן איר, און אים, ראַפּאָפּאָרטן, וועט זי געוויס באַלד דאָ אין באַנק נעמען בודען און אים אויסדערציילן וועגן אָט די אַלע סיכסוכים אירע. אין באַנק האָט ער זי דערזען אין די פּלייצעס לעבן איינעם אַ טישל. פון אונטער איר אַלטמאָדישן שוואַרצן היטעלע האָבן אַרויסגעקוקט די זקנהדיק אַרויפגעקעמטע טונקל־גרויע האָר, אונטער דער האַנט האָט זי געהאַלטן איר שטענדיקע באַגלייטערין, אַ יונג און פשוט ווייבל מיט אַ פּנים פון אַ בייטאָרין, און אַליין האָט זי אַרויפגעקוקט דורכן לאָרנעט צו איינעם אַ וווקסיקן מאַנסביל, וואָס האָט צו איר מיט גרויס דרך־ארץ גערעדט.

ראַפּאָפּאָרט האָט זיך גערוקט צו איר מיט אַ זייט, כּדי זי זאָל

אים נישט באַמערקן. ס׳איז געווען אָן עטלעכע מינוט צוועלף, און ער האָט נאָך צייט געהאַט אויסצוהערן אַ באַקאַנטן יידן, וואָס האָט אים איינמיטן אָפּגעשטעלט. נאָר ווען ער האָט זיך פון דאָרטן גענומען רוקן ווייטער, האָט אים האַרט לעבן דער טיר פון דירעקטאָרס קאַבינעט אָפּגעשטעלט אַ צווייטער ייד אין חסידיש אויסגעפּוצטע בגדים, וואָס האָט זיך אָנגערופן מיטן נאָמען „יעקב-נתן ווידערפּאָליער". אין דער ערשטער רגע האָט ער דערפילט, אַז דעם יידנס שוואַרצע אויגן זענען שטאַרק שאַרפע און עזותדיקע. ער האָט גלייך אַוועקגעדרייט פון אים דעם קאָפּ אין דער קעגנאיבערדיקער זייט. אין דער צווייטער רגע האָט ער זיך אַביסל פאַרקרימט, כדי אַריינצוריקן צו זיך אין מוח דעם יידנס ווערטער און כדי צו פאַרשטיין, צוליב וואָס דערמאָנט יענער פלוצים שרהלע לעווין, דעם נאָמען פון זיין שוועסטערס בת-יחידה, וואָס פאַרברענגט איצט ביי אים אין הויז. נאָר געטראַכט האָט ער שוין בשעת-מעשה נישט וועגן שידוך, וואָס דער ייד לייגט פאַר איר פאָר, נאָר וועגן דעם, וואָס דער ייד זעט אויס מאָדנע אָן דעם היטל מיטן שטאַרק אָפּגעשוירענעם קאָפּ און מיט די היפּשע פאות, אַפנים אָפּגעשוירן האָט זיך אָט דער ייד גאָרנישט לאַנג און שוין דאָ, אין קיעוו. דער ייד האָט נאָך אַלץ גערעדט, נאָר איצט האָט שוין ראַפּאָפּאָרט גאָרנישט נישט געהערט און גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען. ער האָט נאָר געדענקט, אַז ער איז יהושע-העשל ראַפּאָפּאָרטס עלטערער זון, גיט זיינע צדקות און האַלט שטאַרק זיינע טראַדיציעס. דער פאָטער זיינער פלעגט קיינמאָל קיין שידוך נישט אָפּזאָגן. פלוצים האָט ער זיך דערמאָנט, אַז צוריק מיט אַ יאָר פינף, ווען ער איז נאָך לחלוטין אַזוי רייך נישט געווען, האָט אים אַ געלט-מעקלער געקראָגן ביי אָט דעם יוסף שורס פאָטער אַ היפּשע הלוואָה. ער האָט אַרויסגענומען זיינס אַ וויזיט-קאַרטל און האָט עס אָפּגעגעבן אָט דעם יידן, און נאָכדעם האָט ער זין אָנגענומען פאַרן הענטל פון טיר און האָט געטאָן אַ קנייטש מיט די אַקסלען:

„וואָס קאָן ער דערויף זאָגן? ער ווייסט?... זאָל ער אַריינקומען דער יונגערמאַן... שבת-צונאַכטס זאָל ער אַריינקומען".

אַרום צוועלף אַזייגער אינאָוונט איז ביי ראַפּאָפּאָרטן אין הויז שוין געווען דורכאויס פינצטער, און נאָר אין שלאָפצימער האָט זיך נאָך געלויכטן. עטל ראַפּאָפּאָרט איז שוין געלעגן אויסגעטאָן, און אַנטקעגן אויפן צווייטן בעט איז געזעסן אַבראַם און האָט אויסגעטאָן די שיך. ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט, די אויסגעטאָענע שיך, זיך פאַרטראַכט און נישט קוקנדיק צו דער פרוי, אַ שמייכל געטאָן.

„שרהלען, האָט ער שעמעוודיק אַ זאָג געטאָן, האָט מען פאָרגעגעבן אַ שידוך".

„שרהלען !?"...

די פרוי האָט זיך מיטאַמאָל אַ הייב געטאָן פונם געלעגער און האָט דערהערט, וועמען מ'האָט שרהלען פאָרגעגעבן. זי האָט אָנגעשטרענגט די אויגן מיטן געקנייטשטן שטערן, איר גאַנצער קערפּער האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ צי-אויס צו אים, דעם מאַן אירן.

„וועמען !?... וואָס רעדסטו... ס'איז דאָך שרעקלעך"...

ראַפּאָפּאָרט האָט זיך באַלד איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע און איז אַנטשלאָפן געוואָרן, און זי האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אין איר בעט און איז געבליבן ליגן איינע אַליין מיט איר אויפרעגונג און מיט איר צער. ווער זענען אַזוינס געווען אָט די גרויס-סעטרעניצער שורן? קליינע, כמעט אויפגעקומענע מענטשעלעך, וואָס שטאַמען פון נישט קיין איבעריק שיינעם אָרט און לעבן ערגעץ פון תמיד אָן מיט אַ קאַרג אָפּגעבאַזונדערטן לעבן. די ראַפּאָפּאָרטס האָבן תמיד געשמייכלט דערפון, וואָס די רייכסטע פון אָט די שורן ווילן זיי נאָכמאַכן מיט די גרויסע צדקות און מיט די איידעמס, וואָס זיי ברענגען אַראָפּ פון אויסלאַנד, און איצט רעדט מען שוין איינעם פון זיי פאַר שרהלען... אַז אָך-און-וויי איז צו איר, צו שרהלען. עטל ראַפּאָפּאָרט האָט געפילט, ווי ס'ציטערט ביי איר נערוועז דאָס לינקע אויג און האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן. זי האָט געזען פאַר זיך איר שוועגערין, חנהלען, זי געזען פאַר זיך אַזוי נאָענט, גלייך זי געפינט זיך איצט אין ריגע און זעט, ווי יענע וווינט דאָרטן מיט איר צווייטן מאַן. יענע האָט אָפּגעטאָן איר אַרבעט: זי האָט נישט אויסגעוואַרט אַפילו ביזן מאַנס ערשטן יאָרצייט און האָט חתונה געהאַט פאַרן רייכן ריגער בחור, וועלכן זי האָט נאָך ליב געהאַט מיידלוויין. איצט רעדט די גאַנצע וועלט וועגן איר ליבע-מעשה, און

די רעכטע שידוכים רעדט מען שוין דער טאָכטער אירער, שרהלען.

„אַז אָך־און־ווי איז צו איר, צו שרהלען".

און אַרום אַכט אַזייגער אינדערפרי, ווען אַבראַם ראַפּאָפּאָרט האָט, ווי שטענדיק אין דער צייט, אַן עפן געטאָן די אויגן, האָט זי עס, ליגנדיק ביי זיך אין בעט, גלייך דערפילט און האָט געגעבן צו אים אַ הויב דעם קאָפּ.

„אַבראַם, האָט זי געזאָגט, דו ביסט געשלאָפן? און איך האָב אַ גאַנצע נאַכט אַפילו מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. האָסט אים גאָר־נישט אויסגעזידלט, אָט דעם מיאוסן יידן, דעם שדכן?... האָסט אים נאָך געגעבן אַ וויזיט־קאַרטל, אַז דער בחור זאָל אַהער קומען? עטאָ וואָזמוטיטעלנאָ!"

## IV

דערווייל האָט יוסף שור פון גרויס־סעטרעניץ שוין געהאַט באַקומען יעקב־נתנס ערשטן בריוו, און דאָרטן איז געשטאַנען, אַז ער זאָל זיין גרייט און אַז מיט גאָטס הילף:

„דער שידוך מיט משהלע לעווינס מיידל וועט איה"ש זיין אַ שידוך".

אין שטאָט האָט מען שוין אויך וועגן דעם געוווּסט. דעם לעצטן טאָג פסח אינדערפרי האָט מען אין שול גערעדט וועגן דעם אויף דער שפּיגל־באַנק. מ'האָט געקוקט, ווי יוסף שור זיצט אויבנאָן אויף דער „שטאָט" פון זיין נישט־לאַנג געשטאָרבענעם פאָטער; מ'האָט איבער אַ נייס באַמערקט דעם נייעם שוואַרצן סורדוט אויף זיין געזעצטער שטאַלטנער פיגור מיטן גבירישן חתן־בערדל, וואָס רונצלט זיך פריי אַרום זיין יונג־בחורשן מאַט־חנעוודיקן פּנים און מ'האָט געשמועסט, אַז ער וואַקסט, ווי אויף הייוון, אָט דער יוסף שור, ווער ווייסט?

„מעגלעך, אַז ער דערגרייכט טאַקע איצט אַ שידוך, וואָס גאַנץ משפּחה שור האָט זיך אַלע יאָרן צו אים געצויגן".

ביי יוסן אַליין האָבן זיך דעמאָלט קוים־קוים געשאָקלט די דינע האַלב־פרומע ליפּן און איטלעכס מאָל, וואָס ער האָט זיך פאַרטראַכט, האָבן זיינע היפּשע שוואַרצע אויגן גענומען קוקן פאַר זיך מיט אַ שפּאָגל

זייעם סאַמעטענעם גלענצל. דאָס איז געווען אַ גלענצל פון לאַנג אָפּגעהיטער בחורשאַפט, וואָס איז שוין נאָענט צו אַ תכלית און פון גרויסן אומגעריכטן גליק, וואָס קומט פּלוצים און באַהערשט אַלע געפילן. אַרום אים איז מיטאַמאָל געוואָרן אַלץ ענלעך צו אַ מאָדנע אָנגעלייגטן עולם התוהו. דערצו איז נאָך גראָד צו יענער צייט געשען נאָך איינע אַ מעשה.

קיין גרויס־סעטרעניץ האָט זיך דעמאָלט אומגעקערט מינע מורייניס, אַ געראָטן גביריש מיידל, וואָס האָט אַ היפּשע צייט געלעבט אין אויסלאַנד און האָט דאָרטן פאַרדרייט די קעפּ ביי אַלערליי גבירישע יונגעלייט און גרויסע מענטשן. אויפן צווייטן טאָג נאָך איר קומען האָט זי באַגעגנט אין גאַס יוסף שורן און האָט גלייך באַמערקט דאָס סאַמעטענע גלענצל, וואָס אין זיינע שוואַרצע אויגן. זי האָט שוין דערביי אַפילו באַקומען אַן אומעטיק פּנים און האָט זיך גלייך גענומען דערפרעגן, ווער איז ער. דאָס איבעריקע האָט שוין דאָרטן אין שפּיגל־באַנק דערציילט דער אָרטיקער בנעימותדיקער שדכן, ווען דער אַלטער מורייניס האָט דעם ערשטן טאָג פּסח גערופן צו זיך אויף קידוש.

„מינע מורייניס, האָט ער דערציילט, איז דאָרטן געזעסן אין עסצימער לחלוטין נישט פיין געקליידט, מיט צעפּאַטלטע ציגיינער־האָר איז זי געזעסן און מיט באָרוועסע פיס אין די שטוב־טופליעס".

פון פוילקייט, צי פון גלייכגילטיקייט איז זי אַזוי געזעסן, סיי־ווי־סיי איז זי דאָך שוין אַ היפּשע צייט געווען אין אויסלאַנד און האָט זיך דאָרטן אויפגעפירט פריי, און קיינער פון די גבירישע יונגעלייט און גרויסע מענטשן, וועמען זי האָט די קעפּ פאַרדרייט, איז איר נישט געפעלן. איצט האָט זי גערעדט מיטן שדכן אין אַ ליצנותדיקן טאָן; זי האָט געשמייכלט, זיך צוליב געהילט אין דער שאַל און האָט געשריגן צום שדכן ווי צו אַ טויבן:

„רעדט מיר יוסף שור!" האָט זי צו אים געשריגן.

---

צוריקרעדנדיק איז שוין אפשר אויך משהלע לעווינס מיידל געווען פאַר יוסף שורן אַ גאַנץ געוויינלעכער שידוך, דערויף איז ער געווען דער ייִנגערער און געראָטנסטער צווישן אַלע אָרטיקע גאַוווהדיקע און זייער רייכע שורן; זיין גרויסע גערירשנטע בייטל־מיל האָט פריילעך

געמאָלן אויפֿן סאַמע הויכן ברעג פֿון שמאָלן טיף פֿליסנדיקן טייך, אַ האַלב ווערסט פֿון שטאָט, און פֿון אַלע פֿאַרבייגייענדיקע שיפֿן האָט מען געמוזט קוקן, ווי זי טיילט זיך אויס פֿון די אַרומיקע קלענערע און גרעסערע פֿאַבריקן, זי לאָזט אָן אויפֿהער חוצפּהדיק שוואַרצן רויך צום קלאָרן בלויען הימל, און פֿון גרויס־גבֿירישאַפֿט באַלייכט זי זיך אינמיטן העלן טאָג מיט אייגענער יום־טובֿדיקער עלעקטרע. חוץ דעם האָט ער דאָ, אין היפּשן בערגיקן גרויס־סעטרעניץ, געהאַט צוויי אַלטע שטאַרק רייכע מומעס, וואָס האָבן זיך שוין נישט אָנגעקערט מיט קיינעם פֿון די אָרטיקע אויפֿגעקומענע גבֿירים און זענען נישט געגאַנגען צו זיי אויף חתונות. זייערע קינדער האָבן זיי דורך אַזעלכע מינים באַזונדערע אויס־לענדערישע שדכנים חתונה געמאַכט קיין אויסלאַנד, און אַליין האָבן זיי שוין געוווינט ווייט פֿון ווימלדיקן שטאָט־צענטער, אין צוויי גרויסע פֿאַרוואַקסענע ירושה־הייזער, וואָס האָבן אויפֿן זעלטענעם דורכגייער תּמיד אַ בלאָז געטאָן מיט לייטישער מרה־שחורה און מיט אַלטער אומעטיקלעכער גבֿירישאַפֿט. זיי זענען געווען די „פּני" פֿון דער שטאָט, אָט די צוויי מומעס אסתּרל און האָדל, און האָבן קיינמאָל נישט געטאָן קיין שידוך מיט קלענערס פֿון זיך. נאָר ערשטנס האָט יוסף שור שוין לחלוטין נישט געקאָנט אויף זיך זאָגן, אַז אויך ער שטאַמט פֿון גאָר דער געהויבענער זייט שורן. זיין פֿאָטער איציק־מאיר שור איז געווען אַ חסידיש פֿאַנאַטישער און קאַרגער ייד, אַ כּעסן אַ באַרימטער און אַ בעל־גאווה, וואָס אַלע מיל־מענטשן האָבן אים געחנפֿעט אין די אויגן און האָבן זיך אים נאָכגעקרימט אונטער די פּלייצעס. נאָך אין דער יוגנט האָט ער זיך צוליב ירושה־זאַכן צעקריגט מיט ביידע שוועסטער, אסתּרל און האָדעלע, און האָט שוין נאָכדעם אַלע יאָרן געשריגן, אַז זיי מיט די מאַנען און מיט זייערע קינדער רודפֿן אים און זענען אים שונאים אויפֿן לעבן. מיטן ערשטן ווייב, דער עקרה, האָט ער געלעבט שלעכט, נאָר נאָך איר טויט האָט ער געכאַפּט און אויף צולהכעיס אייגענער משפּחה שוין אויף די עלטערע יאָרן חתונה געהאַט מיט אַ יונג ווייבל אַ גרושה, וואָס איז ביי אים אויסן געווען נישט מער, ווי „פּאָפּראַוועו זיך" און זיך אויסקליידן, און פֿונם דאָזיקן צולהכעיס־שידוך איז אַרויסגעקומען ער, דער לייטיש געזעצטער יוסף שור מיט די לייטיש געזעצטע מידות און מיט די געראָטענע יידיש־

וועלטלעכע קענטענישן, וואָס ער האָט אין זיך ביז דריי-און-צוואַנציק יאָר אַריינגעשטאָפּט. פון אַ טאַטן א חסיד און א בעל-גאווה איז ער אַרויסגעקומען, פון אַ טאַטן, וואָס האָט דרייסיק יאָר כסדר אייגענע שוועסטער צו זיך אין הויז נישט אַריינגעלאָזט און איז פלוצים עטלעכע שעה פאַרן טויט געוואָרן שטאַרק ווייכהאַרציק, זיך אויפגעזעצט אויפן בעט און זיך פונאַנדערגעכליפּעט, אַלמאַי ער האָט אָפּגעלעבט א מיאוס לעבן, און פון אַ מאַמע, אַ יונג ווייבל אַ גרושה, וואָס איז אויסן געווען נישט מער, ווי „פּאַפּראַווען זיך” און זיך אויסקליידן

דאָס אַלץ האָט דער שווייגנדיקער שטייפער יוסף שור ערגעץ טיף אין זיך געקאָנט האָבן אין זינען. חוץ דעם האָט ער זיך שוין איינמאָל געהאַט מיט משהלע לעווינס מיידל באַגעגנט און האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן דערפילט, אַז ס'איז פאַראַן חתן-שטימונג אויף דער וועלט. דערצו איז נאָך דאָס באַגעגעניש אַליין פאָרגעקומען מאָדנע אומגעריכט און לחלוטין נישט אויפן געוויינלעכן באַלעבאַטישן שטייגער. דאָס איז געווען אַ פּאָר וואָכן פאַר פסח, ווען יוסף שור האָט זיך אומגעקערט פון וואַרשעווער פוילן פון זיין יונגער מומע רייזל, פון יענער זעלבער מומע רייזל, וואָס האָט פון תמיד אָן נישט געקאָנט אויסקומען מיט זיין חסידיש פאַנאַטישן פאָטער, דעם ברודער אירן און איז אַמאָל מיידל-ווייז אַנטלאָפן פון אים קיין פּאַריז.

---

דער מומע רייזל האָט קיינער נישט געגלויבט, אַז זי האָט אַסך צרות, נאָר דערפאַר, וואָס זי אַליין האָט פון תמיד אָן צו פיל געפּלאַפּלט וועגן זיך, וועגן די צרות אירע און וועגן איר גרויס קאַנטשאַפט מיט די גרעסטע מענטשן פון גאָר דער וועלט. אין דער יוגנט האָט זי געהאַט אַסך געפלוידערטע מיידלשע ראָמאַנען, נאָר סוף-כל-סוף האָט זי מיט איר יונגן רייכן מאַן חתונה געהאַט פשוט דורך אַ שדכן. דערפאַר איז איר מאַן געווען נאָך אַ גרעסערער פלוי-דערזאַק פון איר און קיין זאַך אין דער וועלט האָט אים נישט געקאָנט באַוווּנדערן ער האָט פּערזענלעך געקענט אַלץ און יעדערן. ער איז אַליין געווען אַזויצוזאָגן, אַ האַלבע וועלט, אַ שטיק גאָט, און די מומע רייזל האָט געליטן שווייגנדיק האָט זי געמוזט צוזען, ווי ער פאַרשיט יוספן, דעם גאַסט אירן, מיט ניין מאָס רייד און איז צו פיל מגזם וועגן זיך.

אַך יאָ, גאָר גליקלעך איז שוין די מומע רייזל נישט געווען. איז דעם האָט זיך יוסף שור איבערצייגט פאַר די קורצע עטלעכע טעג, וואָס ער האָט בײַ איר פאַרבראַכט. אַז די מומע רייזל באַגלייט אים צוריקוועגס צום וואָקזאַל, פילט ער זיך גערירט. ווען נישט דאָס, וואָס ער איז אויפגעצויגן בײַ איציק-מאיר שור אין דער שטייפער, שוויַיגנדיקער שטוב, וואָלט ער זי איצט אָנגענומען פאַר די הענט און וואָלט איר געזאָגט, אַז דער עיקר איז: ליידן שטיל און שיין, אַזוי, אַז קיין בן-אָדם זאָל דערפון נישט וויסן. די מומע רייזל איז אויך גערירט און פול, אַזוי צו זאָגן, מיט הייליקע שוועסטער-געפילן. אַז זי קושט אים, ווי קינדווייז „אין די כשרע אויגן", וואָרגן זי טרערן אין האַלז, סוף-כל-סוף האָט זי דאָך געפונען אין אים אַ פריינטל, וואָס קאָן זי אויסהערן.

„זי האָט אַלע אירע יאָרן, זאָגט זי, נעזיכט נישט מער ווי אַ פריינט".

נאָר אַז דער צוג קומט אונטער, באַמערקט זי עפּעס געשווינט אין איינעם פון די וואַגאָן-פענצטער און באַקומט מיטאַמאָל אַ שדכניש בייגעריק פּנים מיט לייכטזיניק-ווייבערשע פלוידער-אויגן. זי שמייכלט דערבײַ צו פיל און צו נאַריש, און רוימט איין יוסף שורן, אַז ער איז גליקלעך.

„ער פאַרט אַהיים אין איין קופּע מיט אַ שיין און רייך מיידל. מיט משהלע לעווינס מיידל".

„מיט משהלע לעווינס מיידל?"

יוסף שור ווייסט נאָך נישט קלאָר, ווער איז זי אַזוינס. אין גרויס-סעטערעניץ שמועסט מען, אַז זי האָט געוויס עמעצן אין אויסלאַנד.

„אַנדערש וואָלט זי אַהין אַזוי אָפט נישט געפאָרן".

און נאָכדעם פילט ער זיך שוין די גאַנצע צייט צעטראָגענער און אַנדערש ווי אַלעמאָל און קוקט מיט צו פיל אויסגעגלאַנצטע אויגן אויפן יונגן בלאָנדן מיידל, וואָס פאַרנעמט אַנטקעגן אים אין קופּע דעם צווייטן פרייען פּלאַץ.

„משהלע לעווינס מיידל..."

דאָס מיידל ליגט דעם גאַנצן אָוונט מיט פאַרמאַכטע אויגן און דריקט שטיל די איבערגעפלאָכטענע הענט צו דער ברוסט, און ער קוקט אויף איר און געדענקט, אַז זי האָט מסתּמא עמעצן אין

אויסלאַנד. איצט דאַכט זיך שוין, אַז איר איז געבליבן נישט מער, ווי צו דריקן אַזוי אין האַלבן דרימל די איבערגעפּלאָכטענע הענט צו דער ברוסט און זיך אויסמאָלן, אַז איר איינציקער, וועמען זי האָט געלאָזט איצט אין אויסלאַנד, שפּאַרט נאָך אַלץ דעם קאָפּ צו איר אויפן אַקסל...

איינמאָל טרעפט זיך:

דאָס מיידל טוט אויף אים אַן עפן די אויגן, בלאָע פאַרשלאָפענע אויגן, וואָס קוקן זיך אַ רגע איין אין זיין יונג בחורשן פּנים און ווילן זיך אָן עפּעס דערמאַנען, און ווערן באַלד צוריק גלייכגילטיק און אַנטוישט. און ביי אים ווערט דערפון ווי אונטערגעבראָכן דאָס האַרץ, און אַ וואַרעמע חתן־שטימונג, אַ כוואַליע טוט זיך מיטאַמאָל איבער דעם אַ לאָז און פאַרטריינקט עס.

„זי איז אַ שיין מיידל...“

ביי דער שיין פונם שטייענדיקן עלעקטרישן לעמפל, וואָס פאַלט פון אונטערן געל זיידענעם אַבאַזשורל, עפנט ער זיין העברעיש בוך און נעמט אין דעם אַריינקוקן. נאָר סוף־כל־סוף פאַרמאַכט ער עס און גייט אַרויס פון קופּע אין קאָרידאָר אַריין. אים פאַרדריסט, אַלמאַי ער האָט אַ היפּשע צייט אַריינגעקוקט אין בוך און האָט אין דעם גאָרנישט נישט איבערגעלייענט. מאַכן זיך גלייך ער לייענט, האָט ער פיינט. אַדרבא, אים אַליין איז שוין איצט מינוטנווייז געוועזן שווער די מומע רייזל, נאָר דערפאַר, וואָס ביי איר זענען, נאָך זיין מיינונג, פיל זאַכן געווען „געמאַכטע“. און נאָכדעם קעמפט ער שוין מיט דער געירשנטער משפחהדיקער גאווה, וואָס זידט אים אויף דאָס בלוט. ער וויל מער נישט קוקן אויפן מיידל, דאָך קאָן ער זיך לאַנג אין קאָרידאָר נישט איינהאַלטן, ער קערט זיך אים צוריק אין קופּע און באַמערקט פלוצים, אַז די שיין פונם עלעקטרישן לעמפל ברענט צו העל. ער דערנענט זיך צו דעם אויף די שפּיץ־פינגער און פאַרלעשט עס. נישט צוליב זיך טוט ער עס, נאָר צוליב איר און צוליב איר שלאָף. אויפן אָרט פונם אויסגעלאָשענעם לעמפל צינדט זיך גלייך אָן אין ווינקל אַן אַנדערס, אַ הויכס און אַ בלאָס, און דעמאָלט ווערט מיטאַמאָל קלאָר, אַז דער שטיל דערוואָרגענער מורמל פונם שווערן לויפנדיקן וואַגאָן איז שוין אַ גאַנצער, אַ ביינאַכטיקער. אין וואַגאָן

שלאָפּט מען, נאָר ער, יוסף שור, האָט נאָך מיט שלאָפן צייט. ער זיצט איינער אַליין טיף פאַררוקט אין זיין פאַרטונקלט ווינקל, ער טרייסלט זיך גרינג צוזאַמען מיט אַלץ אין וואַגאָן און קוקט.

דאָס מיידל ליגט ווי פריער מיט פאַרמאַכטע אויגן, נאָר די הענט זענען איר שוין איצט אונטערגעלייגט אונטערן קאָפּ מיט גע־קריצטע בלאָנדע האָר. דאָס קליידל דעקט צו די אונטערגעקליבענע פיס ביז די שפּיצן פון קינדערש קליינע לאַקירטע טופליעס, און דער שוואַרץ־פּאַסיקער שאַל האָט איינגעהילט איר טאַליע מיט די יונג־מיידלשע תמימותדיקע פּלייצעס. זי איז געווען שיין. און ער האָט פאַרשלאָפענער־הייט אויף איר געקוקט:

„משהלע לעווינס מיידל".

---

איז אָט, נאָך אָט דעם באַגעגעניש מיט משהלע לעווינס מיידל, האָט זיך יוסף שור אומגעקערט אַהיים איינגאַנצן אַ באַנייטער און איז אָפּגעשלאָפן עטלעכע נעכט נאָכאַנאַנד, ווי אַ קלעזמער נאָך אַ חתונה. אָפּגעשלאָפן און מיט אַזאַ גרינגן שלאָף, גלייך אין יעדער רגע קאָן געמאָלט זיין, אַז דאָס מיוחסדיקע מיידל זאָל קומען אָנקלאַפּן אָן זיין טיר און אים זאָגן:

„ס'איז ליגן... כ'האָב קיינעם נישט אין אויסלאַנד..."

דערצו איז נאָך די צייט אַליין געווען אַ צייט פון פרילינג, און אינעם טייך, וואָס פליסט פאַרביי בערגיקן גרויס־סעטרעניץ, האָט פרי געריירט דאָס אייז...

טעג זענען פאַרגאַנגען אין גרינגן פראָסט, אין טיפער איינהערעניש, צי די אַרומיקע ווייט דערשטוינטע געגנט פאַרטראַכט נישט עפּעס נייעס. דעמאָלט האָבן זיך פרי געלאָשן קליינע ציטערדיקע פייערלעך, מיד פון מצות־באַקן און פון פאַרפּסחדיקער איילעניש, האָבן תחילת־נאַכט איינגעדרימלט די פיל פאַרדרייטע גרויס־סעטרעניצער אונטער־געסלעך. און פריער אָוונט, ווי לאַנג פאַרכאַפּטער אָטעם, האָט שטיל געגאַפּט און שטיל געציילט די קלעפּ פון שנעלצוג, וואָס טראָגט זיך דורך איבערן ווייטן אייזערנעם בריק. ער טוט דאָרטן אַ שרעק אונטער זיך אַ תהום, אָט דער צוג; ער צעברעקלט שטילקייט אויף פיצלעך און

אַליין איז ער שוין ווייט-ווייט, ער איילט צו יענעם אָרט, וווהין ער האָט צוריק מיט עטלעכע טעג אַוועקגעבראָכן דאָס יונגע בלאָנדע מיידל.

אין יענע טעג האָט די זוניקע לופט געשמעקט מיט כּלה-טרייש־אַפּט, מיטן יונגן מיידל, מיט זיך, מיט יונגן בחור אַליין און מיט נאָך, מיט נאָך, מיט גאַנצע פּסוקים פון שיר-השירים... יוסף שור איז דעמאָלט געגאַנגען צו זיך אין דער גרויסער געצירשנטער מיל, ווו ס'האָבן נאָך פון פאַר זיין פאָטערס טויט געמאָלן אַ צענדליק יידן „פּראָמאָלשטשיקעס". איטלעכס מאָל, וואָס ער האָט צוריקוועגס איבערגעשריטן אין אַלכסון דעם גרויסן אויסערשטאָטיקן פּלאַץ, האט ער תמיד באַגעגנט די צוויי איינע און די יעלבע מיידלעך חברטעס, וואָס האָבן דאָרטן אַרומגעשפּאַצירט הין און צוריק. זיי האָבן געפּרוווט מיט די קאַלאָשן די שטייפקייט פון שניי און געהאַלטן דערביי אין איין גוטמוטיק קוקן אויף אים, דעם פאַרבייגייענדיקן יוסף שורן. אַלטע גוטע-פריינט זענען אים אַפּנים די מיידלעך געווען און ער האָט וועגן דעם גאָרנישט געוווּסט. איינע פון זיי איז געווען מינע מורייגיסעס, דעם אַלטן מורייגיסעס געראָטענע טאָכטער. קוקנדיק אויף אים, האָט זי דאָ געהאַט צו דערציילן איר חברטע אַ סוד, אַלע טאָג אַ נייעם סוד. דער סוד איז געווען אין די שוואַרצע אויגן, מיט וועלכע זי האָט לאַנג באַגלייט אים, דעם גבירישן יוסף שור, דעם געראָטענעם פיר-און-צוואַנציק יאָריקן בחור. נאָר יוסף שור האָט אויך אין זיינע אויגן געהאַט אַ סוד; ער האָט פאַרבייגייענדיק געקוקט אויף ביידע מיידלעך און האָט בשום אופן נישט געקאָנט באַשליסן, וועך פון זיי יערמאַנט אים מער אָן יענער, אָן משהלע לעווינס מיידל...

ער האָט נישט געהאַט קיין חברים, וועמען ער זאָל איצט קאָנען וועגן זיך דערציילן; געבוירן און אויסגעוואַקסן אין אַ הויז אַ בייזלעך אָפּגעשלאָסענעם און נישט איבעריק באַליבטן אויף דער גאַנצער שטאָט און אויף אַלע אַרומיקע שכנישע הייזער, איז ער סוף-כּל-סוף אַרויס פון דעם, ער, דער שווייגנדיקער יוסף שור, דער בייזלעכער און שטייפער ערגעץ טיף אין זיך דאָ אין שטאָט איז ער זעלטן געגאַנגען אַפילו צו זיינע צוויי אַלטע געהייליקט-רייכע מומעס. יענע האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט דערפאַר, וואָס ער דאַרף צו זיי נישט אָנקומען און דערפאַר,

וואָס ער איז לייטישער פון זיין טאַטן. זיי האָבן ביי יעדער געלעגנהייט געלויבט זיין גערעכטיקייט, און ער איז צו זיי נישט געגאַנגען.

נאָר איינמאָל פּאַרנאַכט דאָ אין גרויס-סעטרעניץ אויף דער מיטלסטער רעשדיקער גאַס... איינמאָל פּאַרנאַכט האָט זיך אים אויס-געוויזן, אַז ער זעט דאָ דורכגיין זי, משהלע לעווינס מיידל. ער איז געגאַנגען אויף איין טראָטואַר און האָט זי די גאַנצע צייט געזען אין די פּלייצעס אויפן צווייטן. זי האָט אים גענאַרט און שטום גערופן; זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט און זיך צו אים אומגעקוקט. נאָר סוף-כל-סוף האָט זי פּאַרקערעוועט לעבן איינעם אַ פּינצטער געוואָרענעם ראָג און איז דאָרטן פּאַרשוווּנדן צווישן געדיכטן שפּאַצירנדיקן עולם. דעמאָלט איז יוסף שור שטיין געבליבן און האָט זיך אַרומגעקוקט. אין דער געפּרעס-טער בין-השמשותדיק שפּעטער לופט האָבן פּנימער דורכגעאיילט מיט אַ מאָדנער פּאַרפּרעמדקייט ווי צו ליקוי-חמה, און אין די אויערן האָט גערעשט דאָס וואַסער, וואָס פּאַלט פון אונטער אַ גרויסן הויך אויפ-געהויבענעם שלויז, כאָטש אַרום און אַרום גרויס-סעטרעניץ איז גאָר אין ערגעץ קיין שלויז נישט געווען. וואָס האָט דאָס געקאָנט באַטייטן? פּאַמעלעך האָט ער זיך אַהיים אומגעקערט און האָט דעם גאַנצן אָוונט געדענקט, אַז זי, משהלע לעווינס מיידל, איז שוין מסתמא לאַנג געקומען אַהין, וווּהין זי איז געפאָרן פון אויסלאַנד אויף פּסח. מעגלעך, אַז איצט אינאָוונט איז זי אין ערגעץ נישט געגאַנגען און געפינט זיך ביי זיך אינדערהיים, מעגלעך, אַז זי פּרעסט זיך איצט אויס אַ ווייס קאָפּטל אויף פּסח...

און אויף מאָרגן האָט ער שוין מער נישט געקאָנט איבער זיך געוועלטיקן און איז אַוועק מיט אַלע זיינע איבערלעבונגען צו זיין איינציקן חבר, צום גרויס-סעטרעניצער רבינס בן-יחיד איציקלען, מיט וועמען ער האָט קינדווייז אין רבינס הויף געלערנט ביי יעקב-נתנען „חושן-משפּט" און „יורה-דעה".

## V

דעם רבינס גרויסער גוט-יידישער הויף האָט שוין זינט עטלעכע יאָר געהאַלטן אין איין וועלקן. יעדער צימער איז געווען פול מיט

צרותדיקע סודות, מיט צולהכעיסן און מיט קריג. דער אַלטער רבי, דער גרויסער למדן איז פון יאָר צו יאָר געוואָרן פרומער, נישט געוואוסט, אַז ער איז מסוכן קראַנק און האָט ווי אַמאָל געפּאַסט גרויסע תעניתים ביי זיך אין די אָפּגעשלאָסענע צימערן. צוריק מיט אַ פּאָר יאָר האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון „נעמען קוויטלעך" און פון פּראַווען טישן און האָט געגלויבט, אַז ער לעבט אויסשליסלעך פון די דריי טויזנט רובל, וואָס ער באַקומט פאַר גרויס־סעטרעניצער רבנות. שונאים, וואָס זענען פון תמיד אָן געווען זיכער, אַז ער איז נישט אַזאַ תם, ווי ער מאַכט זיך, האָבן אים חושד געווען, אַז פון „קוויטלעך נעמען" האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פשוט דערפאַר, ווייל „דאָס געשעפט גייט אונטער". און די רביצין האָט אָן זיין וויסן געוואָלט אונטערהאַלטן די גרויסקייט פון הויף און האָט שטילערהייט געשלעפּט גרויסע געלטן ביי אַלע זיינע אַמאָליקע גלויביקע און אומגלויביקע חסידים.

יוסף שור האָט זיך דאָרטן געגנבעט איבער פיל האַלב־ליידיקע נישט באַוווינטע חדרים, מורא האָבנדיק, אַז די רביצין וועט אים דאָרטן אויפנעמען, ווי אַ קינד פון אַן אַלטן חסיד און גוטן־פריינט און וועט אים דאָרטן אויסדערציילן אַלע משפּחה־אומגליקן.

שווייגנדיק און גאַוואהדיק שטייף איז ער נאָכדעם געזעסן אַנטקעגן איציקלען אינם נזיריש אָפּגעזונדערטן צימער, ווו זיי האָבן אַמאָל צוזאַמען געלערנט. אין יענעם זעלביקן צימער האָט אים דאָך איציקל אַמאָל שטייף געהאַלטן פאַר ביידע עלנבויגנס און אים געצוווּנגען אויסהערן אַן ענלעכע געשיכטע צו דער, וואָס ער, יוסף שור, לעבט איצט איבער, אַ געשיכטע מיט אַ חופּה מיט קלעזמער, וואָס איז דעמאָלט נאָר־וואָס אין אָנהויב ווינטערדיקן אָוונט פאָרגעקומען ביים רבין אין הויף און מיט אַ שטייפער פאַרפומען־שמעקנדיקער מיידלשער האַנט, וואָס האָט זיך דאָרטן אין דער פינצטער שטייף צו אים, איציקלען, צוגעטוליעט.

נאָר סוף־כל־סוף איז פונם דאָזיקן וויזיט זיינעם גאָרנישט נישט אַרויס. איציקל האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ קלאָר־ווייסן כשרן האַלז מיט אויך אַזאַ כשר לייב, וואָס בענקט אַ גאַנצע וואָך נאָך די גוטע־יידיש זיידענע קליידער, אין וועלכע מ'טוט עס אָן שבת, און האָט נאָך אַלץ געשטראַלט, ווי צוריק מיט פיר יאָר, בשעת ער האָט בגנבה געלייענט היינען, אַחד־העמען און נאַדסאָנען. נישט לאַנג האָט ער זיך אומגעקערט

פון אויסלאַנד צוזאַמען מיטן אַלטן רבין, וועמען דאָקטוירים האָבן דאָרטן מיאש געווען. נאָר נישט דאָס איז געווען דער עיקר, און נישט וועגן דעם האָט איצט גערעדט איציקל. דער עיקר איז געווען דאָס, וואָס ער האָט פאָרנדיק צוריק פון אויסלאַנד געזען. שטייף און קרעפטיק האָט ער געהאַלטן יוספן העכער די עלנבויגנס פאַר ביידע הענט און האָט אים געצווונגען אויסהערן, וויאַזוי דער שנעלצוג, מיט וועלכן ער מיטן פאָטער האָבן זיך פון אויסלאַנד אומגעקערט, איז שוין דאָ אין רוסלאַנד געלאָפן איבער ברייטע פרייע פעלדער און האָט געשפרייט אומעט טיף אין די באַטריבטע בין־השמשות, און ווי ער, איציקל, איז דאָרטן איינער אַליין געשטאַנען אין האַלבן וואַגאָן ערשטע קלאַס און האָט געזען דעם קליינעם יידישן ישוב, פאַרביי וועלכן דער צוג טראָגט זיך געשווינט אַדורך. אינם קליינעם ישוב איז אַזוי פוסט, גלייך ס׳איז שבת און אין אַלע הייזער שלאָפט מען בייטאָג. אַ בלאָטקעלע גלענצלט זיך דאָרטן פאַר די הייזער, וואָס שטייען מיטן פנים צו די רעלסן; אַ הערטל געגנז גריבלט דאָרטן מיט די שנאָבלען אין אַן אויפגערודערט בלאָטיקן הויף, און אַ מיידל... אַ מיידל אין ווייסן לויפט דאָרטן מיטאַמאָל אַרויס פון דער לעצטער פאַרמעגלעכער שטוב און בלייבט מיטאַמאָל שטיין אויפן גאַניק, אַ מיידל אין ווייסן...

איז אָט, אין אָט דעם מיידל איז איצט, אַ פנים, געווען פאַרליבט איציקל. ער האָט געהאַט שוואַרצע גריבער אונטער די אויגן און האָט געזאָגט, אַז ער מוז אַלע ווײַלע פאַררויכערן אַ פאַפּיראָס, ווייל דער קאָפּ, „דער קאָפּ טראָגט אים אינדערלופטן"...

יוסף שור האָט דעמאָלט טאַקע קיין וואָרט וועגן זיך נישט אויסגערעדט; געזעסן שווייגנדיק אַנטקעגן איציקלען, אים געקוקט אין פנים אַריין און געטראַכט וועגן דעם, וואָס איציקל זיצט איצט איבער ביים פענצטער גאַנצע טעג און קוקט אויף די ווייסע געגנז, וואָס פּאַשען זיך דאָ נישט ווייט אויפן גראָז לעבן רבינס הויף. די ווייסע געגנז דערמאָנען אים, זאָגט ער, אָן יענעם ישוב, אָן „יענע געגנז" און איבערהויפּט, אָן דעם מיידל, אָנם מיידל אין ווייסן...

ער איז נאָך זיין מיינונג געווען אַ פאַרפאַלענער, אָט דער איציקל; ער האָט שוין גאָרנישט נישט געטאָן אַפילו צוליבן גרויס־סעטרעניצער רבנות, וואָס ער וועט נאָך זיין פאָטערס פטירה מוזן איבערנעמען, נאָר

מיט וואָס האָט אים דען געקאָנט העלפן ער, יוסף שור? ער איז געווען פאַרנומען מיט זיך אַליין, מיט זיינע אייגענע נייע איבערלעבונגען; ער איז געזעסן ביי זיך אינדערהיים און האָט געוואַרט.

---

איינמאָל ביי טאָג איז צו אים אַהיים אַריינגעקומען זיין געוועזענער גמרא-מלמד יעקב-נתן ווידערפאַליער. אַריינגעקומען גלאַט אַזוי, ווי געוואָר וואָרן. נאָר געזעסן ביים טיש אין די חסידיש אויסגעפוצטע בגדים, לאַנג און עזותדיק ברייט זיך דערפרעגט וועגן זיינע, יוסף שורס, ירושה-ענינים.

סוף-כל-סוף האָט ער זיך מאָדנע קאַלטבלוטיק אויסגערעדט, אַז ער האָט פאַר אים אַ שידוך.

„מיט משהלע לעווינס מיידל אַ שידוך".

„מיט משהלע לעווינס מיידל?"

יוסף שור האָט נישט געוווסט, פונוואַנען שטאַמט אָט דער איינפאַל: פון אים, יעקב-נתנען, אַליין, צי פון אַ בריוו, וואָס אים האָט געקאָנט צושיקן פון וואַרשעווער פוילן די פלוידערדיקע מומע רייזל. ער האָט נישט איבעריק געגלויבט יעקב-נתנען. צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט דער חסידיש אויסגעפוצטער ייד געלאָזט ערגעץ אין אַ קליין שטעטל זיין אָרעם ווייב און שיקט איר נישט די גאַנצע צייט קיין פרוטה צום לעבן. ער איז געזעסן אַנטקעגן גאַווהדיק און שווייגנדיק-שטייף, געקוקט ווי יעקב-נתן שפילט ווי מיט אַ פשוט שטיקל פאַפיר מיטן הונדערטער, וואָס ער האָט נאָר-וואָס ביי אים גענומען אויף הוצאות און האָט געהערט, ווי ער חזרט שוין דאָס צווייטע מאָל איבער:

„אַזוי, אַזוי... דאָס מיידל פאָרט שוין אפשר צו אָפט קיין אויס-לאַנד". און נאָך:

„ס'איז כדאַי געוואָר ווערן, פאַרוואָס פאָרט דאָס מיידל אַזוי אָפט קיין אויסלאַנד". אַז יעקב-נתן איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער נאָך אַלץ געדענקט וועגן דעם. מ'האָט זיך באַדאַרפט נאָכאַמאָל אַראָפּכאַפּן אין רבינס הויף צו איציקלען און זיך דערפרעגן וועגן דעם ביי דער רביצין, וואָס האָט זיך פון איינעם אַ צד גאָר נאָענט אָנגעקערט מיט די ראַפּאָפּאָרטס און האָט אַלץ באַדאַרפט וויסן.

---

נאָר אָט איז יעקב־נתן אום חול־המועד פּסח אַוועקגעפאָרן קיין בראַשעק און האָט אים פון דאָרטן צוגעשיקט אַ בריוו, אַז ער זאָל זיין גרייט און אַז מיט גאָטס הילף, דער שידוך מיט משהלע לעווינס מיידל וועט זיין אַ שידוך.

„הייסט עס, אַז ס׳איז גאָרנישט אָט דאָס, וואָס דאָס מיידל פאָרט צו אָפט קיין אויסלאַנד?״...

אויב אַזוי, וועט ער דאָ אין גרויס־סעטרעניץ איבערבויען דעם פּאַטערס הויז. ער טראַכט שוין לאַנג וועגן דעם. ער וועט זאָגן דעם יידן, וואָס פאַרנעמט אין הינטערשטן גאָרן די לינקע צוויי קלייטן, אַז ער זאָל זיך זוכן אַ נייעם פּלאַץ. ער פאַרפילט דעם גאַנצן אַריינגאַנג מיטן ריח פון שוסטער און פון פרישן לעדער און אַלץ אַרום דערמאָנט אַזוי שטאַרק אָן אַלטן קאַרגן טאַטן.

דער צווייטער בריוו יעקב־נתנס איז אים שוין אָנגעקומען פון קיעוו, פון דאָרטן, ווו דאָס מיידל האָט איצט פאַרבראַכט ביי איר פעטער אַבראַם ראַפּאָפּאָרט און וווהין יעקב־נתן האָט אים, יוספן, אינ־גיכן באַדאַרפט אַרויסרופן דורך אַ דעפּעש. הייסט עס, אַז מ׳האָט שוין גערעדט וועגן דעם ביי אַבראַם ראַפּאָפּאָרטן אין הויז און אַז דאָס מיידל איז אויך דערביי געווען און האָט דערויף מסכים געווען. מעגלעך, אַז זי געדענקט אים שוין אַפילו פון דעם קופּע, אין וועלכן זיי זענען צוזאַמען געפאָרן.

יוסף שור האָט נאָך אָט דעם צווייטן בריוו זיך ביינייעס געלאָזט מאַכן נאָך אַ פּאָר נייע אָנצוגן און האָט לחלוטין אויפגעהערט צו באַווייזן זיך אין גאַס; ער איז פּלוצים געוואָרן אַ היימליקער, ער האָט געוואַרט אויף יעקב־נתנס דעפּעש. כדי צו מקצר זיין די צייט האָט ער ביי זיך אינדערהיים געהאַלטן אין איין לייענען ביכער, און אַ געפיל איז ביי אים געווען אַזאַ, גלייך משהלע לעווינס טאָכטער שטייט אים די גאַנצע צייט אונטער די פּלייצעס; אַז ער ענדיקט לייענען אַ זייטל און פאַרטראַכט זיך, קאָן זי אים פּלוצים אַ זאָג טאָן:

„מיש איבער, טייערער!״

ער האָט געדענקט דעם איבערגעגעבענעם בליק פון אירע בלויע אומעטיקלעכע אויגן, גלייך ער פאָרט נאָך מיט איר אין איין קופּע און זעט: בלויע פאַרשלאָפענע אויגן הייבן זיך אויף פּנים קישן און קוקן

זיך אַזוי אַ רגע איין אין זיין יונג־בחורשן חנעוודיקן פּנים און ווילן זיך אָן עפּעס דערמאָנען... ער האָט נישט אויף אַ רגע אויפגעהערט צו שלינגען די זייטלעך פונם בוך, וואָס ער לייענט, און האָט זיך פאַר־טראַכט וועגן איר. ס'איז געווען קרום, זייער קרום, אָט דאָס, וואָס ער האָט הנאה געהאַט פון רייכן פאַרמעגן, וואָס זי קאָן אים אַריינטראָגן.

און נאָך איין זאַך:

„ער, יוסף שור, איז יעדנפאַלס געגוג רייך אָן איר; ער האָט גענוג זיין אייגנס".

איינמאָל אינאָוונט האָט ער זיך ביי זיך אינדערהיים צוגעגרייט אַ וואַנע און האָט זיך מיט איר באַשעפטיקט ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער האָט זיך לאַנג געוואַשן, געהייליקט און האָט נאָכדעם אָנגעטאָן שפּאָגל־נייע נאָך נישט קיין גענוצטע וועש. אין יענער זעלביקער נאַכט האָט מען אים אויפגעוועקט פון שלאָף און אים אָפּגעגעבן יעקב־נתנס דעפּעש.

„אַלץ גייט צו אויפן בעסטן אופן, יעקב־נתן וואַרט אויף אים איבערמאָרגן אינאָוונט אין קיעוו אויפן וואָקזאַל".

ער איז כמעט געבליבן רויק נאָך אָט דער ידיעה. שטייענדיק ביים לאָמפּ אין אונטערשטע וועש מיט דער דעפּעש אין האַנט, האָט ער נאָר געהאַט בלאַסע נאַז־לעפלעך, געאָטעמט אַביסל שווערער, ווי געוויינלעך, און האָט געדענקט: דער איבערמאָרגנדיקער טאָג איז דינסטיק.

„אַ מזלדיקער טאָג".

## VI

ביים אַרויספאָרן האָט געשמעקט מיט דינעם זילבערנעם רעגנדל, מיט מזלדיקן חתן־מאָרגן, וואָס נאָך אַ רעגנדיקער נאַכט אַ מבול.

אַ לייטיש־שווייגנדיקער שטאָט־איזוואָזטשיק איז מיט דרך־ארץ געזעסן צו אים מיט די פּלייצעס, פלינק אויסגעפּעלט אַ גאַנצע שורה פּאַטעטאָנעס מיט יום־טובדיק געשטימטע מענטשן, וואָס איילן, ווי צו אַ חתונה, צום פריען ניין־אַזייגערדיקן צוג, און האָט שמיידיק אַוועק־געשמיסן, אַרויף אַ באַרג צום וואָקזאַל. פאַרביי די אויגן האָבן

אַדורכגעשווינדלט אַ פּאָר באַקאַנטע ערגעץ געזעענע פּנימער, מיט אַ היטל־פּודלע, וואָס האַלט זיך קוים אויף דער קעלניע און איז אין יעדער רגע גרייט אַראָפּצופאַלן. אַ פּאָר פרויען־אויגן פון אונטער אַ וואָל האָבן זיך נייגעריק אַ גליטש געטאָן איבער זיין פּנים און זענען באַלד געבליבן אונטער זיין פּריש־אָפּגעשוירענעם חתנדיקן האַלז און נאַקן. ווער האָט דאָס געקענט זיין? ער איז געווען אויפגערעגט מיט דער נאַכט, מיט זיך אַליין, מיטן גליק, וואָס שטייט אים פּאָר און האָט גלייך אָן דעם פאַרגעסן. אָקאָרשט שפּעטער אין וואַגאָן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיט דעם זעלבן צוג פאָרט קיין קיעוו דער אַלטער גרויס־סעטרעניצער מורייניס מיט זיין געראָטענעם בת־זקונים־מיידל, זיי געפינען זיך אין דעם צווייטן קופּע, און דער אַלטער מורייניס באַווייזט דאָרטן קונצן און גייט אַרום זיין מיידל, ווי אַן אמתער קאַוואַליער.

„וואָס? פרעגט ער זי, איר איז באַקוועם?"

אַן, יאָ, אָט דער אַלטער וועלטלעכער מורייניס, וואָס האָט געהאַט אונטער זיך אַ גאַנצע קייט פון געשטאָרבענע זיידעס גבירים, אין זיינע ברייטע געהויקערטע פּלייצעס איז שוין לחלוטין נישט געווען צו דערקענען, אַז זיין גרויס־סעטרעניצער גיס־פאַבריק האָט דריי יאָר נאָכאַנאַנד געמאַכט אומגליקלעכע געשעפטן און אַז איצט שטייט זי שוין אינגאַנצן און אין איר גוואַלדיק הויכן ריזנקוימען מאַכן זיך פויגלען נעסטן. אין צוג מיט זיין יונגער טאָכטער איז ער נאָך געפאָרן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, מיט צוויי גרויסע אויסלענדישע סאַקוואָיאַזשן מיט אַ גרויס קעסטל שאָקאָלאַד אויף צובייסן און אַפילו מיט אַ ספּעציעלן רייזנטאַש אויף פּאַפּיראָסן. ער האָט זיי געראויכערט איינס נאָך איינס, אָט די גראָבע פּאַפּיראָסן, און די גרויע וואָנצעס מיטן אָנהייב פון דער ברייטלעכער גרויער באָרד זענען אים שוין געווען אַזוי געל, ווי דאָס היפּשע פאַרויכערטע בורשטינדל, וואָס ביי אים צווישן די ליפּן. ווי נאָר ער איז אַרויסגעקומען פון קופּע אין לאַנגן קאָרידאָר פון וואַגאָן, האָט ער גלייך פונסניי פאַררויכערט; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער רויכערט אויפן זייגער, ווי צוליב אַ רפואה.

„דינסטיק, האָט ער געזאָגט, איז שטענדיק אַ מזלדיקער טאָג, ס'פאָרן אַסך גרויס־סעטרעניצער".

פון גרויסער גבירישער לייטישקייט האָט ער זיך געמאַכט

גלייך ער ווייסט נישט, צוליב וואָס יוסף שור פאָרט איצט קיין קיעוו.

יוסף שור איז דעמאָלט געשטאַנען אין קאָרידאָר ביים פענצטער און האָט געקוקט, ווי דער צוג שטייט מינוטנווייז אויף פרעמדע מיט פרישער זון באַלויכטענע סטאַנציעס. ער האָט דעם אַלטן מורייניסן אָפּגעטרעטן אַ שטיקל פּלאַץ ביים פענצטער, און דער שמועס זייערער איז באַלד געוואָרן אַ היימישער, אַ גרויס-סעטרעניצער. דער אַלטער מורייניס געדענקט נאָך יוסף שורס ביידע זיידעס, פון פאָטערס צד און פון דער מוטערס צד; ער געדענקט נאָך, ווען גרויס-סעטרעניץ איז געווען קליין און נישט ברוקירט.

„נישט ברוקירט אַפילו?"

יוסף שורן דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען שוין זייער לאַנג; ער לאַכט:

„פיר מלכים האָבן, דאַכט זיך, נאָך דעמאָלט מלחמה געהאַט מיט פינף, און איינער פון זיי האָט געהייסן כדרלעומר".

טיף אין אים טוט זיך מיט הנאה אַ ריר די שורעדיקע גאווה: „מ'האָט געקאָנט זיינע זיידעס". פּלוצים אָבער הערט מען אויף צו רעדן און צו לאַכן אין דעם אַנטקעגנדיקן קופּע, וואָס אונטערן אַלטן מורייניסעס פּלייצעס, און ס'גייט פון דאָרטן אַרויס זיין יונג געראָטן מיידל, מינע מורייניס. זי בלייבט שטיין אין דער אָפענער קופּע-טיר, אָנגעהאַלטן מיט ביידע הענט אָן די ביישטידלעך. זי שטייט אַזוי אַ ווייל'ע אַ גרינגע, אַ לופטקיע, אַ גרייטע אויף אַ שפרונג טאָן. זי קוקט זיך אַזוי איין אין יוסף שורן און אינם פאָטער און ס'דאַכט זיך, אַז זי באַטראַכט זיי פון וויטן, צי זיי פּאַסן זיך פאַר שווער און איידעם...

און פּלוצים לאָזט זי אַראָפּ דעם קאָפּ און דערנענט זיך צו זיי מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן און מיט אַזעלכע פאַמעלעכע יורדיש אונטערטעניקע טריט.

„מינע מורייניס" שעפּטשעט זי קוים אַרויס, בשעת זי שטרעקט אויס יוסף שורן די האַנט און טוט אויף אים גאָר פון דער נאָענט אַ קוק.

ס'איז שוין אַפילו מאָדנע אויף איר צו קוקן. אין אויסלאַנד האָט זי דאָך פאַרדרייט די קעפּ די גרעסטע גבירישע יונגעלייט, און נאָכגעפאָרן, דערציילט מען, זענען איר פון דייטשלאַנד אין דער שוויי־

אַ פּאָר פון אירע באַקאַנטע גרויסע מענטשן. נאָר דער אַלטער מוריינים מאַכט זיך, גלייך ער באַמערקט עס נישט און וויל בפיוון דעם שמועס נישט איבעררייסן. אַדרבא, ער קוקט דער טאָכטער טאַטעדיק אין פּנים אַריין און דערציילט איר, אַז ער רעדט דאָ מכּוח יוסף שורס זיידן פון דער מוטערס צד, מכּוח שמואל רבּרבּין, וואָס איז אַמאָל אַראָפּ־געקומען קיין גרויס־סעטערעניץ פון טיף פּוילן, זיך געקויפט אַ הויז אין פּראָגנט און האָט פאַרפירט גרויסע קאַלך־אויוונס אין געגנט. אים געפעלט אָט דער דאָזיקער זיידע יוספס, וויל ער, אַז די טאָכטער זאָל אויך וויסן, אַז דאָס איז געווען אַ זעלטן קלוגער ייד, אָט דער שמואל רבּרבּי.

„אַ שמייכלדיקער מיט אַ ברייטער בלאָנדער באָרד און מיט אַ קלוגן פּוילישן קאָפּ אויף זיך".

און שטאַרק פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן איז ער נישט געווען.

„פלעגט ער אין די לאַנגע זומערדיקע בייטאָגן אַרומשפּאַצירן ביי זיך אין הויז אין אַ לאַנגער רעזעוואָלקע, אַ געוועזענע מיט סאַמעטענע קווייטן, פּיפּקען פון דער לאַנגער פּוילישער פּייקעציביק און לייענען בשעת מעשה דעם „חובת־הלבבות", לייענען אַרומשפּאַצירנדיק מיט אַ קלוגן שמייכל אַרום די בלויע אויגן, אַזוי אַז מ'האָט נישט געקאָנט וויסן, צי לייענט ער מחמת פרומקייט, צי מחמת נייגעריקייט, פּשוט, ווי מ'לייענט אַ ראָמאַן".

„ווי מ'לייענט אַ ראָמאַן?"

דאָס געפעלט שוין אַלצאיינס, סיי דער גרעסטענער טאָכטער, סיי יוסף שורן; ביידע לאַכן.

און דער אַלטער מוריינים קוקט זיי גלייך אין די פּנימער און לאַכט מיט. ער פאַרציט זיך מיטן רויך פונם גראָבן פּאַפּיראָס און שטיקט זיך פון געלעכטער טיף אין זיך. ס'זעט אויס, ווי ער האָט הנאה: ער האָט לאַכנדיק געמאַכט „זיינע קינדער"; נאָר באַלד פאַרכאַפּט ער זיך און טוט ערנסט אַ גלייך אויס דאָס פּנים.

„אין גרויס־סעטערעניץ, דערציילט ער ווייטער, האָט מען פון אָט דעם שמואל רבּרבּין סכּנות געהאַלטן. אַ קלוגער ייד, האָט מען געזאָגט, אַ למדן, וואָס רעדט קיינמאָל נישט וועגן זיין למדנות. און אַ פאַמיליע איז ביי אים אויך געווען אַ מאָדנע: געקומען אַהער פון

טיף פוילן אָן אַ ווייב, סך־הכּל מיט אַ יונגער טאָכטער, אַ גרושה, וואָס האָט דאָ גאָר אינגיכן חתונה געהאַט טאָקע מיט יוסף שורס פאָטער און מיט אַ ניין־ צי צען־יאָריקן געקרייזלט יינגל יונה, אַ צעטראָגענער אַביסל, נאָר אַ גוטער קאָפּ, נאָך אַ טיפערער פונם פאָטערס".

איז אָט וועגן אָט דעם ניין־יאָריקן שנעק קאָן דער אַלטער מוריינים ביז היינט נישט פאַרגעסן.

אים, דעם אַלטן מוריינים, האָט מען גערעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע גרויס־סעטרעניצער שאָכשפּילער, און דער קליינער יונה פלעגט אָפט קומען צו אים אַהיים און אים דאָרטן אָפּשטעקן אַ מאַט.

ער האָט גאָר יונג פאַרלאָזן גרויס־סעטרעניץ, יונה, נאָר דער אַלטער מוריינים באַווייזט דאָך אַ קונץ און רעכנט צונויף אויפן קאָפּ, אַז ער דאַרף איצט אַלט זיין נישט מער און נישט ווייניקער, אַ יאָר צווויי־ דריי־און־דרייסיק.

„אַ ?" פרעגט ער ביי יוסף שורן.

ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז די געראָטענע מינע מוריינים האָט אויך עפּעס וועגן דעם צו זאָגן: אין בערן האָט זי אַ קורצע צייט געוווינט נישט ווייט פון אַ קליינער יידישער קאָלאָניע; מ'האָט געזאָגט, אַז דאָס זענען אָנפירער פון אַ געוועזענער פאַרטיי, איז אָט: איינמאָל איז צו דער קאָלאָניע אַראָפּגעפאָרן אַ יונגערמאַן מיט אַ יונג פּנים און מיט אַ גרויען קאָפּ. מ'האָט אים גערופן יונה, און די קאָלאָניע האָט געמאַכט אַ יום־טוב. איינע אַ קריסטין איז געווען אַזוי גליקלעך, וואָס זי האָט אים אָפּגעטרעטן איר צימער.

מינע מוריינים קוקט נאָך אַלץ אויף יוסף שורן מיט אַזעלכע שמייכלדיקע פריינדלעכע אויגן, ווי מ'קוקט אויף אַ געוווּנשענעם חתן. זי ווייסט נאָך נישט, צי אָט דער בערנער יונה איז דער זעלביקער, וועגן וועלכן מ'רעדט דאָ, נאָר זי איז ווי גליקלעך. זי האָט אויך געקאָנט זאָגן אַ פּאָר ווערטער, בשעת מ'האָט גערעדט וועגן זיינעם אַ פאָטער.

פּלוצים אָבער באַמערקט מען, אַז יוסף שור האָט אַ פאַרשטיינערט פּנים, און מ'ווערט מיט חרטה אַנטשוויגן; יוסף שור שווייגט, דערויף איז ער אַ שטייפער, אַן עקשן, ווי אַלע שורן, נאָר מעגלעך, אַז אים איז שוין נישט אָנגענעם צו רעדן וועגן זיינעם אַ פעטער, וואָס האָט

זיך פון קליינערהייט אָן דערווייטערט פון זיין גאַנצער משפּחה און האָט זיך נאָכדעם אינגאַנצן פון איר ווי אָפּגעשאָקלט.

---

קיין קיעוו איז מען אָנגעקומען תּחילת אָוונט, דערזען דורכן פענצטער אַ נאַסלעכן פּריש אָפּגעשווענקטן וואָקזאַל, אַ קאַלטלעכן מיט אויך אַזאַ קאַלטלעכער און פרעמדער מענגע מענטשן אויף דער פּלאַט־פאָרם, און מ׳איז אַליין אויך מיטאַמאָל געוואָרן קאַלטלעך און פרעמד איינער צום צווייטן, מ׳האָט זיך געזעגנט אין וואַגאָן.

יוסף שור איז שוין ווידער געווען אויפגערעגט.

ער איז געשטאַנען מיטן טרעגער אויף דער פּלאַטפאָרם און האָט לאַנג געוואַרט אויף יעקב־נתנען. נאָר יעקב־נתן איז נישט אַרויסגעקומען אַנטקעגן אים אויפן וואָקזאַל. ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן פאַרדראָסיק. פאַרביי זענען דורכגעגאַנגען דער אַלטער מוריינים מיט מינען און האָבן זיך צו אים אומגעקוקט. ס׳זענען דורכגעגאַנגען נאָך אַנדערע גרויס־סעטרעניצער, און אַלע האָבן געזען, ווי ער שטייט און וואַרט און איז אָנגעטאָן אין גאַלע נייעס, ווי אַ חתן.

סוף־כּל־סוף האָט ער גענומען אַ דראָזשקע און איז אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין, אין האָטעל.

נאָר אין שטאָט האָט זיך בכלל אָנגעהויבן אַריינגנבענען אַ חשד אויף יעקב־נתנען. בנוגע צום שידוך איז שוין ביי אים, אַפּנים, ווייט נישט אַלץ געווען אויפן בעסטן אופן. ער איז געקומען אויף מאָרגן אינדערפרי צו יוסף שורן אין האָטעל און איז געזעסן ביי אים, ווי אַ טרויעריקער מחותּן. קיין נייעס האָט ער, אַפּנים, לחלוטין נישט געהאַט צו זאָגן. סוף־כּל־סוף האָט ער אָנגעהויבן צופיל רויכערן און בעטן ביי יוסף שורן אַ וויזיט־קאַרטל. ער האָט געזאָגט:

„די מעשה דערפון איז אַזוי: יאָך טראָג דאָס קאַרטל באַלד אַוועק צו ראַפּאָפּאָרטן אין הויז; יאָך וועל שוין טאָן אַלץ, וואָס מ׳דאַרף“.

יוסף שור האָט אים נישט געגלויבט און געקוקט אויף אים מיט חשד, זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער און זיך געשלאָגן מיט דער דעה. נאָר סוף־כּל־סוף האָט ער אים אַ קאַרטל געגעבן. אויף מאָרגן האָט עמעצער פון ראַפּאָפּאָרטס הויז־געזינד באַדאַרפט קומען אַהער און איינלאַדן יוסף שורן צו זיך אַהיים. נאָר יוסף שור האָט נאָכדעם אָפּגעוואַרט גאַנצע

צווײ מעת־לעת בײ זיך אין האָטעל; ער איז געווען אײנער אַלײן אין יקרותדיקן צימער, זיך שיער נישט געעקט פון טיפער געפאַלנקײט און פון פוסטן וואַרטן, און צו אים איז קײנער נישט געקומען. דערצו איז נאָך יעקב־נתן אַלײן אין אָט די צווײ מעת־לעת געווען צופיל צעטראָגן, זיך אַרײנגעכאַפּט אין האָטעל נישט מער ווי אויף געצײלטע מינוטן און אַלעמאָל בײם אַרײנקומען אויף גיך געפרעגט:

„נו? וואָס הערט זיך?"

גלײך די נויטיקע ידיעה דאַרף קומען נישט דורך אים אַלײן, נאָר ער, יעקב־נתן, דאַרף זי קריגן דאָ, בײ יוסף שורן אין נומער.

סוף־כל־סוף איז ער געקומען אַהער אַ פאַרשוויצטער, אַ פאַרהאָרעוועטער און האָט געבראַכט אַבראַשר אַפּאָפּאָרטס אַ בלויז קאַרטל, אַ היפּשס איז דאָס געווען; ס'האָט געהאַט קאָסע גאָלדענע קאַנטן מיט געשטריכטע בײיקע רוסישע אותיות, און אַז מ'האָט עס אַוועקגעלײגט אויפן טיש, האָט פון דעם געבלאָזן מיט פרעמדער רײכקײט, מיט דערווײטערטקײט און מיט אַ קאַלטקײט, גלײך ס'וואָלט זאָגן:

„ווער ווײסט? אפשר האָט מען מיך שוין געגעבן נישט גאָר מיטן גאַנצן ווילן; אפשר האָט עמעצער געגײט דערצו".

יוסף שור האָט זיך אַרומגעדרײט איבערן צימער און זיך ווי מורא געהאַט דערצו צורירן. דאָך האָט ער נאָכדעם געענטפערט:

„גוט, איך וועל זײן דאָרטן שבתצו־נאַכטס".

און מער האָט ער נישט געוואָלט וויסן פון קײן זאַך, וואָס קומט פאָר בײ אַבראַם ראַפּאָפּאָרטן אין הויז; דערויף איז ער געווען יוסף שור, דער האַרטלעכער, שטרענגער און שטײפער ערגעץ טיף אין זיך. ער האָט איבערגעלעבט דעם גאַנצן שבת מיט טיף רויקע פאַרנעפלטע געפילן פון אַ פאַרגליווערטן מענטשן, אַן עקשן, וואָס זיך אויף צולהכעיס וויל ער וועגן גאָרנישט נישט טראַכטן.

ס'איז שוין אַלצאײנס.

און אַז ער האָט סוף־כל־סוף פון אָט די פאַרנעפלטע געפילן אויפגעוואַכט, איז שוין געווען אַ קילער שבת־צונאַכטס, אַ פאָרטלעכער, אַן אומעטיקלעכער און אַ פוילער. אין שטילער קילקײט, וואָס אַרויס גרויסער שטאָט, איז די זון פאַרגאַנגען אַ רויטע, אַ קאַלטע און אַ ווײטע, און נאָכדעם האָט שוין נאָר אַ ווינט געבלאָזשעט אין בלאַסן חשכות.

געבלאָזן און געפּאַטשט פון אויבן אויף די הויכע שטאָט־דעכער. צו דער לופט האָט זיך געטוליעט עפּעס נשמהדיקס, ס׳איז דאָך אַוועק אַ וואָך.

„וווּהין איז אַוועק אַ וואָך?“

און פון אונטן אין די גאַסן האָט געפלאָסן דאָס שטענדיקע גרויס־שטעטיקע לעבן; ס׳האָט גערעשט און גענאָגט, און געוואָרגן בענקשאַפט, ס׳איז געווען ערב־זומערדיקער גרויס־חגא. קריסטן האָבן זיך אומגעקערט אַהיים מיט ברענענדיקע ליכט אין די הענט, און אַרום און אַרום האָבן געהודעט לעפּישע פול־גלעקערדיקע קלויסטערס.

## VII

יוסף שור איז געגאַנגען מיט דער מיטלסטער רעשדיקער גאַס און האָט נאָך אַלץ נישט געוווּסט, צי גייענדיק אַזוי, וועט ער פאַרגיין צו אַבראַם ראַפּאָפּאָרט אין הויז, צי נײן. ער איז געווען ווי פאַרשלאָפן און האָט נאָך אַלץ וועגן גאָרנישט נישט געוואָלט טראַכטן.

גייענדיק אַזוי פּאַמעלעך איין־אַליין און פאַרקערעוועדיק אויף אַ וויטן ראָג, האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ ברייטלעכן טונקל־באַלויכטענעם טעאַטער־אַריינגאַנג מיט צוויי גרויסע רוסישע אַפישן וועגן אַ לעקציע אויף אַ יידישער טעמע. און מיט אַ שטילער שעמעוודיקער היימלעכקייט, וואָס שוועבט אַרום זיי, אַ שטילע יידישע באַהעלטעניש אין אַט דעם אָוונט פון פרעמדן, שווערן גלעקער־קלאַנג און פון העלן קריסטלעכן ליכט, וואָס נישטערט אָפן אין טונקעלער גאַס. אינם אַריינגאַנג איז קיינער נישט געשטאַנען. ער איז געווען ווי פאַרלאָזן. און יוסף שור איז, נאָך אַ רגע שטיין, אַהין אַריינגעגאַנגען, אַריינגעגאַנגען גלאַט־אַזוי פון טיפער גלייכגילטיקייט, צי פון הוילן פאַרעקשנטן ווילן צו דערווייזן זיך אַליין, אַז ער איז רויק און האָט צייט, ער איילט נישט אין ערגעץ. אַז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אָנהייב טונקל־באַלויכטענעם זאַל ביים אַריינגאַנג, האָבן זיך אין די אויגן מיטאַמאָל אַ וואָרף געטאָן אַסך שורות מיט פלייצעס פון זיצנדיקע מענטשן, אַסך מיידלשע גענעצנדקע קאָפּטלעך מיט עפּעס אַ פאַרפלאַמט ווייבעריש פּנים, אַ צופיל רויטס, וואָס קוקט זיך אום צו אים, דעם פריש אַריינגעקומענעם, און נישטערט צופיל מיט הייסע אויגן איבער זיין פּנים.

נאָר צוקעגן אויף דער פּוסטער העל־באַלויכטענער סצענע איז לעבן עמודל געשטאַנען אַ מיטלמעסיק געפּאַקטער סטודענט, אַ רויטלעכער מיט אַ געעלטערט פּנים און מיט שפּאָגל־נייע סטודענטישע קנעפּ און האָט זיך מידערהייט געווישט דעם שטערן מיט אַ ווייס טיכל. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זיך שטאַרק אָנגעהאָרעוועט און רויט אָפּ. נאָר אַז יוסף שורן האָט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג, האָט ער דערהערט, ווי דער סטודענט רעדט וועגן די צרות, וואָס יידן האָבן אויסצושטיין אין רוסלאַנד און אין אַלע אַנדערע לענדער. אַלצדינג, וואָס דער סטודענט זאָגט, איז אמת. און אַלע הערן זיך אין דעם איין מיט אַזאַ אינטערעס, נאָר אים, יוסף שורן, גייט עס אַזוי ווינציק אָן, און אַ פרעמדער איז ער דאָ צווישן אָט דעם גאַנצן עולם, און קיינער קאָן אים נישט. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע, זיך אַרומגעקוקט און האָט דעם זאַל פאַרלאָזן.

אויפן ראָג פון דער שטילער און רייכער גאַס, ווו ס'וווינט אַבראַם ראַפּאָפּאָרט, האָט ער צום ערשטן מאָל אַ קווענקל געטאָן אין דער שטייפקייט פון זיין בן־יחידישער עקשנות. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע און האָט זיך איינגעקוקט.

אַנטקעגן האָט קאַלטלעך געלויכטן אַ הויך אויפגעהאָנגענער עלעק־טרישער לאַמטערן; ער האָט געהאָנגען גלייך, נאָר אַז מ'האָט זיך איינגעקוקט, האָט זיך געדאַכט, אַז ער שאָקלט זיך קוים־קוים פונם ווינט, ער גיסט קאַלטע רויקייט צום דורכגייער אין האַרצן, און דורכ־גייער זענען פאַראַן ווינציק. אַקעגן איז געגאַנגען נישט מער ווי אייבער אַ מענטש, אַ פיל העכערער פון אים, יוסף שורן, אַ געגאָלטער, ווי אַן אַקטיאָר מיט היפּשע געדיכטע ברעמען און מיט בייטעלעך, מיט געשוואָ־לענע פאַרשלאָפענע בייטעלעך אונטער די אויגן. יוסף שור האָט געקוקט, ווי דער מענטש איז נאָר־וואָס אַרויסגעקראָכן פון דער אַקעגנדיקער בלאַסער חשכות. ער איז דאָרטן פריער מיט אַ רגע נישט געווען, און דערפאַר דאַכט זיך שוין, אַז די נאַכט האָט אים נאָר־וואָס געבוירן, אים געבוירן מיטאַמאָל, אָט אַזוי, ווי ער שטייט און גייט, מיט הענט טיף פאַררוקט אין די טאַשן פון זיין קורצן פאַלטאָכל און מיט גדלות פון איינזאַמקייט אין די אונטערגעהויבענע אַקסלען. אָט דערנענט ער זיך צו אַבראַם ראַפּאָפּאָרטס פאַראַד־טיר און קומט אָן; אָט איז ער שוין דאָ... „פאַרדאָן!“...

צוויי מענטשן האָבן זיך באַגעגנט האַרט לעבן דער מאַט גלעזער־נער פּאַראַד־טיר, וואָס פירט דורך אַ קאָרידאָר אַרויף צום צווייטן שטאָק און האָבן זיך אַנטשולדיקט דערפאַר, וואָס זיי האָבן ביידע אין איין צייט אַ הייב געטאָן די הענט, כדי אַ דריק צו טאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל. איינער פון זיי איז געווען דער שבתדיק־אויסגערוטער יוסף שור, וואָס געדענקט נישט, ווען האָט ער באַשלאָסן צו אָט דער טיר צוגיין, און דער צווייטער, אַ נישט גאָר יונגער העברעישער פּאָעט, וואָס האָט צוריק מיט צוויי יאָר איינגאַנצן אויפגעהערט שרייבן, און איז ווי אויף צולהכעיס זיך אַליין אָנגעקומען אויף אַ שטעלע אינעם אָרטיקן האַלב־געזעלשאַפטלעכן, האַלב־ציוניסטישן קאָמיטעט, וואָס עקזיסטירט כמעט אינגאַנצן אויף אַבראַם ראַפּאָפּאָרטס חשבון. דאָס האָט ער זיך אַזוי פאַרוואונדערט אומגעקוקט, בשעת יוסף שור האָט אַ זאָג געטאָן:

„פּאַרדאָן!"

יוסף שור איז נאָך אַלץ געווען רויק, ווי פאַרשלאָפן, און האָט געהערט, אַז אַרום אים אינם געמיטלעך באַלויכטענעם רייכן עסצימער, וווהין ער קומט אַריין, רעדט מען וועגן דעם, וואָס איצט צו גרויס־חגא צו שמועסט מען שוין אין שטאָט וועגן אַ נייעם צוגעגרייטן פּאָגראָם. ס'איז אַ פאַקט.

„ס'איז אַ פאַקט?"

ביי דער פרוי ראַפּאָפּאָרט האָט זיך דערביי נערוועז און מיד אַ קרים געטאָן דאָס רויטלעכע פּנים. זי האָט זיך געגעבן אַ בויג איבערן טיש, צו דעם, וואָס דערציילט, און האָט אין דער זעלביקער צייט דערזען דורכן פענצטער דאָס אָנגעצונדענע ליכט, וואָס אַ פאַרשפּעטיק־טער קריסט טראָגט נאָך אָפּגעהיט צו זיך אַהיים.

„כ'האָב געבעטן, האָט זי אַ זאָג געטאָן, נישט רירנדיק זיך פון אָרט, ווי אַ קימפּעטאָרין, לאָזט אַראָפּ די שטאָרן".

און אויך דאָס האָט באַמערקט ער, יוסף שור. ער איז שוין געזעסן נישט ווייט פון איר, דער פרוי ראַפּאָפּאָרט, און האָט זיך קאַלטבלוטיק אַרומגעקוקט. קיין סך מענטשן זענען דאָרטן ביים טיש נישט געווען, נאָר דאָך, ס'האָבן געקלונגען ביי אַ האַלב טוץ לעפעלעך און געבראָקט אין די שאַלן דעם טאָרט. ס'האָבן זיך געריוועלט גלעזער

טיי און צווישן זיי — עמעצנס אַ פאַרפלאָמט פּנים. אַ געציקלט פריילעך געלעכטער האָט זיך דורכגעטראָגן גאָר נאָענט פאַרביי זיינע אויערן און האָט אָנגעשטעקט אַלע אַרום טיש, אַחוץ אים, יוסף שורן. נאָך אַ רגע, און ער וועט, דאַכט זיך, אָנהייבן קריגן חרטה, אַלמאַי ער איז אַהער געקומען. און פּלוצלינג האָט ער זיך אָן עפּעס דערמאָנט און האָט דערפילט, אַז ער האָט אַסך־אַסך אויפרעגונג ביי זיך אונטער דער ברוסט. אַ נייע חתן־שטימונג טוט דאָרטן אַלע ווײַלע אַ פאַרפלייץ דאָס האַרץ, און דאָס האַרץ וואַקסט און וואַקסט, און דער מוח שלאָפט שוין מער נישט און געדענקט:

דאָ אין הויז איז פאַראַן זי —

משהלע לעווינס מיידל.

אין יעדער רגע האָט זי געקאָנט אַרויסקומען פון די אַרומיקע ברייט צעעפנטע חדרים, וואָס קוקן אַהער פון אַלע זייטן מיט היימלעכן באַלויכטענעם יום־טוב; מעגלעך, אַז צוליב זיין קומען טוט זי זיך איצט אָן ערגעץ־ווו ביי זיך אין צימער.

---

יוסף שורן האָט מען ביי ראַפּאָפּאָרטן אין הויז אויפגענומען גוטמוטיק, ווי אַלע אַנדערע געסט; מ׳האָט אים געהאַלטן אין איין באַקענען.

נאָר דאָס מיידל איז אַזוי גיך פון איר צימער נישט אַרויסגעקומען.

איטלעכס מאָל, וואָס פון קילן דרויסן איז אַרייַנגעקומען אַ נייער מענטש, האָט ער זיך געמוזט לייטיש פאַרנויגן און לייטיש דריקן יענעם די האַנט:

„יוסף שור“.

ער איז געזעסן פונקט אַקעגן העברעישן פּאָעט מיטן געגאָלטן פּנים און מיט די געשוואָלענע בייטעלעך אונטער די אויגן און האָט אים נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. איצט איז ער שוין געווען אײַנגאַנצן וואַך. ער איז געווען פול מיט טיפן דרך־ארץ צו דער סיבה, וואָס האָט אים אַהער געבראַכט, צו זיך אַליין, צום גאַנצן הויז און אַפילו צו די געסט, וואָס קומען אַלעמאָל אַריין מיט אַ שמייכל אויפן פרישן פּנים און מיט אַ ריח פון קילן דרויסן. די געסט זענען אָבער אַלע געווען היימישע דאָ אין הויז און האָבן זיך אויף אים צוגעקוקט, ווי בכיוון

נישט אומגעקוקט; אַז זיי האָבן אים שוין יאָ געגעבן די האַנט, איז דאָס אויך אויסגעקומען, ווי פאַרבייגייענדיק, און באַלד האָבן זיי אָן אים פאַרגעסן. ער האָט געקוקט, ווי זיי זענען אַלע פריילעך און קלעבן אַרום אַבראַם ראַפּאָפּאָרטס בת-יחידה, דער סקולפּטאָרין, וואָס איז אָקאָרשט אין דער נאַכט פון פרייטיק אויף שבת געקומען אַהיים פון פּעטערבורג.

„נעסי!"

ווו איז נעסי?"

נעסי אַליין איז געווען אַ שמאָלע, אַ קינדעריש קליינע מיט אַ געבוירענעם שפּיצעכיקן הויקער צווישן די שאַרפע ביינערדיק דאַרע אַקסלען. נאָר גאָר יונג האָט זי שוין נישט אויסגעזען. לעבן די שלייפן האָט זי געהאַט געלע פאַרעלטערטע פלעקן. איר לערנען אין בערן און אין פּעטערבורגער אַקאַדעמיע האָבן איר אַלע מוחל געווען נאָר דערפאַר, וואָס זי איז נעבעך אַ הויקערין, נאָר ליב האָט מען זי דאָך געהאַט, מ׳האָט זיך געשטופּט אַרום איר און געגלעט אירע קליינע בלאַסע הענטלעך, ווי מ׳גלעט די הענטלעך פון אַ קינד. און דאָך האָט זיך אין איר געפילט עפּעס מער דערוואַקסנס, ווי אין אַלע אַרומיקע, און פון אירע שוואַרצע קרומלעכע אויגן צו אַלעם אַרויסגעקוקט עפּעס אַ געזעצטע גוטמוטיקייט מיט אַ געבעט, אַ געבעט פון אַ מענטשן, וואָס האָט שוין לאַנג דעם לעבן אַלץ מוחל געווען און האָט שוין לאַנג אויף אַלץ ביי זיך געפּועלט. צו די עלטערן איז זי געווען ווי פאַרפרעמדט, און קיינער האָט נישט באַמערקט, אַז זיי זאָלן צו איר רעדן. נאָר געדאַכט האָט זיך, אַז נישט קוקנדיק צו איר, האַלטן זיי אין איין טראַכטן וועגן איר און וועגן די טענות, וואָס זיי האָבן צו איר נישט-גבירישן אַרט לעבן. אָט איז זי איצט, ווי אַלעמאָל, געקומען אַהיים, ווי אַ פרעמדע, געקומען שטיל, אָן אַ מינדסטן אָנזאָג, אַז זי פאָרט אַרויס, און אָן אַ דעפּעש אַפילו. עמעצער פון די געסט האָט דאָ לעבן איר מיט צופיל פאַרגעניגן איבערדערציילט, וויאַזוי ער האָט זיך נעכטן ביינאַכט, שפּעטער ווי תמיד, אַהיים אומגעקערט, וויאַזוי ער איז געגאַנגען איינער אַליין מיט דער פּוסטער גאַס און האָט דערזען: נעסי שלעפּט זיך איינע אַליין פון וואָקזאַל מיט אַ שלעכטן ביינאַכטיקן איזוואָזטשיק; די נאַכט איז קאַלט, דער וועג באַרג-אַרויף געדויערט, און זי האָט נאָך רחמנות אויפן פערד,

וואָס וואַרפט צופיל מיט די דאַרע קלובעס און בעט זיך ביים איזווזאָטשיק, דעם אַלטן גוי:

„גיטע, טייערינקער, טרייב נישט אַזוי".

און נעסי האָט עס צופעליק, צי בכיוון, נישט אייגעהערט.

יוסף שור האָט געקוקט, ווי זי שטייט די גאַנצע צייט לעבן דער זיצנדיקער מאַדאַם קוירע, גלעט מיט אירע קליינע הענטלעך יענערס האָר און צעפרעגט זיך ביי איר וועגן דעם אַוועקגעפאָרענעם מאַן.

אַך, יאָ, קיין שלעכטע איז זי שוין אַפנים נישט געווען, אָט די סקולפּטאָרין נעסי, נאָר וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס איצט געהאַט צו אים, יוסף שורן? פאַרקיילעכדיקט און ענג איינגעשפּיליעט אין זיין נייעם שוואַרצן סורדוט, איז ער געזעסן אויף זיין בענקל לעבן דעם צוגעקליבענעם טיש און איז געווען פול מיט לייטישן געדולד. דער עיקר איז געווען, אַז קיינער פון די אַרומיקע זאָל קיין טראַכט נישט טאָן, אַז ער, יוסף שור, באַמערקט דאָ עפּעס נייעס, ער שטאַמט אויך פון אַ געניג רייך הויז און איז לחלוטין נישט געקומען אַהער זיך עפּעס לערנען. ערגעץ טיף אין זיך איז ער געווען פונקט אַזוי גלייך אַרומ־געשוירן און ריין אויסגעזייפט, ווי אינדרויסן; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער טוט זיך אַ ריר, וואָלט זיך אין זיין נייקייט געלאָזט הערן אַ סקריפּ. און מיט אָט דער גאַנצער נייקייט און לייטישקייט איז ער געווען גרייט זיך איבערגעבן דעם שמועס, וואָס מ'וועט דאָ מיט אים פאַרפירן. דאָס האָט שוין באַדאַרפט זיין אַ שמועס, וואָס האָט אַ שייכות נאָר צו אים, צו זיין קומען אַהער, ער האָט געזוכט מיט די אויגן דעם באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע, נאָר דער באַלעבאָס איז דאָ נישט געווען, און די באַלעבאָסטע האָט זיך צו אים, ווי מיט אַ כיוון, נישט אומגעקוקט:

„מאַדאַם קוירע!"...

זי האָט געוואָלט, אַז צו איר זאָל זיך נענטער איבערזעצן די יונגע מאַדאַם קוירע און האָט זיך געקנייטשט, אַלמאַי אירע ווערטער ווערן פאַרשווונדן אין אַרומיקן פריילעכן גערודער.

„מאַדאַם קוירע!"...

ביי דער מאַדאַם קוירע האָבן סוף־כל־סוף אַ ציטער געטאָן די דינע באָזלעפלעך און איר דאַר דורכזיכטיק פּנים האָט זיך אָנגעהויבן

רויטלען, זי האָט זיך גענומען שמייכלען און איבערזעצן זיך נענטער צו דער פרוי ראַפּאָפּאָרט. זי איז געווען אַן אַלטן העברעישן שרייבערס אַ טאָכטער. אַלע האָבן געוווּסט, אַז אין די יונגע יאָרן איז איר פאָטער געווען געבוג רייך און איז קיינמאָל צו קיינעם נישט אָנגעקומען, און דערפאַר זענען אַלע שיער נישט צעשמאָלצן געוואָרן פון גוואַלדיקן דרך-ארץ און פון ליבע צו איר. איצט איז ער שוין דאָס צווייטע יאָר געווען קראַנק און האָט זיך געפונען אין דער שווייץ. אונטן-אַרום האָט מען געשמועסט, אַז אַבראַם ראַפּאָפּאָרט האַלט אים אונטער מיט אייגן צי מיט קהלש געלט, נאָר אייניקע האָבן נאָך וועגן דעם נישט געוווּסט און האָבן אים נאָך אַלץ געחנפעט אונטער די אויגן. עפּעס אַן אַלטיטשקער גאַסט אין ברילן, מיט לאַנגע האָר, מיט געהויקערטע פּלייצעס אונטערן אָפּגעטראָגענעם סורדוט און מיט אַן אויסזען פון אַ געוועזענעם גרויסשטעטיקן ראַבינער, איז רעדנדיק אויף העברעיש אַרויסגעקומען צוזאַמען מיט אַבראַם ראַפּאָפּאָרט פון קאַבינעט און האָט אויפן וועג נאָך פאַרענדיקט זיין לאַנגן שמועס:

„איז אָט, דאָס רעד איך דאָך: אָן דעם קאָן דער זשורנאַל נישט עקזיסטירן“.

ער האָט, אַפּנים, לאַנג געשוויצט מיט אַבראַם ראַפּאָפּאָרט אין קאַבינעט און האָט לאַנג גערעדט איבער אים. איצט האָט ער מידלעך דאָ ביים טיש געטרונקען זיין גלאָז טיי און האָט אָפּגערוט. ער האָט מלמדיש אַריבערגעקוקט איבער די ברילן און האָט זיך דערפרעגט ביי דער יונגער מאַדאַם קוירע, צי ס'איז אמת, וואָס ער האָט נישט לאַנג געלייענט אין אַ העברעישער צייטונג:

„איר פאָטער, האָט ער געלייענט, פילט זיך שוין בעסער און קלערט אינגיכן קומען קיין רוסלאַנד“.

און אין דער זעלביקער צייט איז דער איבערגעבליבענער אַבראַם ראַפּאָפּאָרט, דער באַלעבאָס פונם הויז, נאָך אַלץ געשטאַנען איינער אַליין נישט ווייט פון טיש, ווי אַ פאַרגעסענער. אַביסל איינגעהויקערט און פאַרקלערט איז ער געשטאַנען און אוממעגלעך איז געווען צו וויסן, וועגן וואָס טראַכט ער: וועגן דעם, וואָס דער אַלטער האָט אין קאַבינעט שעהן-לאַנג אין אים אַריינגערעדט; וועגן דעם פרעמדן אָפּגעטרונקענעם גלאָז טיי, אין וועלכן ער האָט זיך ווי איינגעגראָבן מיט די אויגן;

צי אפשר גאָר וועגן זיך אַליין, וועגן זיינע גוואַלדיק גרויסע געשעפטן, וואָס האָבן נישט קיין שייכות צו קיינעם דאָ אין צימער. עמעצער האָט צו אים עפּעס אַ זאָג געטאָן, האָט ער זיך מיט ווונדער אומגעקוקט, אויסגעהערט מיט אַ זויערער מינע וועגן דעם, וואָס אין שטאָט רעדט מען וועגן אַ פּאָגראָם, און אַוועקגעבלאָנזשעט איבערן צימער, ווי אַ מחותּן אַ מרה־שחורהניק, אַ ווייטער און איינזאַמער צווישן דעם גאַנצן עולם, וואָס איז אים געקומען משמח זיין. מיטאַמאָל דערמאָנט ער זיך אָן עפּעס, דרייט זיך אויס מיטן פּנים צוריק צום טיש און שטעלט זיך אָפּ:

„וואַרט... דאָס איז דאָך דער דאָזיקער, דער יונגערמאַן פון גרויס־סעטרעניץ, וואָס איז געקומען אָנקוקן שרהלען".

ער פילט זיך שולדיק:

שרהלע האָט דאָך געשמייכלט, בשעת מ'האָט איר געזאָגט, אַז ער וועט זי קומען זען. זי איז אויפן גאַנצן אָוונט אַוועקגעגאַנגען מיט איר באַקאַנטן, וואָס ברענגט איר גרוסן פון אויסלאַנד, מיט אָט דעם יונגן בלאָנדן חברהמאַן, וואָס איז שטאַרק גליקליך, ווייל אַסך צייטונגען און זשורנאַלן האָבן מיטאַמאָל געגעבן צו וויסן דער וועלט, אַז ער עקזיסטירט, ער הייסט יואל ווײַנטרויב.

אַבראַם ראַפּאָפּאָרט פינטלט מיט די אויגן; ער זעצט זיך צו אויפן ליידיקן בענקל, וואָס אונטער יוסף שורס פּלייצעס, און לענט אונטער דעם קאָפּ מיט די הענט. איצט קוקט ער שוין אויף יוסף שורס פריש־אָפּגעשוירענעם האַלז און נאַקן מיט אַזאַ אינטערעס, גלייך ער וויל דערגיין,

„ס'אַר אַן אויסזען האָט היינטיקע צייטן אַ יונגער, רייכער בחור, וואָס מיידלעך ווילן שוין אַפילו נישט, ער זאָל זיי זען..."

פון גרויס מיטגעפיל צו אים בויגט ער זיך צו, נעמט אַרום דאָס ווענטל פון זיין שטול און מאַכט מיט אים אַ שמועס:

„אַ? ער גייט נישט אַליין מיט זיין גערירשנטער בייטל־מיל? זי איז נאָך אַלץ אין אַרענדע ביי די צען יידן?"

יוסף שור ענדערט דאָס קול. ער דערפילט מיטאַמאָל, אַז ס'איז געקומען זיין צייט. פון גרויס דרך־ארץ צום געהויבענעם באַלעבאָס ענטפערט ער אויף זיינע פראַגן מיט אַ גאַנצן טאָן העכער, ווי געוויינטלעך.

ער קלערט לחלוטין נישט אָנהייבן אַזוי גיך אַליין גיין מיט זיין מיל. באַלד נאָך שבועות, אַז בײַ די יידן וועט די אַרענדע אויסגיין, וועט ער מאַכן אַ רעמאָנט".

„אַ גרויסן רעמאָנט".

ער האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין רוקן מיטן בענקל, כדי נישט צו זיצן צו אַבראַם ראַפּאָפּאָרט מיט דער זייט, און האָט זיך געפילט נישט איבעריק גוט, ווייל ער האָט נאָר־וואָס געזאָגט אַ נאַרישקייט: ער האָט דערציילט, אַז חוץ אַלע רעמאָנטן קלערט ער נאָך איבערמאַכן דעם בלעכענעם מיל־קוימען אויף אַ געמויערטן. נאָר אָט איז עפּעס געשען, און אַבראַם ראַפּאָפּאָרט האָט אים אויף אַ רגע געלאָזט אַליין. אַלע אַרום טיש האָבן זיך מיטאַמאָל אַ לאָז געטאָן אַנטקעגן דעם פרישן נאָר־וואָס אַרײַנגעקומענעם גאַסט, און יוסף שור האָט זיך אַהין אומגעקוקט און האָט דעם גאַסט גלייך דערקאָנט. דאָס איז געווען דער רויטלעכער סטודענט מיטן געעלטערטן פּנים און מיט די שפּאָגל־נייע סטודענטישע קנעפּ, וואָס האָט געלייענט די לעקציע. יוסף שור האָט געקוקט, ווי מ'שטעלט אים אַרום, מ'דערפרעגט זיך בײַ אים וועגן דעם מיט גרויס אינטערעס, און ער ענטפערט ווי נישט־ווילנדיק און קנאַפּ. און פּלוצים האָט ער פאַרגעסן אָן סטודענט מיט דער לעקציע, אָן זיך אַליין און אָן דער נאַרישקייט, וואָס ער האָט פריער אַביסל געזאָגט; ער האָט דערזען אין אַלכסון:

בײַם טיש איז מער נישט געבליבן, ווי די פרוי ראַפּאָפּאָרט מיט דער יונגער מאַדאַם קוירע, און ביידע האָבן זיך צוגערוקט גאָר נאָענט איינע צו דער אַנדערער און פאַרשטייען זיך אויפן ווונק. די פרוי ראַפּאָפּאָרט שעפּטשעט עפּעס דער מאַדאַם קוירע אויפן אויער, און די מאַדאַם קוירע הערט מיט גרויס אינטערעס; זי הערט נישט אויף צו שמייכלען און אירע בלויע רויטלעכע אויגן האַלטן דערבײַ אין איין קוקן אויף אים, יוסף שורן. ס'איז קלאָר: דאָס שעפּטשעט מען זיך וועגן אים. די געירשנטע משפּחהדיקע גאווה שטרענגט זיך אין אים אָן, און דאָס גאַנצע שורעדיקע בלוט, וואָס ער פאַרמאָגט, גיסט זיך אים אַרײַן אין פּנים. גאָר נאָענט אונטער זיינע פּלייצעס דערמאָנט עמעצער דעם נאָמען פון משהלע לעווינס מיידל, דאָס איז דער רויטלעכער סטודענט. ער שטייט שוין נישט ווייט פון אים, יוסף שורן,

ביים טיש און באַמערקט אים נישט. ער איז נאָך אַלץ פאַרחלומט פון זיין לעקציע און נעמט פאַרטראַכטערהייט עמעצנס אַ טיי-לעפעלע אין האַנט.

„ווו איז שרהלע?" פרעגט ער שטיל, קוקנדיק אַראָפּ צום לעפעלע צו.

ס'ווערט קלאָר: זי איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען אויפן גאַנצן אָוונט.

„וואָס?" פרעגט ער איבער אַביסל צעטראָגן, בשעת צו אים, יוסף שורן, קערט זיך אום אַבראַם ראַפּאָפּאָרט און הויבט נאָכאַמאָל צו אים רעדן.

ער האָט נאָך אַלץ בלאַסע נאָזלעפלעך און עטעמט שווערער, ווי געווייינטלעך, נאָר טיף אין זיך איז ער שוין צוריק געהאַרטעוועט און שטייף. ער שפּאַנט אַרום מיט אַבראַם ראַפּאָפּאָרט איבערן צימער, און לאָזט זיך פון אים פירן אין דער נאָענטער גרויסער און ווייסער זאַל. ער ווייסט נישט: מעגלעך, אַז אַבראַם ראַפּאָפּאָרט פירט אים נישט אומזיסט אַהין אין זאַל אַריין; מעגלעך, אַז ער וויל מיט אים בלייבן אויג אויף אויג און אים עפּעס זאָגן.

## VIII

נאָר אויך אין דער גרויסער ווייסער זאַל איז אים נישט געלונגען צו בלייבן מיט ראַפּאָפּאָרטן אַליין.

דאָרטן זענען די שטאָרן דווקא געווען אַראָפּגעלאָזן און די ליוסטרעס אויסגעוואַשן. שטומע שאָטנס האָבן געדרימלט צווישן ווייטע פאַרטונקלטע שפּיגלען. שטולן אין ווייסע טשעכאָלן האָבן זיך גלויביק געטוליעט צו די היימישע ווענט, און דער אומענדלעכער ווייכער קאָבריץ, דער אַלטער גוטער-פריינט פון אָט דעם הויז, האָט זיך וואָכעדיק געשוואַרצט אונטער די פיס און האָט געדולדיק געוואַרט אויף שמחות. ס'איז דאָרטן געווען האַלב-טונקל, נאָר אַביסל ווייטער, לעבן דער קנאַפּער העליש-רויטער שיין, וואָס אין עקסטן רויט באַלויכטענעם ווינקל, האָט זיך דאָך עפּעס געטאָן. יוסף שור האָט דערזען: אַ מענטשן זעקס-זיבן זינקען דאָרטן טיף אין די נידעריקע גאַרניטור-שטולן; זיי זעען אַלע אויס אַזוי מידלעך פאַרשטיינערט און פאַרטראַכט, גלייך זיי

פּאָטאָגראַפירן זיך, און הערן זיך איין, ווי נעסי ראַפּאָפּאָרט לאָזט נישט רעדן קיין שלעכטס אויף איר באַקאַנטן, דעם יונגן מאָלער ווײַנטרויבן. זי רעדט ווייך, נעסי, גאָר ווייך: זי וויל קײנעם נישט באַליידיקן. זי טוט נאָר אַזאַ גוטמוטיקן שמייכל, גלייך די אַרומיקע רעדן נאַרישקייטן, און לאָזט שמעוודיק אַראָפּ די לאַנגע, לאַנגע וויעס:

„ניין, זאָגט זי, טײַערינקע, איר ווייסט נישט"...

---

נעסי האָט געהאַלטן בײַ זיך אין שויס אַ געשטיקטע געל־זיידענע פּאַפּקע.

מיט דאַרע קינדעריש קליינע הענט האָט זי פון דאָרטן איינס נאָך איינס אַרויסגעצויגן די רעפּראָדוקציעס פון איר באַקאַנטן, דעם יונגן מאָלערס בילדער, און דער עולם האָט זיי איינס נאָך איינס באַטראַכט און זיי איינס נאָך איינס אַנידערגעלייגט.

אויף איינעם פון זיי זענען געווען אויסגעמאָלט פיר בלינדע פערד. דער עיקר זענען אָבער נישט געווען די פערד אַליין, נאָר די מעשה, וואָס האָט זיך, קוקנדיק אויף זיי, געדענקט:

ערגעץ־ווו אין אַ קליין פאַרוואָרפן שטעטל האָבן זיך אַמאָל געצויגן פוסטע זומערדיקע בייטאָגן און זייערע אומענדלעכע זוניקע שעהן האָבן בײַ אַלעם אויסגענודעט די נשמה. אַ האָן קרייט דאָרטן פון תּמיד אָן אומעטיקער, ווי אומעטום; אַ טאַטע, אַ פאַרמעגלעכער עקשן, אַ טאַטע איז דאָרטן אומצופרידענער פון אַלע טאַטעס, אויב ער כאַפּט זיך אויף פון זיין בייטאָגעדיקן שלאָף און טרעפט, אַז זיין יינגל איז נאָך פון נאָכמיטאָג אָן נישט אַוועקגעגאַנגען צוריק אין חדר. ער האָט אַ געלעגערטע צונג.

„בחור, אין חדר אַריין, שרייט ער צו זיין קליינעם פּוסט־און־פּאַסניק דעם יינגל, וואָס וועט זיין פון דיר דער תּכלית?"

נאָר דעם יינגל איז שוין אַזוי לאַנג נמאס דער חדר, דער רבי און די תּלמידים, וואָס חזרן אָן אויפהער די נאָך־פּסחדיקע נודנע פּרשה חומש; ער שטייט אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָן די געפּאַרבטע שטאַכעטן, וואָס פאַר זיין פאָטערס הויז, און איז בײַ זיך געפאַלן, „ער איז אַ פּוסט־און־פּאַסניק", געדענקט ער.

און איבער זיין קאָפּ שעפּטשען זיך אַלטע צעוואַקסענע אַקאַציעס,

וואָס פאַר די פענצטער, און האַלטן זיין געדאַנק אונטער:

„אַ פּוסט־און־פּאַסניק? — אַוודאי אַ פּוסט־און־פּאַסניק".

ער דרייט זיך אַרונטער אונטערן פּאָטערס הויז און קוקט, ווי פליגן זשומען דאָרטן אַרום אומריינע ערטער. ער בלאָנדזשעט אַוועק איבערן שטעטלס אונטער־געסלעך און בלייבט אויף לאַנג שטעקן לעבן דער אונטער־טיר פונם גרויסן קליינשטעטלדיקן טאָפּטאָק, ווו מ׳רייסט פּראָסע. ער שטייט און קוקט: פיר בלינדע פערד טופּען אָן אויפהער אויף דער גוואַלדיק גרויסער ראָד פון טאָפּטאָק און דראַפּען זיך מיט די פיס; די פערד פאַלן שיער נישט און מיינען, אַז זיי דראַפּען זיך אַרויף אַ מסוכן הויכן באַרג. צום הימל דראַפּען זיי זיך. זיי ציען שוין אַפילו אויס די העלזער, שטרענגען אָן די נאָזלעכער, גלאַנצן אויס די בלינדע אויגן, נאָר זיי בלייבן דאָך אויף איין אָרט.

איז אָט, אָט דאָס יינגעלע האָט עס נאָכדעם אויסגעמאָלט אָט די פיר בלינדע פערד. איצט איז ער דאָך שוין אַ גרויסער, אַמאָל האָט ער מיט זיין פּאָטערס קליינע עטלעכע הונדערט רובל געמוזט אַנטלויפן פון דער היים. נאָר איצט האָט ער זיך שוין אומגעקערט פון אויסלאַנד אַ געקרוינטער און באַמאָלט, די בערגיקע שטאָט גרויס־סעטרעניץ באַמאָלט ער, און צייטונגען שרייבן וועגן דעם, און נעסי זאָגט אויך, אַז ער איז אַ גרויסער, גאָר אַ גרויסער:

„פאַראַן, זאָגט זי, גליקלעכע מענטשן אויף דער וועלט".

עמעצער פון די אַרומיקע האָט מביניש אַ טייטל געטאָן אויפן עקסטן פון די פיר בלינדע פערד, אויפן שוואַרצן, וואָס מיטן טיף איינגעפאַלענעם רוקן. אַ צווייטער האָט פוילבלעך אַ שאַר געטאָן מיט די קורצזיכטיקע אויגן איבער די קאָלטענעס, וואָס האָבן דעם פערד אַראָפּגעהאָנגען איבער די בלינדע אויגן און איבער די קלאָען, און האָט אויך אַזוי פוילבלעך געטאָן אַ ברייטן שמעק צו זיך אין נאָז:

„יידישע פערד"...

דעמאָלט האָט אויך יוסף שור נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף דעם בילד; ער האָט פונסניי פאַרגעסן, אַז אַבראַם ראַפּאָפּאָרט איז שוין דאָ אין זאַל נישטאָ, און פונסניי ביי זיך אַראָפּגעפאַלן, ער האָט געמוזט מודה זיין זיך אַליין:

„אין אַזעלכע זאַכן איז ער שוין לחלוטין נישט קיין בקי".

ווען אַזעלכע זאַכן, ווי מ׳רעדט דאָ בײַ אַבֿראַם ראַפּאָפּאָרט אין הויז, האָט מען שוין קיינמאָל נישט גערעדט נישט בײַ זײַן פֿאָטער און נישט בײַ זײַנע ביידע רײַכע מומעס. כּדי צו דערגיין, אין וואָס באַשטייט דער וויכּוח האָט ער זיך איבערגעזעצט אויף אַ נאָענט בענקל און האָט חסידיש צוגעבויגן דאָס אויער. ער האָט געהערט מיט קאָפּ, נאָר אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער שמועס איז שוין גאָרנישט אַזאַ טיפֿער. ס׳רעדט מערסטנטייל דער רויטלעכער סטודענט מיטן געעלטערטן פּנים און מיט שפּאָגל־נײַע קנעפּ, וואָס זיצט שוין איצט דאָ אין זאַל אַנטקעגן נעסין. פֿריער אַביסל האָט מען זיך בײַ אים דערפֿרעגט וועגן זײַנע אַ פּאָר געדרוקטע אַרטיקלען, וואָס האָבן אַ שײַכות צום ציוניזם, און איצט האָט ער דאָ ערנסטער, ווי אַלע אַנדערע, טיף געזונקען אין דער בידעריקער שטול און האָט בשום אופֿן נישט געוואָלט מסכּים זײַן מיט נעסין, אַז איר באַקאַנטער, דער יונגער מאָלער וויינטרויב, איז אַ גרויסער:

„ניין, זאָל אים נעסי מוחל זײַן, אַ גרויסער מענטש, האָט ער אַ כּלל, איז אַ סובסטאַנץ״.

„אַ סובסטאַנץ?״

דער העברעיִשער פּאָעט, דער שווייגער מיט די געשוואָלענע בייטעלעך אונטער די אויגן, האָט זיך אויף אַ רגע אויפֿגעהערט צו וויגן אין דער הויכער וויגשטול, וואָס דאָ בײַ דער זײַט אין ווינקל, און האָט אָנגעשטעלט אַ פֿאַרוווּנדערט פּנים פֿון אַ שטומען. נאָר דער סטודענט האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט.

„און נאָך איין זאַך, האָט ער געזאָגט, מ׳כאַפּט אויף אַ שנעק און מ׳פּויקט וועגן אים״.

דער סטודענט קאָן פֿערזענלעך וויינטרויבן. פֿאַר פּסח, ווען ער האָט אין פּעטערבורג אויסגעהאַלטן איינעם פֿון זײַנע לעצטע שווערע עקזאַמענס און האָט זיך אומגעקערט אַהיים, איז ער געפֿאָרן אין איין קופּע מיט זײַנער אַ באַקאַנטער, אַן אינטערעסאַנט מיידל, און אין דעם זעלביקן קופּע איז אויך געפֿאָרן אַהיים אָט דער יונגער מאָלער וויינטרויב און האָט אַרויסגעוויזן אַלערליי שטיק פֿון אַ קליינשטעטלדיקן כּלומרשט קלוגעטשקן עם־הָאָרץ, אַ גוש.

דער סטודענט איז אַזוי ברוגז אויף אַלע פּעטערבורגער ייִדיש

אינטעליגענטע הייזער, ווו מ׳האָט פאַר פסח געהאַלטן אין איין רעדן וועגן אָט דעם ווייַנטרויבן, און אויף אַלע קורסיסטקעס, וואָס זענען דאָרטן געלאָפן אים אָנקוקן. נאָר פאַרוואָס רעדט ער שוין מיט אַזאַ היץ גלייך אין דעם, וואָס נעסי מיט די צייטונגען לויבן אָט דעם ווייַנטרויבן, אין דעם אַליין איז שוין דאָ אַ גוואַלדיקע באַליידיקונג פאַר אים, דעם רויטלעכן נישט גאָר יונגן סטודענט?

יוסף שור קוקט אים גלייך אין פּנים אַריין און פאַרשטייט עס נישט. און פּלוצים שלאָגט עמעצער איבער דעם סטודענט די רייד און פונם שמועס ווערן קלאָר נאָך אייניקע זאַכן:

דער יונגער מאָלער ווייַנטרויב, ווערט קלאָר, איז איצט דאָ אין שטאָט; ער קאָן זיך זייער גוט מיט נעסין און קומט שוין אָפט צוליב איר אַריין אַהער, צו אַבראַם ראַפּאָפּאָרט אין הויז.

און נאָך איין זאַך ווערט קלאָר:

„דאָס, אַז היינט, מיט אים, מיט אָט דעם ווייַנטרויבן, איז אַוועק־געגאַנגען ערגעץ אויף אַ גאַנצן אָוונט זי — משהלע לעווינס מיידל“.

ביי יוסף שור ווערט דערפון ווי פאַרשטאָרבן דאָס האַרץ, סך־הכל אויף איין רגע ווערט עס ווי פאַרשטאָרבן און מער גאָרנישט. נאָר באַלד קומט ער צוריק צו זיך און פאַרקרימט קוים־קוים די ליפּן, אַזוי נישט צופרידן איז ער שוין מיט זיך אַליין, מיט דעם, וואָס אים אַרט:

„ער, יוסף שור, איז דאָך דאָ אין הויז נישט מער, ווי אַ גאַסט, ער פאַרברענגט דאָ דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אַן אָוונט, וואָס קער זיך אָן מיט אים משהלע לעווינס מיידל?“

און כּדי מער נישט צו טראַכטן וועגן איר, מאַכט ער אַן אָנשטרענגונג, בויגט צו נאָכאַמאָל חסידיש דאָס אויער און הערט זיך איין מיט קאָפּ. ס׳רעדט ווידער דער רויטלעכער סטודענט און דערציילט, וויאַזוי ער איז צוזאַמען מיט זיין באַקאַנט מיידל געפאָרן פון פּעטער־בורג אין איין קופּע און וויאַזוי אָט דער ווייַנטרויב האָט דאָרטן דעם גאַנצן וועג געגעסן דעם מיידלס מאַראַנצן מיטן מיידלס שאָקאָלאַד און וויאַזוי ער האָט דאָרטן געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן זיך.

נאָר ניין, יוסף שור מוז ווידער מאַכן אַן אָנשטרענגונג, כּדי צו דערמאָנען זיך וויאַזוי איז פון אָנהויב אָן געווען די מעשה:

דער סטודענט איז געפֿאָרן אויף פּסח אַהיים...

דער סטודענט איז שוין דאָ, אפשר, נישט גאָר אָן אַ צופֿאַל אַרויסגעפֿאָרן פֿון פּעטערבורג צוזאַמען מיט זיין באַקאַנט מיידל. מעגלעך, אַז פֿאַרן אַרויספֿאָרן האָט ער זי אַפֿילו אָפּגעוואַרט אַ טאָג, צי צוויי. ער זיצט גאָר נאָענט, היימלעך אין קופּע לעבן מיידל און וויל איר קלאָר מאַכן אייניקע פֿראַגן.

אַך יאָ, אָט דער רויטלעכער סטודענט, געוויס קאָן ער שוין תּמיד עפּעס קלאָר מאַכן. און ווער ווייסט אים? מעגלעך, אַז די אייגענע פֿראַגן, וואָס ער וויל דעם מיידל קלאָר מאַכן, האָבן שוין גאָר אַ נאָענט שייכות צו זיינע אַ פּאָר געדרוקטע אַרטיקלען וועגן ציוניזם. נאָר דער יונגער בלאָנדער בחור, דער מאָלער וויינטרויב, וואָס טראָגט לאַנגע בלאָנדע האָר מיט אַ קורץ סאַמעטן רעקל און זיצט פּונקט אַנטקעגן, ער מישט זיך אַלע ווײַלע אַריין מיט פּוסטע דיבורים און לאָזט נישט פֿירן דעם שמועס; ער הוידערט זיך, זיצנדיק הין און צוריק, שאָקלט מיט די פֿיס און קנאַקט צו מיטן צונג:

„צאַ, צאַ, צאַ! מאַכט ער ליצנות פֿון דעם מיידלס פּילפּאַרביקער שאַל, ס'אַרא פֿיינע פֿאַרבן...״ ער הערט נישט אויף צו קוקן דעם מיידל גלייך אין פּנים אַריין, און דערביי האַלט ער אין איין עסן דעם מיידלס שאָקאָלאַד מיט אירע מאַראַנצן און פּירט זיך, ווי אַ יונגער גליקלעכער קלעזמער, וואָס איז געוווינט אויסצונעמען אויף חתונות, און דערציילט דעם מיידל אָן אויפהער וועגן זיך.

ער, יואל וויינטרויב, קערט זיך איצט אום נאָך לאַנגע יאָרן צוריק אַהיים, אינם קליינעם שטעטעלע קאָזלאָווע, וואָס לעבן גרויס-סעטרעניץ, קערט ער זיך אום, און דאָרטן אין שטעטעלע הייסט ער יואליק, פּשוט יואליק. דאָס האָט ער דאָרטן געהאַט אַ טאַטן אַ האַלבן סקווירער חסיד, אַ האַלבן ציוניסט, וואָס האָט זיך סוף-כּל-סוף אַרויס-געצויגן קיין פּאַלעסטינע און האָט אין קאָזלאָווע פֿאַרקויפֿט זיין ווייס געקאַלכט נגידיש הויז אַ דאָרטיקן פֿאַרמעגלעכן קרעמער. ס'האָט געהאַט אַלטע אַקאַציע-בוימער פֿאַר די אַכט-שויביקע געל געפֿאַרבטע פֿענצטער, אָט דאָס הויז, און אין הויף צווישן גראָז האָבן לעבן דעם געוואָקסן דריי גרויסע שפּיציקע שטיינער. איצט קאָן עס שוין ער, יואל וויינטרויב, בשום אופֿן נישט פֿאַרגעסן. אַלטע אַקאַציע-בוימער פֿאַר די פֿענצטער,

און אין הויף דריי גרויסע שפּיציקע שטיינער. אָפּטמאָל כאַפּט ער זיך אויף ביינאַכט און הייבט זיי אָן מאָלן, אָט די שטיינער. ער געדענקט יעדן קאַרב זייערן, יעדן שטאַפּל. און נאָכדעם קאָן ער לאַנג נישט איינשלאָפן און האָט געדאַנקען, ער ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגן און זעט זיך דאָרטן אין קאָזלאָווע. ער זיצט איין־אַליין אויף די גאַניק־טרעפּלעך פון אָט דעם הויז מיט די געשלאָסענע פענצטער־לאָדנס, וואָס באַהאַלטן אונטער זיך דעם פרעמדן קרעמערס שלאָפנדיקע משפחה. אין מיטן דער נאַכט זיצט ער דאָרטן אויף די טרעפּלעך און הערט, ווי טיף־טיף אין דער נאַכט שעפּטשען די אַלטע אַקאַציעס, וואָס האָבן אַמאָל אום זומער געהערט, ווי דער פאָטער פלעגט אים שרייען:

„בחור! פּוסט־און־פּאַסניק..."

„ניין, שעפּטשען אים איצט די אַלטע אַקאַציע־בוימער, האָסט דאָך עפּעס אָפּגעטאָן, יואליק, ביסט נישט קיין פּוסט־און־פּאַסניק".

„איצט פאָרט ער אַהין און האָט דעפּעשירט דעם קרעמער, ער וויל ביי אים צוריק אויסקויפן דעם פאָטערס הויז".

---

דער סטודענט האָט אַביסל איבערגעכאַפּט די מאָס, ער האָט צו לאַנג דערציילט, וויאַזוי אָט דער וויינטרויב האָט אַלעמען אין קופּע דערעסן:

„קיינמאָל, האָט ער געטענהט, האָט ער נאָך נישט געהערט, אַז אַ מענטש זאָל אַזוי פיל בעבען און זאָל זיין אַזוי עם־ארצותדיק פאַרליבט אין זיך אַליין, אין זיין אייגענעם אָטעם".

נאָר אַרום אים זענען זיך שוין כמעט אַלע געהאַט צעגאַנגען. דער סטודענט רעדט, נאָר קיינעם גייט עס שוין מער נישט אָן, קיינער הערט נישט.

יוסף שור קוקט, ווי אומעטיק און עלנט די קינדעריש גרינגע נעסי איז געבליבן זיצן דאָ ביים קליינעם העליש־רויטן פייער, און קיינער גייט צו איר נישט צו. ס'איז שוין אַפילו אַ רחמנות אויף איר צו קוקן. ס'געדענקט זיך:

אָקאָרשט נעכטן ביינאַכט האָט זי זיך, ווי אַ פרעמדע, אַהער אַהיים אומגעקערט.

„ניטע, טייערינקער! האָט זי זיך ביים איזוואָזטשיק געבעטן, טרייב נישט אַזוי גיך".

און איצט זעט זי שוין אויס אַזוי אומגליקלעך דאָ,ביים פאָטער אין הויז, און שווער איז צו וויסן, וועגן וואָס טראַכט זי: אפשר געדענקט זי נאָך אַלץ דעם יונגן מאָלער וויינטרויבן, זי אַליין האָט דאָך היינטיקן אָוונט אַזוי פיל וועגן אים גערעדט. און, אפשר, געדענקט זי שוין נישט מער, ווי איינע אַ טרויעריקע מעשה וועגן זיך, דער געהויקערטער סקולפטאָרין אַליין, אַ מעשה מיט אַן אומגליק, וואָס איז זיך שטיל, שטיל פאַרלאָפן:

„ביי אַ גוואַלדיק רייכן אַדיר, אַ טאַטן, איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, אַ פשוט יידיש קבצניש קינד"...

כדי אַרויסצוווייזן איר זיין וואַרים געפיל, טוט זיך יוסף שור צו איר אַ בויג און פאַרפירט מיט איר אַ שמועס:

„ס'איז אינטערעסאַנט צו וויסן: וויפל איז ער אַלט, אָט דער מאָלער וויינטרויב?"

„וויפל איז ער אַלט?"

איבער זיין קול טוען ביי דער פאַרטראַכטער נעסין אַ ציטער די לאַנגע, לאַנגע וויעס, און אין אירע קרומלעכע אויגן פאַרשטאַרקט זיך די שטענדיקע גוטמוטיקייט מיטן געבעט.

„וויפל איז וויינטרויב אַלט? איך ווייס נישט, זאָגט זי, טייערינ-קער, ער איז נאָך אַ יונגער, גאָר אַ יונגער".

און ווידער זינקט זי אין עפעס איין, אָט די נעסי, און פאַרטראַכט זיך. איצט איז איר שוין יוסף שור אַזוי דאַנקבאַר, וואָס זי האָט אים געזאָגט „טייערינקער".

„נו, און זי? פרעגט ער ביי איר, זי איז דאָך אויך אַ סקולפטאָרין; פאַרוואָס זשע דערציילט זי גאָרנישט וועגן איר אייגענער אַרבעט?"

נעסי האַלט שוין, אַפּנים, פון זיך אַפילו קיין פיצל נישט.

„אַך? זאָגט זי, ניין, טייערינקער. איך בין דאָך נישט מער, ווי אַ פשוטער בעל-מלאָכה, איך ווייס עס זייער גוט".

זי באַליידיקט זיך נישט אויף זיינע פראַגן, זי רעדט מיט אים אַזוי ווייך, ווי מיט אירן אַ גלייכן. פון דאַנקבאַרקייט וואָלט ער איצט פאַרגעסן, וואָס מיט אים איז היינטיקן אָוונט געשען, ער וואָלט מיט איר נאָך אַביסל געזעסן און וואָלט ביי איר געפרעגט:

„פאַרוואָס?... פאַרוואָס מיינט זי אַזוי?"

נאָר אַרום און אַרום זענען זיך שוין כמעט אַלע פונאַנדערגעגאַנגען,
און די שעה איז שוין אויך געווען אַ שפּעטע.
ס׳האָבן זיך געזעגנט די לעצטע געסט.

---

אינדרויסן לעבן דער פּאַראַד־טיר זענען געשטאַנען דער העברע־ישער פּאָעט מיטן רויטלעכן סטודענט און האָבן גערעדט צווישן זיך אַסך היימישער און פּראָסטער, ווי אין זאַל; זיי האָבן געקלערט ערגעץ אַריינגיין. אויף אים, יוסף שור, האָבן זיי זיך אויך דאָ נישט אומגעקוקט און האָבן אים נישט באַמערקט, גלייך פאַרביי זיי גייט דורך אַ קאַץ. וואָס האָבן זיי געקאָנט וועגן אים קלערן? וואָס האָט מען בכלל וועגן זיין הייַנטיקן פאַרבראַנגען געקאָנט קלערן, ביי אַבראַם ראַפּאָפּאָרט אין הויז? דער עיקר איז געווען, וואָס מ׳האָט דאָרטן וועגן אים גאָרנישט נישט געקלערט. יוסף שור האָט דערפילט אין זיך אַ טיפן קאָנוווּלסיוון ווייטיק פון באַליידיקונג און איז אַוועקגעגאַנגען ווייטער.

אויפן ראָג פון דער שטילער און רייכער גאַס, נישט ווייט פונם הויך אויפגעהאָנגענעם עלעקטרישן לאַמטערן, האָט ער באַגעגנט משהלע לעווינס מיידל מיטן יונגן מאָלער ווייַנטרויבן, וואָס פירט זי אָפּ אַהיים. ס׳איז געווען אַ רגע, ווען זיי האָבן זיך אויסגעגלייכט, און זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן גאָר פון דער נאָענט, גלייך זי וואָלט זיך מיט־אַמאָל דערמאָנט, ווו זי האָט אים געזען און וואָלט נישט פאַרשטיין, ווי קומט ער אַהער איצט אין דער צוועלף־אַזייגערדיקער ביינאַכטיקער שעה.

יוסף שור האָט דעמאָלט נאָכאַמאָל דערזען אירע אויגן, בלויע קלוגע אויגן, וואָס ווילן זיך אָן עפּעס דערמאָנען, בשעת זיי קוקן זיך אין אים איין, און אַ מויל אַ שטרענג געשלאָסנס, אַ גלייכע ליניע, וואָס דערמאָנט שטאַרק אָן עפּעס און איז אַזוי נאָענט, אייגן. יוסף שור האָט נישט געדענקט זיין מוטער. ער איז אַלט געווען פיר יאָר, בשעת זי איז געשטאָרבן, נאָר ווער ווייסט? מעגלעך, אַז ביי זיין מוטער איז געווען פונקט אַזאַ מויל און דערפאַר האָט צו דעם אַזוי שטאַרק געצויגן. ער האָט דערפילט, ווי ביי אים האָט זיך מיטאַמאָל ווי אונטערגעבראָכן דאָס האַרץ, נאָר ער האָט נאָך אַלץ נישט געוווּסט, צי זי האָט אים דערקאָנט, צי ניין. און פּלוצים האָט זיך אין אים פאַרשטאַרקט דער

גאַווהדיקער בן־יחיד, וואָס איז אויסגעוואָקסן אין גרויס־סעטרעניץ ביי איציק־מאיר שור אינם אָפּגעשלאָסענעם מיוחסדיקן הויז. דאָרטן אין גרויס־סעטרעניץ האָט ער זיך יעדנפאַלס נישט געפילט אַזוי געפאַלן און צונישט, ווי אין אָט דעם איצטיקן מאָמענט. דאָרטן האָט ער נאָך פאַרמאָגט צוויי אייגענע געירשנטע הייזער און די גרויסע געירשנטע מיל זיינע...

אונטער זיינע פליִיצעס האָט נאָך געלאַכט דער יונגער מאָלער וויינטרויב. ער האָט עפּעס דערציילט דעם שיינעם מיידל, וועלכע ער באַגלייט אַהיים און האָט געלאַכט מיט גרויס הנאָה. נאָר יוסף שורן איז עס שוין אַזוי ווינציק אָנגעגאַנגען. ער איז געגאַנגען מיט גיכע טריט און האָט געדענקט די אייגענע הייזער, וואָס ער האָט אין גרויס־סעטרעניץ, מיט דער געירשנטער מיל:

„אַך יאָ, די גרויסע אייגענע מיל, זי איז נאָך אויך עפּעס ווערט".

# אין איינעם אַ זומער

I

„אייזיק, שטיי ביים פלויט".

„לאָז נישט די חזירים, אייזיק".

אייזיק האָט אַ פּאָר לאַנגע הענט, פעסטע און פאַרקאַשערטע העכער די עלנבויגנס. און אַליין איז ער אַ שטאַרקער, אַ מוסקולדיקער, ווי אַ שמיד־געהילף, וואָס קלאַפּט מיטן גרויסן האַמער. ער שטייט אינם ווייסן אַריינגעלאָזטן סטודענטן־העמדל ביים טויער אויף דער זון; און לעבן אים גאָר נאָענט גייען דורך די אַכט „שטיקלעך". זיי מעלה־גרהן און סליונען פון היץ.

פון די בהמות שמעקט מיט פאַרטרוקנטן קי־צואות, מיט פרישע מילך, מיט שטויב און מיט אויסגעטרוקנטן דאָרף, וואָס האָט שוין צוויי וואָכן כסדר אומזיסט געלעכצט נאָך רעגן. דאָס הייטל אין נאָז ווערט דערפון אויפגערעגט ביז גאָר, ס'ווילט זיך ניסן.

אייזיק פאַרמאַכט דעם טויער און פילט, אַז פון אים אַליין שמעקט שוין אויך מיטן זעלביקן גערוך. מיט שטויב שמעקט פון אים און מיט פרישער, נאָך נישט געמאָלקענער מילך. ער שמייכלט. פאַמע־לעך און פויל גייט ער נאָך דעם פעטער יודלס עלטערער טאָכטער, סי־מען; ער גייט איר נאָך אין הויף אַריין צו די שטאַלן. נעכטן איז ער איר אַהין נאָכגעגאַנגען פונקט אַזאַ שווייגנדיקער ווי איצט, אַ קלוגערער פון דער אַרבעט, וואָס זיי טוען. דער היינטיקער טאָג וועט, ווי צוויי טראָפּן וואַסער, זיין ענלעך אויפן נעכטיקן.

אַרום ברענט די זון פון העלן האַלבן טאָג, ס'גליט דער ברענענ־דיקער תמוז. דאָס גרויסע פיר־ווערסטנדיקע דאָרף האָט אויסגעשיט אַלע ברואים אין פעלד אַריין און שלאָפט מיט דער גאַנצער צעוואָרפענער ברייט, וואָס צום טאָל און צום טייך מיט די געלע זאַמדיקע ברעגן;

ס׳דראַפּעט זיך פון יענער זייט טייך אויפן באַרג, ס׳פּאַרציט זיך דאָרטן מיט אַ דרימלדיקן נעפּל פון זומערדיקער ווייט און באַהאַלט אויס אין שטילן עק דאָס נגידישע יידישע הויז, מיט די צוויי געשניצטע גאַניקעס אין ביידע זייטן און מיטן יונגן מיידל, וואָס האָט זיך אַהין בישט-לאַנג אומגעקערט פון דער פרעמד, פון שטודירן, אַפּנים, צי פון פאַרברענגען אין דער גרויסער ווייטער שטאָט.

„אייזיק, שטיי ביי די קעלבלעך".

אייזיק קוקט אויף יעדער בריהשער באַוועגונג, וואָס ס׳מאַכט סימע, דעם פעטער יודלס עלטערע טאָכטער, און אַ געפיל איז ביי אים אַ פאַרשלאָפענס און פוילס, גלייך ער איז נאָר-וואָס אויפגעשטאַנען אַ גרויסן גאַנצפרי; דאָס האַרץ צאַפּלט נאָך אין אים מיט לעצטן זיסן דרימל, מיט חלום וועגן יונגן, בישט-לאַנג געקומענעם גבירישן מיידל, מיט וועלכן ער האָט זיך צוריק מיט עטלעכע טעג דאָרטן ביי איר פאָטער אין הויז באַקאַנט.

„אוליאַנאַ!" רופט סימע.

אוליאַנע צעטיילט די מעלקשעפלעך, און סימע, אין ווייכן, ווייסן קלייד, קוקט פריער אַריין אין יעדן פון זיי, צי זיי זענען ריין. אוליאַנע איז אויך אַ זאַך, אייזיק קוקט, ווי אירע שטייפע אָפּגעברענטע עלנבויגנס אַרבעטן געשווינט ביים מעלקן, און אַ באַהאַלטן שמייכעלע פאַרגראָבט זיך אים טיף אין די ליפּן און אונטער די געדיכטע ברעמען לעבן די אויגן. איינמאָל האָבן זיי ביידע געטרייסלט אַ באַרנבוים אין ווייטסטן ווינקל פון גאָרטן, ער פון איין זייט, און די באָרוועסע אוליאַנע פון דער צווייטער זייט, האָט ער געזען, אַז ער איז העכער פון איר מיט גאַנצע צוויי קעפּ און אַז ביי יעדן בליק זיינעם לאָזן זיך אירע אויגן אַראָפּ, ווי ביי אַ צנועה. איצט איז אייזיקן וואַרעם אין האַנט: ער קראַצט אין האַלז דאָס יונגע אַרויסגעלאָזטע קעלבל, וואָס האָט אויסגעצויגן דעם קאָפּ מיט פאַרגלאָצטע אויגן און מיט בענקשאַפט צו מאַמע-קו.

„אייזיק, וואַרט אַ רגע".

און אייזיק פאָלגט; ער באַהאַלט אויס דאָס שמייכעלע אין די ליפּן און אונטער די געדעכטע ברעמען לעבן די אויגן, און באַוווּנדערט ערגעץ אין טיפסטער טיף פון זיין וועזן:

„אַ מאָדנע הויז דאָ אין דאָרף, דעם פעטער יודלס..."

דער פעטער יודל, אַ מענטש אין די פופציקער, אַן אויסגעפּוצטער אין די גאַוההדיקע שטיוולעטלעך, אַ רעספּעקטאַבעל ווייכער און אַ תּמיד צופרידענער. ס'שמייכלט אויף אים אַלץ, אַפילו די ברייט צעקעמטע, ווייכע באָרד, אַפילו די גלאַט פּאַרשפּיצטע זאַמשענע שיך, וואָס ער לאָזט זיך תּמיד נייען לויט איין און דעם זעלביקן פאַסאָן. תּמיד איז ביי אים „גאָט צו דאַנקען" און זינגענדיק „ווויל, זייער ווויל". כאָטש אַליין האָט ער מער נישט חתונה נאָכן ערשטן ווייב, דער פאַרשוין, וואָס איז זייער יונג געשטאָרבן און האָט אים איבערגעלאָזט צוויי פּיצלעך קינדער אויף אויפצוציען. אַלע הייסן זיי ביי אים מיט פאַרצויגענע נעמען:

„סימעלע".

„רחלע".

און אויך ביי זיי, ביי די קינדער זיינע, איז תּמיד „גאָט צו דאַנקען" און זינגענדיק „ווויל, זייער ווויל", כאָטש סימען האָט נאָך צוריק מיט עטלעכע יאָר אַוועקגעוואָרפן איר מאַן דער וואָיאַזשאָר, און מען קאָן עד היום נישט וויסן, ווו ער געפינט זיך, אין אַמעריקע, צי אין טיף רוסלאַנד. און רחל, די יינגערע, די שיינע, מיט די שטאַרק שוואַרצע געשוירענע האָר, האָט אויך איר מאַן ערגעץ־ווו, אויף דער וועלט, ער איז אַ געוועזענער פּראָוויזאָר, אַן אַקטיאָר, און פאָרט אַרום איבער פּראָווינציעלע שטעט מיט דער טרופּע, וועלכע ער שטעלט אַליין צונויף. מוראַנאָוו, הייסט ער, אָט דער מאַן רחלס, דער געוועזענער פּראָוויזאָר און אַקטיאָר. און אויך אַזוי רופן אים דאָ ביים פעטער יודל אין הויז אַלע, אַפילו דער פעטער יודל אַליין, און אַפילו רחל, די פרוי זיינע.

„מוראַנאָוו, זאָגט מען דאָ, האָט שוין פאַרגעסן דעם וועג אַהער".

„מוראַנאָוו האָט פיינט צו שרייבן בריוו".

און דאָס אַלץ האָט אַזאַ וויטן שייכות צו אים, אייזיקן, וואָס געפינט זיך שוין דעם צווייטן חודש דאָ אין דאָרף ביים פעטער יודל אין הויז און טוט גאָרנישט. ער איז אַ סטודענט, און ווי יעדער סטודענט, פילט ער נישט, אַז ער גייט אַרום בטל. אים קומט אום זומער רוען. אין שטאָט, ווו ער לערנט, האָט ער פּאַרטיי־חברים, קריסטן און יידן, און אַלע זענען זיי אַזעלכע יונגע, שטייפע און פּראָ־אַדמדיקע, ווי ער. מען שרייבט קיינעם וועגן זיך קיין בריוו נישט, און מען זאָגט

קיינמאָל נישט איינער דעם צווייטן, אַז מען האָט זיך ליב. איינמאָל איז ער מיט אַ פּאָר פון זיי אָפּגעזעסן ביי פיר חדשים אין טורמע, איז ער אַרויס פון דאָרטן נאָך אַ מער שטייפער און גרייטער, אַ פּאַר־עקשנטער אויף אייביק. נאָר וועגן דעם ווייסט נישט קיינער דאָ ביים פּעטער יודלען אין שטוב, נישט מען פרעגט אים, נישט ער דערציילט. ער טוט דאָ אַלץ, וואָס מען הייסט אים, און פּאַרנאַכט נעמט ער אַ האַנטעך און גייט זיך באָדן צום גרינזלטן טייך, וואָס האָט געלע זאַמדענע ברעגן, און אַז ער גייט צוריק, האַלט די זון שוין ביי זעצן זיך, און ער באַגעגנט ס׳רוב דאָס יונגע גבירישע מיידל דאָרטן לעבן גרויסן הויז מיט די נייע געשניצטע גאַניקעס, וואָס שמעקן נאָך מיט זייער העל־געלער, פרישער פאַרב. פון אים שמעקט מיט טייך־וואַסער, מיט נאַס געווירצל און מיט געזונטן יונג, וואָס קאָן נאָכן באָדן איבערקערן בערג, און זי פירט זיך אַרום מיט אַ קליינטשיק שוועסטערל, וואָס איז שטאַרק קאַפּריז און מוזיניקדיק קלוג. איר ברוסט איז אָפן נאָר אין דער הויך ביים האַלז, זי איז ברוין פון זון, ווי אָפּגעשמירט מיט ברוינער פאַרב, און אויך אַזוי איז איר פּנים.

„לינאַ, לינאַ, זאָגט זי צום קליינעם מיידעלע, און לאָזט עס נישט זיך אַראָפּזעצן אינמיטן וועג אויף דעם זאַמד, וועסט דאָרטן גאָרנישט נישט געפינען, לינאַ!"

זי איז רויק, און עפּעס פאַרטראַכטס איז דאָך תּמיד פאַראַן סיי אין אירע גרויע אויגן, וואָס מיט די גרויסע ווייסלעכער, סיי אין איר קול. אייזיק פילט צו איר פון ערשטן טאָג אָן עפּעס אַ ווייך געפיל, ווי צו אַ שוועסטער. אַז ער גייט אַוועק, געדענקט ער נאָך אַלץ זי, מיט איר גרויסן הויז, וואָס שטייט ביים וועג אַ גאַנצן טאָג אַקעגן ברענענדיקער זון, שטייט מיט ס׳רוב פאַרמאַכטע דרויסן־לאָדנס און האָט נישט דאָרטן, אין די פיל נישט באַלעבטע צימערן, קיינעם, אַחוץ אָט דאָס מיידל מיטן קינד. ס׳דאַכט זיך, אַז זיי זיצן דאָרטן תּמיד אין איינעם פון די ערשטע צימערן און הערן זיך איין אין אַ שאָרך, וואָס ערגעץ ווייט אין די עקסטע חדרים.

„שאַ, זאָגט זי לינען, זיץ איין".

און ביידע וואַרטן זיי דאָרטן, אַז דער שאָרך אין די ווייטע חדרים זאָל זיך נאָכאַמאָל איבערחזרן.

באַלד נאָך שבועות, ווען ער איז אַהער אַראָפּגעקומען, האָט אויף אים בײַנאַכט אויפֿן וואָקזאַל, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און מיט ברייטקייט אין דער צעקעמטער באָרד, געוואַרט דער פֿעטער יודל, און געשמעקט האָט פֿון אים ביים צעקושן זיך מיט פּאַלמירע־זייף, מיט „גאָט צו דאַנקען" און מיט „וויל, זייער וויל". און אינדערהיים, בשעת זיי זענען מיטן טאָג־ליכט אָנגעקומען, האָט געזאָטן דער סאַמאָוואַר, און אין שטילקייט פֿון עסצימער, וואָס רוט נאָך פֿון בײַנאַכט, איז געווען עפּעס געטרייעס, און פֿאַרשלאָפֿענע, אַרומגעוואַשענע און געטרייע זענען פֿון זייערע שלאָפֿצימערן, איינע נאָך דער אַנדערער, אַרויס־געגאַנגען סימע און רחל, ביידע אין לייכטע שטוב־קליידער, ביידע מאַמעדיק געניטע, אָן רייד, האַרציקע, מיט זיכערע האָרעפּאַשנע באַלעבאָסטע־הענט און מיט בקיאות פֿון אָנשטענדיקע פֿרויען, וואָס האַלטן פּענסיאָנערן. און נאָכדעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עפּעס פּענסיאָנעדיקס איז טאַקע דאָ אין הויז פֿאַראַן. דער אויסגעפּוצטער פֿעטער יודל, ביי וועמען קיינער וועט אייביק נישט דערגיין, צי ער וועקסלט אַליין די אויסגעפּוצטע שיך, צי ניין, פֿאָרט אַלע טאָג אַוועק צו זיינע קאַלכ־שטיינער, וואָס ער רייסט און ברענט און מאַכט אין זיי קליינע גליקן, און אַהער אין הויז קומען אַלע טאָג עסן מיטאָג פֿיר־פֿינף מענטשן פֿון דער רייכער ראַפֿינאַד־פֿאַבריק, וואָס אַרויס דאָרף אויפֿן באַרג. צווישן זיי איז פֿאַראַן אַ דאָקטאָר, אַן אינזשיניער און אַ נידעריקער פּוכקער און פֿרייליכער קורדופּל אַ כעמיקער, און אַלע זענען זיי דאָ אין הויז צופֿרידן, וואָס זיי רייסן זיך אָפּ אויף אַ פּאָר שעה פֿון זייער אַרבעט אין פֿאַבריק, און אַלע צאָלן זיי דאָ פֿאַר מיטאָגן מיט געלט אין קאָנווערטן, און אַז זיי פֿאָרן ערגעץ אַוועק, שרייבן זיי אַהער קאַרטלעך מיט לאַנדשאַפֿטן פֿון אַלע גרויסע וואָקזאַלן, וווּ זיי פֿאָרן דורך, און פֿון אַלע גרויסע שטעט, וווהין זיי קומען, און אַז זיי קערן זיך נאָכדעם אום צוריק, ברענגען זיי אַהער מתנות, קליינע, זעלטענע, נאָר פֿאַרשטעלט טייערע, כּדי מ'זאָל זיך דאָ אין הויז נישט באַליידיקן און נישט שרייען אויף זיי, אַלמאַי זיי זענען אויסברענגער. און אַז עמעצער פֿון זיי שפּאַצירט נאָכדעם מיט סימען, צי מיט רחלען אויף לאַנג אַוועק

איבערן דאָרף, איז דאָס נאָר אויסשליסלעך צוליב דעם, ער זאָל איר קאָנען באַלד אויסדערציילן וועגן אַלע סיכסוכים, וואָס ער האָט מיט זיינע בני־בית, און פרעגן ביי איר אַן עצה...

אייזיק רעדט דאָ מיט זיי זעלטן, כאָטש אים קומט אויס יעדן טאָג צו זיצן מיט זיי ביי איין טיש. ער קוקט אויף זיי ווי פון דער זייט, מיטן פאַרבאַהאַלטענעם שמייכעלע אויף די ליפּן און אונטער די געדיכטע ברעמען, גלייך נאָר אים אַליין איז באַוווּסט דער סוד פונם ווירקלעכן לעבן, אים מיט זיינע חברים פון דער גרויסער שטאָט, וואָס שרייבן זיך קיינמאָל קיין בריוו נישט און זאָגן קיינמאָל נישט איינער דעם צווייטן, אַז זיי האָבן זיך ליב. איטלעכס מאָל, וואָס זיי פאַרפירן דאָ ביים טיש אַ שמועס וועגן אַזעלכע זאַכן, וואָס רירן אים אָן, ווערט ער פלוצים נאָך געהאַרטעוועטער און שטייפער, ווי ער איז, און די אויגן ציען זיך ביי אים צונויף אַביסל איראָניש, גלייך ער רויכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט מורא, דער רויך זאָל אים נישט אַריין אין די אויגן אַריין.

„טאַק" זאָגט ער שטילערהייט און האַלט זיך איין און מאַכט אַזאַ באַוועגונג, גלייך ער וויל זיך אויסציען, נאָר ס'איז נישט שיין ביים טיש, „טאַק" חזרט זיך איבער ערגעץ טיף אין אים, און זיינע צוזאַמענגעצויגענע אויגן קוקן נאָך אַלץ אַביסל איראָניש פון אונטערן שמייכל, וואָס לעבן די ברעמען.

ס'מאַכט זיך:

דער דאָקטאָר, דער אינזשעניער, דער קורדופּל דער כעמיקער און די איבעריקע פאַרזיצן זיך דאָ ביים טיש נאָכן עסן צוליב אָפּרו פון שווערער אַרבעט און פון גרויסן קעסל־טומל, וואָס דאָרטן אין פאַבריק; מע טרינקט רויטן וויין, פון דעם, וואָס מע שיקט אַהער צו צענדליקער פלעשער פון פאַבריק, מע רויכערט פּאַפּיראָסן, מע רייניקט זיך די ציין און מע באַרעדט יעדן מינדסטן סיכסוך, וואָס אין פאַבריק. אין פאַבריק איז, ווייזט אויס, נישט רויק; ס'וואַקסט דאָרטן אַ שטילע אומצופרידנקייט ערגעץ טיף אינם טומל. נאָר דער אינזשעניער געפינט, אַז ס'איז ווערט אַ שמעק טאַבאַק.

„די אַרבעטער אין היגן קאַנט, זאָגט ער, זענען געוועזענע פּויערים". און אַלע זענען מיט אים מסכים:

מ׳שטיינס געזאָגט:

„וואָס קאָן זיין גוט? דער קאָפּ זייערער איז דער צווייטער מעכאַניק אין די בלויע ברילן".

אַן אמתער פּרא־אָדם".

„אַחוץ אָרנטלעכקייט, פאַרמאָגט ער גאָרנישט אויף דער נשמה".

און דער אינזשעניער דערציילט, וויאַזוי ער האָט מיט אים נאָך זיין לעצטן אַרויסטריט געהאַט אַ שמועס:

„פאַן פאָמאָרסקי, האָט ער אים געזאָגט, ס׳שאַדט נישט צו באַקענען זיך מיט אַ קעגנער".

דער דאָקטאָר לאַכט:

„און מיט פּאָליטישער עקאָנאָמיע?"

„כע — כ — ע..."

„זיי וועלן, ווי אַלעמאָל, נישט אויספירן גאָרנישט".

„וועמען גייט עס אָן?"

זיי וועלן אונטערצינדן די פאַבריק, אָט וועט איר זען".

„זאָל זי ברענען".

און אַלע מאַכן זיי אַן איינדרוק פון זייטיקע, גלייכגילטיקע, געקומענע פון אַ פרעמדער וועלט; זיי וועלן זיך דאָ אַביסל פאַרהאַלטן, זיי וועלן אַלץ צוזען און וועלן פאַרשווינדן. דער אינזשעניער איז נאָך דערצו אַ קלוגעטשקער און אַ ליץ. ער איז נאָך גאָר אַ יונגער און אַ רייכער, ער איז אַ מיוחס ביי אַלע זיינע באַקאַנטע, אַ מיוחס אויף דער פאַבריק, ער פּראַקטיקירט דאָ דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, און מיטן ברוינעם גביריישן מיידל איז ער באַקאַנט, אַפּנים, נאָך פון דער גרויסער שטאָט, גאָר נאָענט באַקאַנט, ער גייט אָפּט צו איר אין הויז.

„מען דאַרף קעמפן" זאָגט ער אויסגעצויגן מיט אַ שטאַרקן טראָפּ אויפן לעצטן וואָרט.

ער קרימט נאָך דעם צווייטן מעכאַניק מיט די בלויע ברילן, און אַלע שמייכלען. נאָר אייזיקן זיצט זיך שוין נישט מער ביים טיש. נישט ער קאָן, נישט ער וויל דאָרטן ווייטער בלייבן. ער גייט אַרויס אין הויף אַריין און ווייסט נישט, צו וואָס ער זאָל זיך נעמען.

„וואָס, אַשטייגער, וואָלט ער איצט געקאָנט טאָן?"

ווען דעם פעטער יודלס פערד־און־וועגל זאָל איצט זיין

אינדערהיים, וואָלט ער איינגעשפּאַנט און וואָלט געפֿאָרן אַרויס דאָרף צו דער בערע, פֿאַרנעמען אַ טייל פֿונם געקויפֿטן היי. ס'וואָלט אים אויסגעקומען צוויי מאָל הין און צוריק דורכפֿאָרן פֿאַרביי דעם הויז מיט די צוויי געלע, געשניצטע גאַניקעס.

נאָר דאָס פֿערד־און־וועגל איז נישטאָ, די בהמות אויך נישט, אין דעם פּוסטן הויף באַקט די הייסע תּמוזדיקע זון. נאָך אַביסל, און ס'וועלן פֿון זיך אַליין, דאַכט זיך, אָנהויבן ברענען דער בוריאַן, דאָס אויסגעטריקנטע גראָז מיטן הויפֿן שפּענער, וואָס אין ווינקל, לעבן דער געשלאָסענער קאַמער.

## III

פֿאַרנאַכט זענען זיי איינמאָל געגאַנגען אַראָפּ אַ באַרג מיטן דאָרף, סימע, דעם פּעטער יודלס עלטערע טאָכטער, דער קלענער פֿריילעכער קורדופֿל דער כעמיקער, און ער, אייזיק. ביי סימען זענען די אויגן געווען רויטלעך און דאָס לענגלעכע פּנים אויסגעמאַטערט, באַדעקט מיט אַסך פּודער, און האָט געהאַט אַזאַ אויסזען, גלייך זי האָט פֿריער שעהן־לאַנג געוויינט. זי האָט געהאַלטן אין איין רעדן וועגן עפּעס מיטן קליינעם כעמיקער, אין איין דערציילן, און אייזיקן איז דער שמועס געווען אויף אַזוי פֿיל לאַנגווייליק, אַז ער האָט אומבאַמערקט אָנגעהויבן אָפּשטיין פֿון זיי אויף אַלץ מער און מער טריט. ער איז געבליבן שטיין אינמיטן דער לאַנגער גריבלדיקער בריק ביים אופּוסט, וואָס לעבן דער שטייענדיקער מיל, און האָט גענומען קוקן אַראָפּ צום וואַסער, וואָס גיסט און רינט און פֿליסט פֿון אונטערן שלעכט פֿאַרמאַכטן שליוז. פֿון אונטן האָט שטיל געפּלאָסן דאָס קליינע ריטשקעלע, וואָס האָט איןביידע זייטן צוויי הויכע גרובן מיט צוויי גערטנער, פֿאַרזייטע מיט קרויט. אַ פֿאַרשפּעטיקטע, אַליין געבליבענע קאַטשקע האָט דאָרטן שווימענדיק געטונקט דאָס קעפּל אין וואַסער און אַן אײנזאַמער טאָפּאָל אַ ריז איז דאָרטן איין־אַליין געשטאַנען אויפֿן קליינעם באַגרינטן האַלבן אינזל און האָט געבויגן נישט מער ווי דעם שפּיץ זיינעם אין יענער זייט, וווהין ס'בלאָזט דער ווינט, געבויגן קוים־קוים און שווער, ווי מיט גוואַלד. גלייך ער איז גרייט גיכער מיטאַמאָל

איינגאַנצן אומוואַלגערן אויף דער ערד, איידער קניען און בויגן זיך פּאַמעלעך. פּלוצים האָט אייזיק דערהערט, ווי סימע רופט אים אויפן קול:

„וואָס זשע שטייסטו? אייזיק!"

צי האָט עס נישט געהייסן, אַז זיי האָבן ווירקלעך עפּעס אויסצובאַהאַלטן פון אַ זייטיקן אויער?

זיי האָבן אים אָפּגעוואַרט, האָט ער זיך ווידער געמוזט לאָזן שפּאַנען אין איין שורה מיט זיי. איצט איז געווען קלאָר: מען גייט מיט אַ וויזיט אַהין, אינם הויז, וואָס מיט די צוויי גרעלע און נייע געשניצטע גאַניקעס. ביי אייזיקן האָט אַ קלאַפּ געטאָן דאָס האַרץ. אויף די טרעפּלעך פונם רעכטן גאַניק, וווּהין זיי זענען אַרויפגעגאַנגען, האָט ער דערזען אַ באַקאַנטן מאָטאָציקליעט, מיט אַ באַקאַנט היטל אויף דער באַנק, און אָקאָרשט אין עסצימער ביים טיש האָט ער דערזען דעם אינזשעניער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דער מאָטאָציקליעט מיטן הוט זענען דעם אינזשעניערס, פּלוצים דערפילט צו זיי אַ שנאה, צום מאָטאָציקליעט און צום היטל, און פּלוצים געקריגן חרטה:

„נאָך וואָס האָט ער זיך אַהער נאָכגעשלעפּט?"

ער איז דאָ געווען אַ זייטיקער, אַ פרעמדער. ער האָט זיך פאַרצויגן מיטן פּאַפּיראָס, וואָס ער האָט גענומען ביים פריילעכן קורדופּל דעם כעמיקער, זיך אַנידערגעזעצט ביי דער זייט אויף דער באַנק, וואָס לעבן פּענצטער, זיך דאָרטן ווידער אַמאָל פאַרצויגן ענערגיש און טיף מיט אַ שמייכעלע אונטער די ברעמען, און מיטאַמאָל ערגעץ טיף אין זיך באַשלאָסן, אַז אים איז פריילעך.

„ס'איז גוט".

„אייזיק, האָט אים סימע פונם טיש גערופן, ווו ביסטו?"

„כ'בין דאָ".

און אים איז באמת ווי געוואָרן פריילעך פון זיין קול, פון זיך אַליין, פון דעם, וואָס ער זיצט דאָ אין הויז אָפּגעזונדערט אָן אַ זייט און זעט צו אַלץ, וואָס אַרום אים קומט פאָר.

דאָס גאַנצע געשעעניש דאָ אין הויז איז באַשטאַנען דערין, וואָס היינט אינדערפרי האָט זיך פון אויסלאַנד מיט איר לעבער-פעלער אומגעקערט די באַלעבאָסטע, אַ דאַמע אין די מיטעלע יאָרן, אַן אומעטיקלעכע מיט אייגענע גלאַט צוגעקעמטע האָר, וואָס איבער זייער אומנאַטירלעך

רויטלעכער פאַרב זענען זיי אויס, ווי אַ פּאַרוק. זי איז געזעסן אויבנאָן מיט מידקייט אין לענגלעך אָפּגעברענטן פּנים און מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט, און אין די אויגן האָט זיך געוואָרפן דאָס, וואָס אַלע אַרום, אַחוץ איר, זענען אויפגעלייגט און פריילעך. זי האָט געהאַלטן אין איין קוקן אין פּראָפיל אויפן יונגן אינזשעניער, וואָס זיצט לינקס פון איר ביים טיש, זיך באַגעגנט מיט זיין בליק, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, זיי אויפגעהויבן און ווידער אויף אים געקוקט, גלייך ער איז שוין איינער פון אירע בני-בית. ער איז צוגעקומען צו איר הויז-געזינד פונקט פאַר דער צייט, וואָס זי איז נישט געווען אינדערהיים, און איצט איז זי געקומען און אים געטראָפן שוין אַן אייגענעם, אַ דער-וואַקסענעם און גרייטן; מען האָט איר געזאָגט:

„דו ווייסט? מאַמע"...

און זי האָט דערפאַר אויף אים אין איין קוקן.

דער יונגער אינזשעניער האָט זיך פריילעך געהויקערט און זיך געבויגן איבערן טיש צו סימען צו. עפּעס האָט ער געהאַט ביי איר צו מאָנען, פאַר אַ געוועט, אַפּנים. סימע האָט זיך געצויטיקט אין כעמיקער, ווי אין אַן עדות. נאָר דער כעמיקער האָט אַרויסגעטראָגן די קליינע לינע אויף די אַקסלען און האָט אָנגעשפּאַרט אין צווייטן עק חדר.

„אייזיק, האָט סימע געררופן, קום אַהער"

„כ'בין דאָ" האָט אייזיק געענטפערט.

אים איז געווען גוט דאָרטן לעבן פענצטער. ער האָט זיך נישט גערירט פונם אָרט, און סוף-כל-סוף איז געשען די פרייד. צו אים, אייזיקן, האָט זיך דאָרטן אויף דער באַנק צוגעזעצט דאָס גבירישע מיידל מיטן ברוינעם פּנים, וואָס ער באַגעגנט פאַרנאַכט נאָכן באָדן זיך, גייענדיק צוריק פון טייך. מען האָט זי אַ פּאָר מאָל געררופן צוריק צום טיש, נאָר זי איז דאָך געבליבן זיצן לעבן אים. נאָר דער כעמיקער מיט לינען האָבן זיךביידע נאַריש געמאַכט אויף אַזעלכע קולות, אַז מען האָט לחלוטין נישט געקאָנט הערן, וואָס זי זאָגט; אין וואָס איז באַשטאַנען איר פראַגע? זי האָט געוואָלט וויסן מיט וועלכע קרייזן האָט זיך אייזיק אָנגעקערט דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט; זי האָט דאָך עטלעכע יאָר דאָרטן אין שטאָט געוווינט; זי געדענקט אַלע פּנימער פון די, וואָס זי האָט באַגעגנט אַפילו אין גאַס.

אייזיק האָט געשמייכלט מיט די ברעמען און ערגעץ טיף אין זיך; ער האָט געמוזט מודה זיין:

„אויך ער האָט זי דאָרטן קיינמאָל נישט באַגעגנט... קיינמאָל"...

און אין האַרצן האָט ער בשעת מעשה געפילט די גרויסע ווייסלעכער, וואָס אַרום אירע גרויע אויגן.

„איר וועט נאָך לאַנג בלייבן דאָ אין דאָרף?"

זי איז, הייסט עס, צוגעגאַנגען אים זאָגן, אַז זי האָט אים נאָך קיינמאָל נישט באַגעגנט, און פרעגן, צי ער וועט נאָך לאַנג בלייבן דאָ אין דאָרף, און אים איז געוואָרן דערפון אַזוי פריילעך, גלייך זי האָט אים צוגעזאָגט גילדענע בערג. פון דאַנקבאַרקייט האָט ער איר געהאַלטן אין איין נאָכקוקן. ער האָט געזען, ווי זי וואַרפט אויף אים בליקן פון צווייטן האַלבן צימער, ווהין מען האָט זי אַוועקגערופן, זי האָט אים אין זינען די גאַנצע צייט און וועט נאָך צו אים צוגיין. נאָר אַהער צום הויז איז שוין געהאַט צוגעפאָרן דער פאָטער אירער, דער בעל־יועץ פון דער ראַפינאַד־פאַבריק. ער איז צוגעפאָרן מיטן נייעם פאַעטאָן און מיט די נייע פערד, וואָס מען האָט אים דאָרט אין פאַבריק נישט לאַנג פאַר איינע אַ זעלטענע עצה געשענקט. ער איז אַריינגעקומען שטיל, ווי שטיל ער קומט תמיד אַריין אין פאַבריק, ווו מען טוט נישט אָפּ קיין מינדסטע קליינקייט, ביז מען פרעגט זיך פריער ביי אים נישט אָן; ער האָט באַשיינט דעם אויבנאָן מיט זיין געקנייטשט לאַנגער רויטלעכער באָרד, מיט דער זיידענער פעסע, וואָס העכער דעם טיף וואַקלענדיקן שטערן, און מיטן שמייכל, וואָס לייטזעליקט אַלעמען, אַלעמען אַרום טיש, לייטזעליקט שטיל אָן לשון:

„מע פאַרברענגט, הייסט עס, פריילעך ביי מיר אין הויז... איך בין זייער צופרידן"...

און אַרום האָבן שוין געקלונגען טעלער און לעפל. מען האָט געגרייט אויפן לאַנגן צערוקטן טיש. מען האָט גערעדט אַלע אינאיינעם, ווי ערב אַ שמחה, און מע האָט נישט באַמערקט, ווען האָט מען אָנגעצונדן די לאָמפן און ווען איז אויסגעוואַקסן אויפן טיש דער שניי־ווייסער, עטוואָס געקראָכמאַליעטער טישטעך.

אין יענעם אָוונט האָט מע דאָרטן, אין גבירישן הויז, וואָס מיט די צוויי געלע גאַניקעס, געגעסן פיש מיט פרישן פיינקוכן, מע האָט געטרונקען ווײַן פון גלײַכע פלעשער, וואָס האָבן אויסגעליידיקטערהייט אויסגעזען העל־גרין און מאָדנע נײַ, און אַלץ איז געווען ענלעך אויף אַ שמחה, אויף אַ האַלב־אָפיציעלן קנסמאָל.

דער אינזשעניער מיטן לענגלעכן, נישט שיינעם פנים און מיטן שטאַרק דינעם האַלז איז געזעסן אויבנאָן, לעבן באַלעבאָס, ווי אַ חתן, און דער דאָקטאָר, וואָס איז אָנגעקומען שפּעטער ווי אַלע, און האָט זיך אָפּגעזאָגט פון עסן, האָט צופיל אַראָפּגעקוקט צו די פינגער, וואָס גלעטן דאָס נישט־דערטרונקענע גלאָז ווײַן, צופיל געשמייכלט און זיך צופיל געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל דאָ באַלד אויפן אָרט באַגריסן חתן־כלה, צי נײַן. ער איז אָנגעקומען שפּעט און האָט נישט געוווּסט, וואָס האָבן אין דעם זין געטאָן אָט די אַלע, וואָס עסן פריילעך אַרום טיש און רעדן פריילעך איינער מיטן צווייטן. אייזיק איז אויך געווען איינער פון די, וואָס עסן פריילעך און רעדן פריילעך. ווען די פלעשער, וואָס שטייען אַרום אים, האָבן אָנגעהויבן ליידיק ווערן, האָט ער זיך אויפן פשוטן שטייגער האַלב אויפגעהויבן און האָט פריילעך געבעטן ביים דאָקטאָר, ער זאָל צורוקן פולע. אים האָט באַנג געטאָן, אַלמאַי דאָ איז נישטאָ קיינער פון זײַנע חברים פון דער גרויסער שטאָט, מיט זיי וואָלט געווען פריילעכער. נאָר שפּעט אַרום צוויי אַזייגער בײַנאַכט, ווען מע האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט ער מיטאַמאָל ווי חרטה געקראָגן אויף דער גאַנצער פרייד. ער איז אָפּגעשטאַנען פונם עולם, געגאַנגען איין־אַליין מיט אַ נאָגנדיק געפיל און האָט נישט אויפגעהערט געדענקען, וויאַזוי זי, די ברוינע מיט די גרויסע ווייסלעכער אַרום די אויגן, האָט דאָרטן פריילעך אַרויסבאַגלייט אַלעמען פון הויז. פאַרוואָס איז בײַ אים אַ גאַנצן אָוונט געווען אַזאַ געפיל, גלײַך די שמחה דאָרטן אין הויז קומט פאָר נאָר צוליב אים, אייזיקן?

## VI

איינגעשלאָפן שפּעט, געהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט בײַ זיך אין זכרון דעם נעפלדיקן אָנדענק פון איר פנים, פון אירע אויגן און פון אַלע

באַוועגונגען פון איר געשטאַלט. און נאָכדעם אויפגעשטאַנען אין אַן אומגעוויינלעך גרויסן גאַנצפרי, דערזען אַ נייע פייכטע וועלט ביים פרישן גאָלד פון זונען-אויפגאַנג און גלייך גענומען שפּאַנען דעם פעטער יודלס פערד-און-וועגל, גענומען שפּאַנען מיט עקשנות פון אַ ניכטערן און מיט שפורן פון אַ נאַכט-געדאַנק:

„באַסי הייסט זי..., אַ פשוטער נאָמען, באַסי..."

פון שטוב אין אונטערשטן קליידל האָט זיך סימע שטיל אַרויס-געשאַרט, זיך אַרויסגעשאַרט פאַרשלאָפענערהייט נישט מער, ווי אויף אַ רגע, זי וועט אים אַרויסבאַגלייטן און וועט באַלד זיך לייגן נאָכאַמאָל שלאָפן, ס'איז נאָך פרי:

„צוערשט וועט ער פאָרן צו די קאַלכשטיינער, ער וועט נעמען דעם פעטער יודלען אַהיים. און צוריקוועגס זאָל ער נישט פאַרגעסן אַריינפאָרן אין דער ראַפינאַד-פאַבריק און פאַרנעמען די פינף זעק קוישלעך, וואָס מען האָט פון זייערטוועגן אין שטאָט איינגעקויפט".

„גוט, ער וועט נישט פאַרגעסן".

און גלייך אַוועקגעפאָרן פון הויף, אַ טרייב געטאָן דאָס פערד מיט עקשנות פון אַ ניכטערן און מיט שפורן פונם לעצטן נאַכט-געדאַנק.

באַסי הייסט זי..., אַ פשוטער נאָמען".

אַז ער האָט זיך אינאיינעם מיטן פעטער יודלען אומגעקערט, איז שוין געווען פאַרנאַכט, די זון האָט געלויכטן נידעריק, אין אַ זייט; אַ „קלוניע-דאַך" אין אַ שכנישן פויערשן הויף האָט געשטראַלט ווי גינגאָלד; איבערן גאַנצן דאָרף זענען געווען צעוואָרפן פיל אַזעלכע שטרויענע דעכער, און אַלע האָבן געשטראַלט. דאָס זענען געווען „אירע" דעכער, „איר" דאָרף. און סימע מיט רחלען אין אונטער-געקליבענע קליידלעך זענען ביידע געשטאַנען אין דער גרויסער קיך און געהאָלפן דער גוייִשער קיכנע קלעבן פון קעז און טייג די מילכיקע וועטשערע. ס'האָט פלוצים פאַרשמעקט מיט אַ קינדערש ווייטן לאַנג-אָנעדיקן און מידן טאָג, אַ תענית. ס'האָט זיך עפּעס אי יאָ געגלויבט, אי נישט געגלויבט, אַז ס'איז היינט תשעה-באָב, דאָ אין דאָרף תשעה-באַב...

יענער טאָג איז אַממייסטן געבליבן אין זכרון, ווייל אין עסצימער אַרום טיש זענען די בענקלעך געווען פונאַנדערגערוקט און אין

גלעזערנע שעלעכלעך זענען געלעגן האַלב־אָפּגעשיילטע נישט־דערעסענע פּרוכטן, און סימע האָט איבערגעגעבן, אַז זי, באַסי, איז דאָ געווען:

„זי איז דאָ געזעסן ביי אַ פּאָר שעה און מער, און האָט געוואַרט אויף אים, אייזיקן".

אַך יאָ, אָט די סימע, וואָס שטייט אין אונטערשטן קליידל און העלפט אַלץ קלעבן די מילכיקע וועטשערע, זי האָט דעמאָלט שיער פאַרגעסן אים דערציילן, אַז באַסי האָט געבעטן, ער זאָל אַריינקומען.

„אויב ער וועט נאָר דורכגיין דאָרטן, לעבן זייער הויז, זאָל ער אַריינקומען".

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געשוויגן און געפּילט אין שלאָף, אַז דאָרטן אין הויז איז פאַראַן זי, וואָס האָט געבעטן ער זאָל אַריינקומען, געפּילט, נאָר געדענקט דעם אינזשעניערס מאָטאָציקליעט מיטן היטל און נישט געענטפערט זיך אַליין אויף דער פראַגע:

„וועט ער אַהין אַריינגיין, צי ניין?"

און אויף מאָרגן פּלוצים אויפגעוואַכט גאַנצפרי און באַשלאָסן:

„ניין!"

ס'איז געווען גוט, וואָס סימע מיט רחלען זענען נאָך געשלאָפן, ער האָט קיינעם נישט באַדאַרפט זאָגן די סיבה, פאַרוואָס ער פאָרט אַוועק אינאיינעם מיטן פעטער יודל צוריק צו די קאַלכשטיינער

---

ביי אַ וואָך צייט איז ער אָפּגעוועזן לעבן פעלז, ווו מען שניידט דעם פעטער יודלס היי. געהאָלפן צונויפלייגן דאָס היי אין הויפנס און אַכטונג געגעבן ביים גראָבן די קאַרטאָפליעס. עטלעכע נעכט גענעכטיקט דאָרטן אונטערן פרייען הימל אויף דער בערע, געוואָרן שטאַרק אָפּגעבערענט, שטייף און האַרט פון זון און אַרבעט, געשלאָפן אונטער די הויפנס און געפּילט זייער ריח פון זיך אַליין, אַ גערוך פון פעלד אין הייסן זומער און פון פריש איינגעטרוקנט היי.

ס'האָט געריזלט אַ ריטשקעלע דאָרטן אין עק בערע, אַ ווייטס אַזאַ און אַ שמאָלס, געמורמלט אַלע אָוונט מיט וואַסער־קרישטאָל, און די לבנה קוקט אַריין דערין פון איבער פעלז, פון איבער נאַכט און שטערן, קוקט אַריין טיף און נישטערט אַזוי און זוכט. האָט אייזיק אויך אַריינגעקוקט אַהין אײנאײנעם מיט לבנה, געזעסן אַזוי ביים

ריטשקעלע מיט אַ צאַפּל אין האַרץ, מיט אַ שמייכעלע אַ באַגראָבנס טיף אין די ליפּן, אַ שמייכעלע וועגן ווייטן עק דאָרף און וועגן הויז דאָרטן מיטן מיידל; און וואָס ס׳וועט זיין מאָרגן איז נישט געווען זיין זאַך, ער האָט נישט געוואָלט קלערן.

נאָר אָט איז שוין דאָס היי שטאַרק טרוקן און איינגעפּרעסט אין די הויפנס, מען פירט עס אַראָפּ; די קאַרטאָפלעס זענען שוין אויך אויסגעגראָבן און ליגן אין די זעק, און פון ערגעץ אַ נאָענט דאָרף האָט מען געבראַכט צו טרייבן אַ סטאַדע אַהער אויף אָפּגעשניטענער בערע, מעלה־גרהט זי גאַנצע הייסע טעג דאָ ביים ריטשקעלע. שמוציק זענען געוואָרן די ברעגן מיט דער בערע. אייזיקס פּיס מיידן אויס אומעטום אומריינע ערטער, און אַלץ דערמאָנט דאָך אַזוי שטאַרק אָן די פינף „שטיקעלעך", וואָס דאָרטן אינדערהיים, אין הויף און אַלץ, ציט אַהין און ציט.

איז אָט:

איינמאָל פאַרנאַכט האָט ער זיך אַהין אומגעקערט און האָט ווידער דערזען די פיל צעוואָרפענע שטרויענע דעכער, בעת זיי שטראַלן ביי זון־פאַרגאַנג, ווי גינגאָלד, אירע דעכער, איר דאָרף. און אין געדאַנק איז געלעגן דאָס הויז דאָרטן אין ווייטן שטילן עק פון דאָרף. ער האָט גענומען מיט זיך אַ האַנטעך און זיך געלאָזט גיין צום טייך, וואָס מיט די געלע זאַמדיקע ברעגן. נאָר אויפן וועג האָט ער דאָס האַנטעך ערגעץ אַהינגעטאָן, עס פאַרלוירן, אַפּנים, און אַליין האָט ער פאַר־קערעוועט לינקס, ער איז אַריינגעקומען אין הויז מיט די געלע גאַניקעס און האָט באַלד ביי דער טיר ווידער־אַמאָל דערפילט דעם צאַפּל אין האַרץ. דאָס איז געווען דער זעלביקער צאַפּל, וואָס ביינאַכט ביים ריטשקעלע, נאָר אַ מער שטאַרקער און שנעלער; ער האָט זיך איבער־געחזרט איינמאָל און צוויימאָל, און דאָס שמייכעלע אויף די ליפּן האָט אַ רגע אַ ציטער געטאָן און זיך גענומען איינגראָבן אַלץ טיפער און טיפער.

אין ערשטן חדר איז געווען שטיל; ס׳איז דאָרטן קיינער נישט געווען. אין צווייטן חדר האָבן אין די אויגן אַ בלאָנדזשע געטאָן אַ פּאָר שוואַרצע אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן מיט אַ פּאָר פּאַסן גאָלדנשיין, וואָס זוימט זיי אַרום. אונטער די פּיס איז געווען ווייך, זיי האָבן געטראָטן

אויף אַ קאָבריץ, אַפּנים, צי אויף אַ געוואַנט אַ גרויסן, אַזאַ, וואָס שפּרייט זיך פון וואַנט צו וואַנט, און פון דער רעכטער זייט, פון דער שווערער קאַנאַפּע, וואָס אין ווינקל, האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף זי.

ווייטער איז שוין אַלץ געווען פאַרנעפּלט און נישט קלאָר, אַ ברוין פּנים מיט אַ ברוינעם האַלז האָבן אַ שווינדל געטאָן גאָר נאָענט פאַר די אויגן. הענט אַנטפּלעקטע ביז די עלנבויגנס האָבן זיך אין שטייפער געטריישאַפט פאַרפלאָכטן אַרום זיין האַלז, און פון וועמען האָט אַזוי שטאַרק געשמעקט מיטן הייסן זומער און מיט פריש צוגע־טריקנט היי — פון אירע הייסע ליפּן, צי פון זיינע?

---

אויף מאָרגן פאַר זון־זעצן־זיך איז ער ווידער געזעסן מיט איר דאָרטן אין צווייטן חדר און אַחוץ זיי ביידע איז קיינער נישט געווען. זי האָט אויף אים געוואַרט, געזוכט מיט ליידנשאַפטלעכע אויגן עפּעס וואָס ביי אים אין פּנים און האָט נישט געוווסט, וואָס מיט אים צו טאָן. אַלע רגע האָט זי אים איבערגעזעצט פון איר רעכטער האַנט צו איר לינקער און פון איר לינקער האַנט צוריק אויף רעכטס.

„דאָ זיץ, אייזיק".

און דאָס וואָרט „אייזיק" איז ווידער ביי איר אַרויס מיט מאָדנע חן. גלייך ס'האָט אָקאָרשט איצט מיטאַמאָל באַקומען פאַר איר דעם ריכ־טיקן זינען, ס'איז איר וואָרט און מער קיינעמס נישט; אַז זי זאָגט עס, שמייכלט זי, און ס'צעשפּרייט זיך אין איר דאָס האַרץ; זי באַקומט פלוצים אַ פולע ברוסט מיט האַרץ

„אייזיק!"...

נאָר פאַר אים איז דאָס נישט געווען קיין נייעס. איינמאָל פאַר־נאַכט איז ער דאָרטן לעבן אָפּגעשניטענעם היי צוגעקומען ביז צום ווייטלעכן פוסטן וועלדל, ער האָט זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט און זיך איינגעהערט. ס'איז געווען שטיל. ער האָט געפּרווט אַ געשריי טאָן אין וועלדל אַריין נישט גאָר הויד:

„באַסי!"...

און פון אַלע עקן וועלדל האָט די שטילקייט אָפּגעענטפערט מיט אַ מאָדנע פאַרטראַכטן ערנסט:

„באַסי!... באַסי!"...

און געווען איז אָט דער נאָמען אינגאַנצן ניי. לחלוטין נישט ענלעך אויף די נעמען, וואָס מענטשן האָבן ביז היינטיקן טאָג געהייסן.

פון דעמאָלט אָן האָט אינגאַנצן דאָס דאָרף נאָכאַמאָל באַקומען אַ נייעם אויסזען. אינמיטן הייסן העלן טאָג נאָכן באָדן זיך, האָט מען געקאָנט אַרויפקלעטערן אַרויף באַרג, וואָס שיט פון אונטער די פיס מיט ליימיק רויטע ברעקלעך און מיט גליענדער זאַמד, זיצן אַזוי מיטן נאַסן האַנטעך אין די הענט און קוקן, ווי דאָס דאָרף טונקט זיך אין זון. ס'איז גרויס און ברייט און אין ווייטן שטילן עק באַהאַלט עס אויס דאָס הויז מיט די צוויי גאַניקעס און מיט דער היכער שפּיגל-קייק אויפן דאַך. דער שפּיגל-קייק מינעט זיך און שיינט, גלאַנצט און שטראַלט ווי זון, און נישט ווייט פון אים איז דאָרטן פאַראַן זי... ס'רויכערט דאָרטן אַ קוימען, אַ פּאָר טויבן פליען פאַרביי, און פאַרנאַכט וועט גיין אַהין ער, אייזיק. ער וועט נישט טראַכטן וועגן גאָרנישט; ער וועט זיין פאַרנעפּלט פונם צאַפּל אין האַרץ און וועט גיין.

## V

דער אינזשעניער מיטן לאַנגן נישט שיינעם געזיכט און מיטן שטאַרק דינעם האַלז האָט נישט אויפגעהערט פאָרן אַהין אין הויז. אַלע בייטאָג פאַרמיטאָג האָט זיין צווייערדערדיקער מאָטאָציקליעט דורכגע-שניטן די לענג פון דאָרף און מיט קנאַק און הילכיק שיסעריי געיאָגט אַראָפּ, אַראָפּ צו די צוויי געלע גאַניקעס, וואָס זענען פאַרגאָסן מיט זון.

אַז ער איז פון דאָרטן געקומען צוריק אַהער, צום פעטער יודל אין הויז צו דער באַשטימטער שעה עסן, איז ער. געווען אויפגעלייגט און פריילעך און זיך אָפּט געפּרוּווט ראַנגלען מיטן קליינעם קורדופּל דעם כעמיקער. הייסט עס, אַז צווישן אים און באַסין איז גאָרנישט נישט געשען, ער איז ווי פריער געווען איר חתן.

אייזיק האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן אויף די פּאָר שעה, ווען דער אינזשעניער האָט זיך געפונען דאָ ביים פעטער יודל אין הויז ביים מיטאָג. ער האָט איין-אַליין אַרומגעבלאָנקעט אין גאָרטן אין די ווייטסטע שטילע ווינקלען, געזעסן דאָרטן אויף אַ נידעריקן שטיין, געגריבלט מיט אַ שפּענדל אין זאַמד און נישט געוואָלט טראַכטן וועגן אינזשעניער, נישט געוואָלט טראַכטן וועגן זיך, אייזיקן, וועגן דעם, וואָס איצט

אינם דאָזיקן מאָמענט, בעת ער זיצט אַזוי און גריבלט מיטן שפּענדל אין זאַמד, איז ער ייִנגלש און נאַריש, און זײַנע חברים דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט, וואָלטן איצט פון אים געלאַכט. אין אַזאַ מין צושטאַנד האָט ער זיך געקאָנט געפינען אַ שעה און צוויי, אַ גאַנצן בייטאָג. און נאָכדעם איז שוין געווען פאַרנאַכט. ער איז געזעסן איין־אַליין צווישן די אָפּגעגילדטע שפּיצן, וואָס אין אָנהייב יונגן וועלדל אַרויס דאָרף און האָט אויף איר געוואַרט. ביי אים האָט דאָס האַרץ געצויגן, נאָר זי איז אַהין געקומען זעלטן, דעמאָלט האָט ער זיך ליידיק־גייעריש און פויל אומגעקערט אַהיים, ליידיק־גייעריש און פויל אַרייַנגעקומען אין שטוב, און געדאַכט האָט זיך אים, אַז אַלע ווייסן, וואָס מיט אים האָט געטראָפן, ביי אַלעמען אין די אויגן איז ער געוואָרן וואָלוול...

דערצו איז נאָך גראָד צו יענער צייט איינמאָל בייַנאַכט שטיל און אומגעריכט אַראָפּגעקומען רחלס מאַן, מוראַנאָוו דער אַרטיסט. אַראָפּ־געקומען איז ער, ווי געוויינלעך, מיט די פיל בריליאַנטענע פינגערלעך אויף די הענט, מיט די בריליאַנטן־פינגערלעך, וואָס ער האַלט תמיד אויס צוליב אַ שלעכטן טאָג, צוליב אַ צייט, ווען מען וועט זיי מוזן פאַרזעצן.

ער איז, ווי געוויינלעך נאָך אַ שלעכטן סעזאָן, אָפּגעשלאָפן צעכראַסטעט אַקעגן אַ פּאָר מעת־לעת ביי רחלען אינם געמיטלעכן ציכטיק צוגעפּוצטן צימער, און רחל איז אין יענע טעג אַרומגעגאַנגען אין די שטעק־שיך, מיט אַ בלאַסן און רויקן געזיכט און אַ צופרידנקייט אין קול און אין יעדער תנועה, וואָס זי מאַכט אין שטוב צוליב באַלעבאַטישקייט. דער פעטער יודל איז, ווי תמיד, געווען ביי די קאַלכשטיינער, און אין הויז האָט גאַנצע טעג געהערשט אַ מאָדנע שטילקייט פון אויס חתונה און געהערט האָט זיך שטענדיק, ווי אין סימעס חדר קלאַפּט אָן אויפהער דער שטייענדיקער וועקזייגער.

מוראַנאָוון האָט מען נאָכדעם אַוועקגעשטעלט אַ קליין פּאַרשפּרייט טישל אויף דער וועראַנדע נישט ווייט פונם גרויסן טיש, ווו מען עסט. מען האָט געקאָכט פון זײַנעטוועגן באַזונדער שוואַרצע קאַווע, געבאַקן פון זײַנעטוועגן באַזונדער די אַלע געבעקסן, וואָס ער האָט ליב. און געזעסן איז ער גאַנצע שעהן, צעכראַסטעט ביי אָט דעם טישל, און געטרונקען די קאַווע פּאַמעלעך, פאַרטראַכט, ווי מיט חשבון, געררויכערט גראָבע ציגאַרן, געהוסט הילכיק, ווי אַ באַלעבאָס, און גערוט.

ער האָט געהאַט אַ קורצע נאָז, אַ פאַרשאַרפטע און פאַרשפּיצטע צום עק, און אַליין איז ער געווען אַ וווקסיקער, פליישיקער, אַ פוילער, געקוקט באַוויליקנדיק מיט די שטאַרק אָפענע בוימלדיקע אויגן און ליב געהאַט צו פאַרדרייען אַ שטיקעלע וואַטע אַרום אַ שוועבעלע און לאַנג דרעליעווען מיט דעם אין איינעם פון זיינע אומגעווייניכלעך קליינע אויערן. פון גרויס גלייכגילטיקייט צום גאַנצן קליינעם לעבן, וואָס אַרום אים, האָט ער שוין אַפילו נישט געגאָלט די שוואַרצע שיטערע סטערניס, וואָס שפּראָצן אים אומעטום פון די באַקן און פון דער אויבערשטער ליפּ אונטער דער קורצער פאַרשפּיצטער נאָז.

נאָר איינמאָל בייטאָג איז אַהער צום פעטער יודל אין הויז פּלוצים געקומען צו לויפן באַסי. געקומען איז זי מאָדנע פריילעך, אין אַ העל-גרין זיידן קלייד, וואָס זי האָט געמאַכט ברייט אין די זייטן, נידעריקער פון דער טאַליע, און יונג, יונג ווי פון אַ יאָר אַכצן. זי האָט זיך געאיילט. זי איז געשווינט דורך דורך דער וועראַנדע אַזוי, אַז מ׳האָט זי אַפילו נישט באַוויזן צו באַקאָנען מיט מוראַנאָוון, וואָס זיצט דאָרטןביים טישל, און איז גלייך אַוועק אין גאָרטן אַריין, ווו זי האָט באַדאַרפט געפינען אייזיקן.

מוראַנאָוו האָט זי באַגלייט מיט די צעעפנטע בוימלדיקע אויגן, וואָס באַוויליקן. ער האָט נישט אויפגעהערט צו קוקן, ווי איר העל-גרין קלייד שווינדלט אין גאָרטן צווישן די בוימער. ער האָט מיטאַמאָל ווי פאַרלוירן די רויקייט און האָט אויפגעהערט צו זיצן ביים טישל. און נאָכדעם האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געהערט, ווי ער בלאָנקעט אַרום אין גאָרטן און אונטער דער שטוב, און פון אומעטום, ווו ער האָט זיך געפונען, האָט זיך אַהער אויף דער וואַרענדע געהערט, ווי ער פּרוּווט מיט גדלות זיין געדיכטע אַרטיסטן-שטימע:

„מיאַ, מיאַ—טני—וי—וי !"

אין יענעם פאַרנאַכט האָט זיך מוראַנאָוו דער אַרטיסט אַרומ-געגאָלט, אַרומגעוואַשן, אָנגעטאָן אַ פּאָר גרינע הויזן מיט אַ שוואַרץ רעקל, אַ געשפּיליעטס אינדערהייך ביזן פּנים, און האָט פאַרגעלייגט אייזיקן מאַכן אַ שפּאַציר איבערן דאָרף... אייזיק האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, ער האָט געטראָגן אַ האַרטן הוט אויפן קאָפּ, געהאַלטן אַ קליין יאַמשאָווע שטעקעלע אין האַנט; ער האָט אויסגעזען ווי אַן

אַנטרעפּרעניאָר פון אַ קלײנשטעטלדיקן צירק. נאָר אָפּזאָגן אים האָט מען דאָך נישט געקאָנט, מען האָט געמוזט באַגראָבן טיף, טיף דאָס שמייכעלע, וואָס צווישן די ליפּן און אונטער די ברעמען לעבן די אויגן, און אַרומשפּאַצירן מיט אים איבערן דאָרף.

## VI

די באַהאַלטענע אומצופרידנקייט, וואָס אויף דער ראַפּינאַד-פאַבריק, האָט זיך געשטאַרקט. זי האָט זיך פאַרקליבן אַלץ טיפער און טיפער אינם טומל, אינם רויך און אינם דאַמף, זי האָט לאַנג געשלונגען איר עקשנותדיקן סוד, נאָר דער צווייטער מעכאַניק אין די בלויע ברילן האָט די גאַנצע צייט געאַרבעט אין דער שטיל, און דער סוד איז סוף-כל-סוף אַרויסגעשווומען און האָט זיך אַנטפּלעקט. דאָס איז געשען אין אַ הייסן זוניקן פרימאָרגן, וואָס נאָך איינעם אַ חגא-טאָג, אַ זונטאָג.

די בני-בית, וואָס ביים פּעטער יודלען אין הויז, זענען דעמאָלט אַלע פון גאַנצפרי געשטאַנען אינדרויסן אויף דער זון; מען האָט איינציקווייז געקלעטערט אויפן לייטער און אויפן דאַך, מען האָט זיך פאַרשטעלט מיט אַ פלאַכער האַנט פון זון און מען האָט זיך איינגעקוקט אין די שפּיצן פון דער פאַבריקס דריי ריזנקוימענס, וואָס שטעקן אַרויס אויסערן דאָרף פון הינטערן באַרג. די קוימענס האָבן דאָרטן מער מיט שוואַרצן רויך נישט געשפּיגן, זיי זענען געווען טויט.

שטייענדיק אַזוי אויפן דאַך און איינקוקנדיק זיך, האָט מען פּלוצים דערהערט, ווי דעם אינזשעניערס צווייערדערדיקער מאָטאָציקליעט שניידט דורך מיט רעש די שלעפעריקע שטילקייט פון דאָרף און יאָגט אַוועק לינקס, צום הויז מיט די געלע גאַניקעס אַפּנים. נאָר אין אַ פּאָר שעה אַרום, ווען מ'איז אַהין צוגעגאַנגען, האָט מען דאָס הויז שוין געטראָפן אַ פּוסטס, אַ געשלאָסנס, אַלע זיינע ווינער זענען ערגעץ אַוועק. און אויך פון דער פאַבריק איז דורך אַ קליין שיקסעלע אָנגעקומען אַהער צום פּעטער יודלען אין הויז אַ צעטעלע, ווו דער כעמיקער האָט געשריבן, אַז אַלע זייעריקע פּאָרן אַוועק; אויף עטלעכע טעג פאָרן זיי פון פאַבריק אַוועק. ער האָט פריילעך געלאָזט אַלעמען פריינטלעך גריסן.

דעמאָלט האָט דאָס גאַנצע דאָרף ביי דער געוויינלעכער שיין פֿון זון אָנגעהויבן אויסצוזען אַזוי מאָדנע, גלייך צו אָוונט־צייט מוז אין דעם עפּעס אומגעוויינטלעכס געשען, לקוי־חמה, אַשטייגער, צי עפּעס אַנדערש, און איבער די לאַנגע און שטילע גאַסן האָבן, ווי אין אַ גרויסן חגא־טאָג, אַ יום־טוב, פֿאָרלעכווייז און איינציקווייז אָנגעהויבן אַרומשליאַען זיך די פֿיל אַרבעטער פֿון פֿאַבריק. זיי זענען אַלע געווען אָנגעטאָן זונטיקדיק; זיי האָבן געריסן אין די פֿויערשע סעדער די פֿרוכטן און זיך געוויצלט מיט די שיקסעס, וואָס ווילן דאָס נישט ליידן. זיי זענען מחנותווייז געשטאַנען אינמיטן דאָרף אויפֿן פּלאַץ, וואָס צווישן די איינציקע צוויי תּמיד געפּאַקטע דאָרפֿס־קלייטלעך, געקאָנט יעדערן און געחוזקט פֿון זיך, פֿון זייערע ווייבער און פֿון דער פּאַרטיע פֿורן, וואָס האָבן געבראַכט אין פֿאַבריק האָלץ און נישט געהאַט ביי וועמען צו מאָנען שכר־עגלה.

אויף מאָרגן איז פֿאָרגעקומען פּונקט דאָס זעלבע. די אַרבעטער האָבן זיך ווידער געשליאַעט אויף די שמאָלע גאַסן, דאָס דאָרף האָט אויסגעזען, ווי אום יום־טוב, און דאָס אומגעוויינטלעכע איז נאָך אַלץ נישט געשען.

אייזיק האָט זיך אין יענע טעג געפֿילט מאָדנע; גלייך אַלע עלטערע, וואָס האָבן אויף אים אַ דעה, זענען פֿון דאָרף אַוועקגעפֿאָרן, און ער, דער ייִנגסטער, איז דאָ איצט געבליבן איינער אַליין. היינט איז ער אַ פֿרייער; ער קאָן טאָן, וואָס ער וויל. ער האָט גענומען דאָס האַנטעך און איז אַוועקגעגאַנגען צום טייך, וואָס מיט די געלע זאַמדיקע ברעגן. נאָר אויפֿן אָרט פֿון צו באָדן זיך האָט ער אַרויפֿגעקלעטערט אויפֿן באַרג, וואָס שיט פֿון אונטער די פֿיס מיט שטיינער־ברעקלעך און מיט הייסער זאַמד. ער איז דאָרטן אַ היפּשע צייט געזעסן און האָט געקוקט אויף די צוויי שפּיגל־קייקן, וואָס שטראַלן ווייט־ווייט אויף די געלע גאַניקעס, מינען זיך און גלאַנצן און קיינער חוץ אים, אייזיקן, ווייסט נישט, אַז אָט דער גלאַנץ באַטייט:

„באַסי... !"

ווּ איז זי איצט געווען? זי איז אַוועק אינאיינעם מיטן פֿאָטער, מיט דער מוטער, מיטן אינזשעניער, מיטן כעמיקער און מיט דער קליינער לינען; זי האָט נישט געפֿילט, אַז דווקא ווען זיי אַלע זענען נישטאָ, איז כּדאַי געווען צו בלייבן דאָ. און אָט, למשל, ווען ס'ווייזט זיך

אַרויס, אַז זי איז ווירקלעך געבליבן דאָ, ווען ער קומט איצט אַשטייגער צו אַהין, קלינגט אָן ביים רעכטן געלן גאַניק, און זי עפנט אים די טיר...

אין עטלעכע טעג אַרום זענען אַהער פון דער גרויסער און ווייטער שטאָט אַראָפּגעקומען צוויי פון דער פאַרוואַלטונג און מיט זיי אינאיינעם דער פאַבריק-אינספּעקטאָר, דער סטאַנאָוואָי, און נאָך איינע, אַ געעלטערטע און וויכטיקע פּערזאָן, וואָס האָט געזאָגט אַלעמען „דו" און האָט זיך געפירט שטרענג ווי אַ גענעראַל.

די אַרבעטער האָט מען צונויפגערופן אויף דער פאַבריק און פאַר זיי געהאַלטן רעדעס. מען האָט זיי צוגעזאָגט, מען האָט אויף זיי געשריגן און זיי פאָרגעלייגט זיך שטעלן צו דער אַרבעט. די אַרבעטער זענען געקומען שווייגנדיק, אויסגעהערט שווייגנדיק און שווייגדיק זיך פונאַנדערגעגאַנגען. די פאַבריק איז אַזוי אָפּגעשטאַנען ביי צען טאָג פּוסט. נאָר סוף-כל-סוף האָט זיך דאָס אַלץ געענדיקט מיט גאָרנישט. אין איינעם אַ פרימאָרגן איז מען ביים פּעטער יודלען ווידער-אַמאָל געקראָכן אויפן דאַך אַ קוק טאָן, ווי די שפּיצן פון די פאַבריק-קוימענס לאָזן שוין ווידער-אַמאָל שוואַרצע וואָלקנס; אַ פּאָר דאָרף-שקצים האָט מען אַרעסטירט דערפאַר, וואָס זיי האָבן געסטראַשעט אונטערצינדן, און דעם צווייטן מעכאַניק אין די בלויע ברילן האָט מען אָפּגעזאָגט פון זיין שטעלע. ער האָט זיך אַרומגעדרייט, ווי אַ פּוסט-און-פּאַסניק איבערן דאָרף, אָט דער יונגער באַלעזענער גוי מיט די קליינע, שלעכט וואַקסנדיקע וואָנצעלעך און ברייטן בעל-מלאָכהשן פּנים, וואָס זעט אויס אומעטיק, ווי דאָס פּנים פון אַ כינעזער. ער האָט געהאַלטן אין איין פאַרטראַכט קוקן דורך די בלויע ברילן ערגעץ-וווהין צום באַרג, וואָס אַרויס דאָרף. ער האָט געקוקט אומעטיקערהייט אויף רעכטס און אויף לינקס, און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס האַלט ער אין איין פאָרשן דעם ווייטלעכן האָריזאָנט, אין איין זוכן אַן אָרט, וווהין ער וואָלט געקאָנט אַהינטאָן זיין געביין.

## VII

געקומען זענען צוריק אַלע פון פאַבריק, אַחוצן אינזשעניער און אַחוץ אַלע, וואָס וווינען אינם נייעם הויז מיט די געלע געשניצטע גאַניקעס. דער דאָקטאָר מיטן קורדופּל דעם כעמיקער האָבן דאָ, ווי פריער, אַלע טאָג פריילעך געגעסן מיטאָג. מען האָט דאָ, ווי פריער, מיט

פאַרגעניגן אָפּגעערט פון גרויסן קעסל־טומל, וואָס דאָרטן אין פאַבריק איז, גלייכגילטיק געשמועסט וועגן דעם, וואָס די אַרבעטער אין היגן קאַנט זענען געווזענע פויערים.

„אָן קעפּ".

„סקאַט".

מען האָט זיך דאָ נאָך איינעם אַ מיטאָג אַלע אינאיינעם צוזאַמען מיט סימען און מיט רחלען געבראַכן די קעפּ און צוגעקלערט דעם נוסח פון די טעלעגראַמעס, וואָס מען וועט באַלד אַוועקשיקן דעם אינזשעניער און באַסין צום טאָג פון זייער חופּה, ערגעץ דאָרטן אין דער גרויסער שטאָט. און נאָכדעם זענען שוין אַהער טעלעגראַמעס אָפּט אָנגעקומען פון זיי ביידע, פון באַסין און פונם אינזשעניער, טעלעגראַמעס פון דער לוסט־רייזע, וואָס זיי מאַכן ערגעץ דורך וואַרשע, דורך ווין און דורך בערלין. מען האָט זיי געלייענט דאָ ביים מיטאָג אָט די טעלעגראַמעס זייערע; מען האָט קריטיקירט זייער מאַרשרוט און מען האָט זיך תמיד אינטערעסירט צו טרעפן:

„ווו געפינען זיי זיך, צום ביישפּיל, איצט?"

אייזיק האָט נישט געוואָלט הערן דעם ענטפער און האָט זיך אומבאַמערקט אַרויסגעשאַרט אינדרויסן, אין הויף אַריין און אין גאָרטן. ער האָט דאָרטן אַרומגעשפּאַנט איינער אַליין אינם ווייסן סטודענטישן העמדל. ער האָט געטראָטן אויף געלע בלעטער און אויף די שטיקלעך צווייגן, וואָס ברעכן זיך אונטער די פיס. און נישט ווייט אויף דער וועראַנדע איז איין־אַליין געזעסן צעכראַסטעט ביי זיין טישל מוראַנאָוו דער אַרטיסט, געררויכערט ציגאַרן, געלייגט פּאַסיאַנסן און אַלעמאָל געפּרווווט מיט כוח זיין פעסטע און גערדיכטע אַרטיסטישע שטימע:

„מיאָ, מיאָ—טנו—ו—ו".

גלייך זי, באַסי, איז נאָך דאָ און וועט דערהערן, אָט וועט אַ שווינדל טאָן איר העל־גרין זיידן קלייד צווישן די שטאַמען פון די בוימער, אַ שווינדל טאָן און פאַרשווינדן.

נאָר אָט איז געקומען דער סוף פון אלול. אַהין אין הויז מיט די געלע גאַניקעס האָבן זיך אומגעקערט פאָטער און מוטער, געדאַכט האָט זיך אָבער עפּעס, אַז זיי שלאָפן דאָרטן אָפּ גאַנצע טעג, זיי שלאָפן זיך אויס פון נאָך דער התונה. און דאָ ביים פעטער יודלען אין שטוב האָט מען

אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ מנין אויף ימים־נוראים, מען האָט געציילט די מענטשן:

„מוראַנאָוו, איז ניין".

„אייזיק, איז צען".

אייזיק האָט נישט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, כאָטש דער מנין האָט באַדאַרפט פאָרקומען דאָרטן אינם הויז מיט די געלע גאַניקעס, ער האָט זיך געפוילט זאָגן, אַז ער פאָרט מאָרגן אַוועק.

אין יענעם טאָג האָט ער צום לעצטן מאָל אַרויפגעקלעטערט אויפן באַרג, וואָס שיט מיט הייסע פריסיק־שטיינדלעך און מיט זאַמד, און איז דאָרטן לאַנג געזעסן אונטער דער גליענדיקער זון מיטן פּנים צום ווייטן און שטילן עק פון דאָרף. צוויי גרויסע שפּיגל־קייקן האָבן אַרויסגעקוקט פון צווישן גרינע בוימער־שפּיצן און פון צווישן דעכער געמינעט און געגלאַנצט; אַ פּאָר טויבן זענען געפלויגן פאַרביי; אַ רויכל, אַ קוים אָנגעזעענס האָט זיך דאָרטן רויק געציקעט פון איינעם אַ קוימען, און זומער־טאָג האָט געשיינט, זון האָט זיך געגאָסן אין די גלעזערנע קייקן אַריין, זיך געגאָסן, געשיינט און ווידער געגאָסן, און אויפן האַרצן איז דאָך געווען גרינג.

מאָרגן וועט ער, אייזיק, שוין דאָ נישט זיין. פאַרטאָג וועט זיך מיט אים אויפן נאָענטן וואָקזאַל געזעגענען דער שמייכלענדיקער פעטער יודל און וועט אויף אים צום לעצטן מאָל אַ בלאָז טאָן מיטן ריח פון פּאַלמירע־זייף, מיט „גאָט צו דאַנקען" און „מיט ווויל, זייער ווויל".
אַ וואָכנדיקן וועט אים דער צוג אַוועקטראָגן צוריק אין דער גרויסער שטאָט, צוריק צו זיינע חברים, וואָס זענען אַזעלכע שטייפע, שווייגנדיקע און פּרא־אָדמדיקע, ווי ער, שרייבן קיינמאָל קיינעם קיין בריוו נישט און זאָגן קיינמאָל נישט איינער דעם צווייטן, אַז זיי האָבן זיך ליב. נאָר אַמאָל וועט דאָך דאָרטן אַרויפשווימען דער איצטיקער צאַפּל אין האַרץ, און פאַרגראָבן וועט זיך טיפער דאָס ציטעריקע שמייכעלע אין די ליפּן, עס וועט זיך געדענקען אַ טאָג אַ זומערדיקער, אַ באַרג, וואָס שיט מיט פריסיק־שטיינדלעך און מיט זאַמד, אַ פּאָר שפּיגל־קייקן, וואָס שטראַלן איבערן דאָרף מיט זילבערשיין און מיט זון, און אַ מיידל אין אַ העל־גרין זיידן קלייד וועט אויף אַ רגע אַ שווינדל טאָן צווישן שטאַמען פון בוימער, אַ שווינדל טאָן און פאַרשווינדן.

# די משומדת

ס׳טראָגן זיך קלאַנגען, אַז אַהער אין געגנט האָט זיך אומגעקערט משה-לייב יאַנאַשאָווס טאָכטער די משומדת מיטן מאַן אירן דעם מיראָוואָי. פון נאָך פסח אָן טראָגן זיך אָט די קלאַנגען.

אַן אָרעמער ייד גייט צופוס פון איין דאָרף אין צווייטן. ער איז פאַרטראַכט, ווי זיין נאָכפּסחדיקער קבצנישער טאָג:

„ער ווייסט נישט, צי מיט זיין צופוס גיין וועט ער עפּעס פאַרדינען״.

און אויפן וועג, וואָס באַארבעטע פעלדער באַהאַלטן אים אין זייערע גרינע טיפן, רוקט זיך אים אַקעגן אַ פור מעבל, הויך ווי אַ שטוב. טישן און בענקלעך סטאַרטשען מיט זייערע פיס צום ניי-זומערדיקן הויך בלויען הימל און שאָקלען זיך אַזוי פאַמעלעך, גלייך זיי וואָלטן דערציילן:

„פון ווייט פירט מען זיי, און אַהין צום מיראָוואָי... אַלץ צום מיראָוואָי״.

און אָט זענען שוין דאָ זיי אַליין, די משומדת מיטן מאַן אירן, דעם מיראָוואָי.

שוין אפשר מער ווי צוויי וואָכן זינט זיי האָבן זיך באַזעצט אינם קליינעם פריצישן הויף, וואָס אין נאָענטן קאַזיאָנעם דאָרף. זיי האָבן לעבן קיך-טיר אָפּגעלאָזט פיל גלחישע אינדיקעס, אַסך הינער מיט גענז, קערן זיך מיט קיינעם נישט אָן און רופן אַרויס צו זיך דרך-ארץ.

איצט בליען שוין אַרום זיי די צעוואַקסענע סעדער פון דאָרף. בוימער, ווי ווייסע כּלות, שטייען דאָרטן פאַרטראַכט, סתּם אומעטיק, די לופט פאַרמאָגט נישט אַ גאַנצן טאָג קיין מינדסט ווינטל, וואָס זאָל אַ ריר טאָן מיט זייערע צווייגן, און אַ יידישער סוחר פאָרט נאָענט צו בין-השמשות דאָס דאָרף אויף זיין אייגענער בריטשקע אַדורך. זיין

פורמאַן זיצט צו אים מיט די פּלייצעס און טרייבט אָן. ער אַליין דרייט דעם קאָפּ צום מיראָוואָיס פאַרפּוצטן הויף און זעט די משומדת מיט איר לענגלעך שיינעם, עטוואָס אויסגעמאַטערטן פּנים, וואָס זעט אויס פאַרעקשנט און מאָגט נאָך עפּעס אַלץ ביי דער גאַנצער געגנט. אין לייכט־ווייסע זומערדיקע בגדים שטייט זי דאָרטן צווישן רומל עופות. זי פרעגט עפּעס ביים פורמאַן, וואָס קומט אָן רייטנדיק אויף אַ פערד, זי שפּאַנט אַוועק צום ווייט אָפּגעצוימטן האַלבן הויף, וואָס איז פול מיט בריקעדיק קעלבל, מיט בריהשן קיכנע־געשריי און מיט גערוך פון מעלקעדיקער קו, און אַרום איז שטיל. פון ווייטן עק דאָרף קומען די געציילטע קלאַנגען פונם קלויסטער־גלאָק, דעם באַס. זיי טרייבן דעם ייד. זיי רופן אַ פאַרשפּעטיקטע גויִשע פור, וואָס ערגעץ אין אַ ווייט־לעכן גרינעם טאָל, און דערציילן אָן אויפהער:

„ער פאַרגייט, ער פאַרגייט, דער פרעמדער שטילער גויִשער יום־טוב".

---

דער יונגער מיראָוואָי, זאָגט מען, איז צו אַלעמען אַזוי ווייך און גוט.

ער מאַכט תמיד פשרות צווישן צעקריגטע גויִם און זאָגט לייטישן מוסר פאַר שיכּרות. באַענט צו זון־זעצן, אַז ער שפּאַצירט איבערן דאָרף, טיילט ער קאָנפעקטן און לאַכט, וואָס שקצימלעך אין ברודיקע העמדלעך זיצן מיט די נאַקעטע געזעסלעך אויפן מיטן וועג און מעסטן מיט די פויסטלעך דעם שטויב.

„סוסליקי!" שרייט ער צו זיי.

די שקצימלעך פאַרשטעלן מיט די אַרבל די שעמעוודיקע געזיכטן. דאָך לויפן זיי אים נאָך ביזן ווייטן ברעג טייך. זיי בלייבן דאָרטן שטיין און קוקן, ווי, אַנטלויפנדיק פון זיי, זעצט ער זיך אַריין אין זיין ניי, ווייס אויסגעפּאַרבטן שיפל און לאָזט זיך בריהש אַוועק צום טייכס פאַרוואַקסענעם האַלז:

„סוסליקי!"

פון אונטער זיינע רודערס רינען פייערדיק גאָלדיקע פעדים. ס'ווערן צעפּיצלט פיל פאַרגייענדיקע זונען און זינקען שטיקערווייז אין טיפקייט פון טייך. אַזוי דערגרייכט ער ביז די גויִם, וואָס טעסען קלעצער צוליב

דעם אַלטן צעוואָרפּענעם בריק. דאָרטן שמעקט מיט פרישע דעמבּענע שפּענער, מיט נאַס געווירצל און מיט שטילן זומערדיקן פאַרנאַכט. אַ פראָש וועט באַלד אַרויסשטעקן זיין קעפּל און וועט נעמען קוואַקען אַקעגן דער בלאַסער לבנה; אַ בושל וועט שטיין אויף איין פיסל און וועט אויסקלאַפּן אַ ביינערדיקע מעשה דעם קומענדיקן פאַרנאַכט; און ער וועט נאָך לאַנג לעבן די גויִים זיצן און וועט שמועסן מכּוח דער נאָענטער פאַרוואַקסענער ליוואַדאַ. נאָך זיין מיינונג וועט מען סוף־כּל־סוף אָפּציען אַהין דאָס פליסנדיקע טייך־וואַסער און מאַכן די שליוזן שטאַרקער און טיפער.

---

די משומדת מיטן ערנסטן לענגלעכן פּנים איז נאָכמער ווי מיידלווייז ווייט אָפּגעשיידט פון מענטשן און פאָרט קיינמאָל נישט אַרויס פון דאָרף.

זי האָט ליב דעם מאַן אירן. מעגלעך, אַז צוליב אים טוט זי זיך אָפּט אָן אין אָט דעם ווייסן געשטיקטן קלייד, וואָס לאָזט פריי איר פולן, קלאָרן האַלז און מאַכט זי ברייטער אין טאַליע און אין ברוסט. פאַרנאַכט, אַז ער גייט אַוועק אין דאָרף, שפּאַנט זי איינע אַליין אין דרויסן לעבן פאַרקן פון איר הויז און האָט די גאַנצע צייט אַזאַ געדולדיק אויסזען, גלייך זי קלערט אָן אַן אויפהער וועגן דעם, וואָס ער האָט דאָס רעכט אויף לאַנג אַוועקצוגיין...

זי קאָן אים דערויף גאָרנישט זאָגן...

זי האָט אַן אומעטיק, פאַרטראַכט קול. שטענדיק, אַז זי רעדט, ווייסט מען נישט, וואָס איז מער אומעטיק: אירע שוואַרצע אויגן, דאָס לענגלעכע פּנים, צי דאָס קול. און מיט אָט דעם קול קלאָגט זי זיך אויפן מאַן אירן כּמעט ביי יעדן מיטאָג:

„קאָליאַ, טי ניטשעוואָ ניע יעשׁ!"

יידן האָבן עס איינמאָל אונטערגעהערט, בשעת זיי זענען אַרויסגערופן געוואָרן פאַר עדות פון אַ גויִשן געשלעג, און האָבן ביים מיראָוואָי אין קאָרידאָר מיטאָג־צייט איבערגעוואַרט. מיט עפּעס מאַמעדיקס און געטריי־שיצנדיקס האָט געווירקט דאָס קול. די יידן האָבן זיך דערפילט אַזוי מאָדנע, גלייך זיי וואָלטן אָקאָרשט פונסניי באַמערקן, אַז זיי זיצן שוין אַ לאַנגע צייט אָן היטלען, זיי האָבן זיך שמייכלדיק אַדורכגעוווּנקען:

„אַפּנים, זי האָט אים טאַקע פּשוט ליב, דעם גוי, אַ?"

ון פון די אינוויניקסטע חדרים איז נאָך צו זיי אַלעמאָל אַרויסגעלאָפן עפּעס אַ קליין מאָדנע ציכטיק נפשל, אַ זכרל פון אַ יאָר פיר, מיט אויגן נאָך גרעסערע און שוואַרצערע, ווי ביי דער מוטער, מיט אַ קליין קייענדיק פּיסקעלע און מיט אַ חן-גריבעלע אין לינקן בעקל. אַלע ווילע איז עס געבליבן שטיין אין טיר און געקוקט אויף די יידן אַזוי נייגעריק, פאַרחידושט, גלייך זיי, גאַנץ קהל, אַלע יידן פון נאָענט און פון ווייט, קערן דעם אָן מחותּנים פון כלהס צד. איינער פון די שמייכלדיקע יידן האָט עס שוין אַפילו גענומען נאַרן צו זיך מיט אַ פינגער, געוווּנקען צו דעם מיטן פאַרקנייטשטן שטערן, מיט דער נאָז און מיטן גאַנצן שמייכלדיקן פּנים, און דערביי אונטערגעשעפּטשעט צו זיך אַליין אויף יידיש:

„קום אַהער, ממזרל... אַהער, אַהער"...

נאָר דאָס קליינע נפשל האָט זיך דערשראָקן דווקא פאַר אָט דעם ווינקען. פון די אינווייניקסטע חדרים האָט עס דערהערט דער מוטערס קול, און אַוועק איז עס אַהין מיט אַ קלאַפּנדיק הערצל, טופּענדיק מוראָדיק שטאַרק מיט די פיסלעך און יאָגנדיק געשווינט, ווי פון שרעק.

# אָן אַ נאָמען

מײַן חבר, אַ שרײַבער, דערצײלט מיר:

מיר איז אָפּט אומעטיק; מיך ציט פֿון אײן אָרט אויפֿן צװײטן, איך פֿאָר אַרום. איך האָב אַסך פֿרײַנט, נאָר איך װײס נישט, װוּ זײ געפֿינען זיך. װעגן דעם לעבן פֿון אײניקע פֿון זײ װײס איך נישט מער װי אײנעם אָדער צװײ פֿאַקטן. איך האָב אַ כּלה, נאָר איך װײס נישט, װי אַזױ מען רופֿט זי. דאָס איז נישט קײן פּיזמון, דאָס איז אַ פֿאַקט. אָט שטעלט אײַך פֿאָר:

איר לעבט איבער אַ שלעכט שטיקל צײַט. איר געפֿינט זיך אין אַ פֿרעמדער גרױסער שטאָט, װוּהין איר זענט געקומען אױפֿזוכן אײַערן אַ נאָענטן חבר. איר זענט ספּעציעל צוליב דעם געפֿאָרן א קאַרגן מעת־לעת, נאָר אַז איר קומט צו צו אײַער חברס װױנונג טרעפֿט איר זי געשלאָסן. דער סטרוזש, צו װעמען איר קלינגט לאַנג, גײט סוף־כּל־סוף צו אײַך אַרױס מיט אַ פֿולן, קײַענדיקן מױל און ענטפֿערט אײַך אױף גיך צװישן אײן קײ און צװײטן:

„די באַלעבאַטים — אױף אַ זומער־װױנונג".

„און דער קװאַרטיראַנט?"

„אַרױסגעפֿאָרן".

„װוּהין?"

„װער װײסט אים?"

און אױסדרײענדיק זיך צו אײַך מיט די פּלײצעס שלינגט ער אַראָפּ, שרײַט אָן אױף אַ פֿרעמדן אומרײנעם הונט, װאָס האָט זיך זאַנאַדעט אין הױף, שנײַצט זיך גוט אױס, װישט אָפּ די הענט אָן די פּלודערן און בלײַבט נישט, פֿאַרשװינדט אינם שװאַרצן לאָך פֿונם פֿרעמדן אַרײַנפֿאָר. און דאָס אַלץ קומט פֿאָר אין שפּעטן זומער, פֿאַרנאַכט, בײַם ערשטן יונגן פֿײַער פֿון דער נאָר־װאָס אָנגעצונדענער גאַסן־עלעקטריע. איר שטײט אַזױ אַ װײַלע מיטן פּנים צו דער קלײטן־גאַס,

איר שטייט גלאַט־אַזוי, וווהין וועט איר איילן? אַז סיי־ווי־סיי האָט איר מער קיינעם נישט אין אָט דער גרויסער ווימלדיקער שטאָט. דערצו איז נאָך דער פּאַרנאַכט אַליין עפּעס אַ קילער, כמעט אַן אַלולדיקער, ס׳גייען אַסך פרעמדע, ס׳ציט צו יעדן געמיטלעכן פייערל. יעדער באַלויכטן פענצטער קוקט צו אייך מיט אַזאַ פרעמדער רויקייט, גלייך ס׳וואָלט אייך וועלן זאָגן:

„נאַר איינער, כ׳האָב דען חלילה ביי דיר עפּעס אָפּגענומען? כ׳האָב מיר מיין אייגנס״.

איר גייט אין אַ צווייטער גאַס, אין אַ דריטער, אַ מער טונקעלער און שטילער, און אומעטום די זעלביקע פרעמדע.

אויפן ראָג טוט זיך פאַר אייך אַ טראָג דורך אַ צווייענדיקער צונויפגעטשעפּעטער טראַמוויי־וואַגאָן; ער פאַרקערעוועט געשווינט מיט אַ גיכן צעשראָקענעם גלאָקן־קלאַנג, מיט אַ רילצנדיקן קוויטש פון די הינטערשטע, מיט געוואַלט נאָכגעשלעפּטע רעדער. איר זעט, אַז דער הינטערשטער אָפענער דאַטשע־וואַגאָן איז העל באַלויכטן. ער איז געפּאַקט מיט זומערדיקע אויסגעפּוצטע פרעמדע. אַסך פרויען זיצן דאָרטן אין ווייסן מיט פאַרשידנפאַרביקע הוטן. עמעצער פון זיי האָט, דאַכט זיך, געהאַלטן אַ פּאַק בלומען אין די הענט. אַ פרעמד הונדערט־מענטשנדיק לעבן, אַ העל־באַלויכטנס, האָט זיך נאָר־וואָס געשווינט דורכגעטריבן גאָר נאָענט לעבן אייך, געטאָן אַ רייץ, אַ צי, אויפגערעגט און אַנטלאָפן. און ווידער גייט איר אַליין צווישן דעם אַרומיקן דרויסנדיקן גערויש און פרעמדער אינווייניקסטער רויקייט.

באַלויכטענע פענצטער פון פיל־גאָרנדיקע הייזער קוקן ווידער אויף אייך, ווי אויגן פון דער שטילער נאַכט, וואָס טוליעט זיך צו זיי, און רופן אייך און טרייבן אייך... אין אַזאַ מין מאָמענט זייט איר פעיק צוצוקלעפּן זיך צו יעדן מענטשן, וואָס שטויסט אייך נישט אָפּ. פאַרוואָס זאָלט איר, למשל, נישט צוגיין צו יענער דינסט, וואָס זיצט זיך אַליין און זינגט זיך אונטער אויפן בענקל, וואָס לעבן הויפטירל? פאַרוואָס, למשל, זאָלט איר מיט איר נישט חתונה האָבן און נישט אַוועק מיט איר קיין אַמעריקע?... אויב איר טוט עס נישט, איז דאָס נאָר דערפאַר, וואָס איר האָט נאָך צייט; איר ווילט נאָך אַ טראַכט טאָן. אין אַזאַ מאָמענט זענט איר פעיק אויפצוהייבן זיך אויף אַ וואַסערע ס׳איז

ציכטיקע מירמלשטיינערנע טרעפּ, אָנקלינגען אין אַ פּאָלירטער טיר, מיט אַ בלאַסקענדיקן מעשענעם בלעטל, און טראַכטן, אַז ס'איז שוין צייט. ס'איז שוין צייט, אַז דאָ זאָל וווינען אייער פרוי, און איר, דער מידער, זאָלט איצט צו איר אַריינקומען, זיך אַוועקזעצן ביים טיש, וואָס מיטן זודיקן סאַמאָוואַר, און איר זאָגן:

„גוטן אָוונט".

אויב איר טוט עס נישט, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס מענטשן זענען נאָך אַלץ נישט אינגאַנצן דערצויגן און שרעקן זיך נאָך „פאַרן צווייטן; אַנדערע זענען נאָך דערצו פעיק צו מאַכן סקאַנדאַלן...

און אַזאַ מאָמענט האָב איך ווירקלעך איבערגעלעבט אין יענער גרויסער שטאָט, וווהין איך בין געקומען אויפזוכן מיין חבר. אויפן אַנדערן טאָג בין איך גלייך אַנטלאָפן פון אָט דער שטאָט, וואָס האָט אין מיר אויפגערודערט אַזוי פיל געפילן. איך בין אַנטלאָפן פון איר, ווי פון אַ שונא... נאָר דאָ הויבט זיך אָקאָרשט אָן די מעשה, וואָס איך וויל אייך דערציילן.

---

אויף מאָרגן אינאָוונט בלאָנדזשע איך אַרום איינער אַליין אויף אַ קליינינקער פּוסטינקער באַן-סטאַנציע, וווהין איך בין געקומען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן. איך האָב זיך איינגעשפּאַרט: איך מוז דאָ אויפזוכן מיין חברס עלטערן. נאָר תּחילת אָוונט, אַז איך קום צו זייער הויז, טרעף איך עס געשלאָסן. איך גיי עס אַרום פון אַלע זייטן, איך קוק אַריין אין דעם דורך די פענצטער; איך זע, אַז ס'איז פּוסט, און געדענקען געדענק איך בשעת מעשה, אַז דאָס קוק איך:

„איך בין אַ נאַר, געוויס אַ נאַר, וואָס טו איך דאָ?"

נאָר אין צווייטן שכנישן הויז איז אַלץ העל באַלויכטן און שטאַרק, פריילעך. דאָרטן איז אַ חתונה. קלעזמער שפּילן, און געסט צונויפגעפּאָרענע טאַנצן, און לאָמפּן זעצן זיך, לייכטן און זעצן זיך, איך גיי אַהין צו. ס'טאַנצט דעם חתנס אַ רייכע מומע מיט איר טאָכטער, אַ יונג מיידל, און דעם מיידלס אַ חברטע, אַ קורסיסטקע, לאָזט זיך טאַנצן זיי אַקעגן שוין נאָר פון הויעלער התלהבות, פון גרויס דאַנקבאַרקייט צו אָט דער מומען, וואָס האָט זיך געלאָזט טאַנצן. אַלע שטופּן זיך און קוקן, און קיינעם אַרט נישט, וואָס אויך איך, דער פרעמדער, קוק אַהין אַריין.

קיינער האָט נישט גאָרנישט אַקעגן דעם, וואָס אויך איך וויל זען מיט מיינע אייגענע אויגן, ווי קונציק זי טאַנצט, אָט די בכבודיקע מומע. פון אָנהייב פאַרשטייט מען גאָרנישט:

„פונוואַנען איז אָט דער אַראָפּגעפאַלן?"

נאָר באַלד ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך דאָ ווייסט שוין עמעצער, ווער איך בין. דער כּלה אַליין האָט שוין אַזוי פיל וועגן מיר דערציילט איר שוועסטער־קינד, מיין חבר מישע, וועלכן איך זוך. איך מוז אַריינגיין, זאָגט זי; איך מוז זיצן אָט דאָ, אויבנאָן. לעבן איר און לעבן איר חתן, זי האָט דאָ לעבן זיך אַסך רויזן, איר האָט מען צוגעשיקט פון איינעם אַ פּריצישן הויף רויזן, וויל זי מיר שענקען אַ העלפט. שפּעטער אַביסל וועט זי מיר זייער פיל דערציילן וועגן זיך און וועגן איר שוועסטער־קינד, מיין חבר מישען. זי וועט מיר זאָגן, ווו ער געפינט זיך, נאָר לעת־עתּה מוז איך עפּעס געניסן. אָט דאָס איז איר חתן, שוין, אַזוי־צו־זאָגן, איר מאַן:

„וואָס? ער ווייסט גאָרנישט, ווער איך בין?" אַזוי פרעגט זי ביים חתן. און דער חתן ענטפערט, אַז יאָ:

„פאַרוואָס זאָל ער נישט וויסן?"

ער דריקט מיר פריינטלעך די האַנט און דערציילט מיר, אַז ער „אינטערעסירט" זיך:

„ביי זיי אין שטעטל, זאָגט ער, זענען אויך פאַראַן ציוניסטן".

איך זיץ אַליין מיט מיין פרעמדקייט אויבנאָן, לעבן כּיבוד, וואָס מ'האָט פאַר מיר אָוועקגעשטעלט, און רויכער אַסך פּאַפּיראָסן. איך קוק אויף יענעם יונגן ברוינע מיידל, וואָס איז, ווי אַלע, אָנגעטאָן אין ווייסן, נאָר זי טאַנצט נישט. פאַרוואָס גייט זי אַפילו איינמאָל נישט טאַנצן? זי זיצט, ווי איך, איינע אַליין, פאַררוקט אין אַ ווינקל, און וויל זיך נישט באַגעגענען מיט מיינע אויגן. איטלעכס מאָל, וואָס איך טו אויף איר אַ קוק, פאַרדרייט זי דאָס פּנים אָן אַ זייט, זי וויל בעסער קוקן אין אַ פוסטער זייט, איידער צו באַגעגענען זיך מיט מיינע אויגן. שמייכלדיק און פריילעך, מיט אַ האַלב־אָפּגעטרונקענער גלאָז וויין אין האַנט, גייט אַלעמאָל צו איר צו איר פאָטער. ער איז אויך אַ שיינער. ער פרעגט ביי איר עפּעס, נאָר זי בלייבט אומעטיק, ווי פריער. נאָר סוף־כּל־סוף זיץ איך שוין גאָר נאָענט לעבן איר, איך זיץ אויפן צווייטן בענקל. איך זאָג צו איר:

„כ׳האָב אייך, דאַכט זיך, געזען אויפֿן וואָקזאַל, תּחילת אָוונט, ווען איך בין אָנגעקומען מיטן צוג, האָב איך אייך דאָרטן געזען״.

איך גיב צו, כּדי זי זאָל זיך נישט שרעקן:

„אין אָט דעם ווייסן קלייד זענט איר דאָרטן געשטאַנען, אָן אַן אויבערשט פֿון אויבן״.

„אַך יאָ, זי איז דאָרטן געשטאַנען״... זי איז אַרויסגעגאַנגען באַגעגענען געסט-מחותּנים. נאָר מיטן פֿאַרנאַכטיקן צוג איז קיינער, אַחוץ מיר, נישט געקומען... זי האָט נישט געוווּסט, צי איך בין אויך אַ מחותּן צי ניין; זי איז געשטאַנען און געוואַרט.

און ווידער באַהאַלט זי אויס פֿון מיר אירע אויגן. אַביסל שפּעטער שטייט זי שוין דאָך מיט מיר אינדרויסן בײַ דער טיר. זי שטייט דאָרטן אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָן וואַנט און האַלט די הענט אַרונטער, און ווידער באַהאַלט זי פֿון מיר אויס אירע אויגן. איך שטיי און טראַכט:

„וועגן וואָס וואָלט איך איר, אַשטייגער, איצט געקאָנט אָנהייבן דערציילן?״

און פּלוצים טוט בײַ איר אַ ציטער דאָס קול. ס׳איז אַזאַ זאַפּטיקס, אָט דאָס קול אירס, אַזאַ ברוסטיקס און דאָך אַזאַ ציטריקס. זי וואָלט זיך וועלן, זאָגט זי, דורכגיין אַביסל. זי פֿאַרכאַפּט זיך באַלד:

„פֿאַרשטייט זיך, אויב איך האָב גאָרנישט אַקעגן. זי האָט נאָר מורא אַביסל פֿאַר אָט דעם ווייסן פֿלעק, וואָס אַקעגן. מעגלעך, אַז דאָס ליגט אַ בהמה און מעלה-גרהט. מיר וואָלטן זי געקאָנט אַרומגיין אָט דאָ, פֿון דער זייט״.

ס׳איז שטיל, און מיר גייען. זי בויגט נאָך עטוואָס נידעריקער דעם קאָפּ.

זי וואָלט מיר וועלן עפּעס דערציילן. ס׳איז איר אַזוי שווער צו טראָגן עס אין זיך, אָט דאָס, וואָס זי וואָלט מיר וועלן דערציילן. זי וווינט דאָ מיט איר פֿאָטער אויף איינעם אַ נאָענטן קליינעם וואָקזאַל, און בײַ איר איז אַן אומעטיק לעבן; בײַ אַלע די, וואָס וווינען דאָ אויף די אַרומיקע וואָקזאַלכלעך, איז אַן אומעטיק לעבן. זי האָט נישט קיין מוטער. זי האָט אַן עלטערע שוועסטער, אסתּר. האָט זי געלייענט אַסך ביכער אסתּר. דער פֿאָטער פֿלעגט זײַ איר תּמיד וואָך בײַ וואָך ברענגען

פונם נאָענטן גרויסן וואָקזאַל, ווו ס׳איז פאַראַן אַ ביבליאָטעק. איצט האָט זי חתונה געהאַט, אסתּר, פאַר אַ שניט-קרעמער פונם נאָענטן שטעטל האָט זי חתונה געהאַט. זי האָט אים נישט ליב געהאַט, דעם חתן ז״רן, נאָר אַנדערע האָבן געפונען, אַז ער איז שוין אויך נישט גאָר אָן מע׳ות:

ער האָט זי הויך געשעצט נאָך פון אַמאָל, אסתּרן, ער האָט אַליין מודה געווען, אַז זי שטייט פיל העכער פון אים און האָט געזאָגט, אַז צוליב איר איז ער גרייט זיך אָפּטיילן פון זיין מוטער און עפענען אַ באַזונדערע קלייט. זי אַליין האָט איר פאַר דער חתונה געזאָגט, אסתּרן:

„אסתּר, באַטראַכט זיך, אפשר דאַרף מען נישט״...

נאָר אסתּר האָט געזאָגט:

„ס׳איז שוין אַלצאיינס, האָט זי געזאָגט, כ׳האָב עס שוין ביי זיך געפּועלט. עלעהיי איך שנייד זיך אָפּ אַ האַנט״ האָט זי געזאָגט.

איצט איז זי געבליבן אַליין אין שטוב, אַליין מיטן פאָטער, און לייענט די זעלביקע ביכער, וואָס פריער פלעגט לייענען אסתּר. דער פאָטער ברענגט זיי איר פונם נאָענטן וואָקזאַל, ווו ס׳איז פאַראַן אַ ביבליאָטעק. זי לייענט זיי גאַנצע טעג, אָט די ביכער, און געפינט אין זיי די צייכנס מיט די צושריפטן, וואָס אסתּר האָט אין זיי געמאַכט. זי שלאָפט נישט נאָכדעם אָפט ביינאַכט און האָט שווערע געדאַנקען. און איצט וויל זי ביי מיר פרעגן: „אמת? איאָ, ס׳איז נישט כּדאַי צו לעבן?״

„נישט כּדאַי צו לעבן?... ניין, דערויף בין איך שוין בשום אופן נישט מסכּים״.

„אַז איך וועל זיין שוין גאָר אַ זקן, וועל איך ליגן אין בעט און וועל דרייען מיטן ציינלאָזן מויל: כ׳וויל נאָך אַ וועסנע... נאָך אַ וועסנע״.

און פּלוצים הייב איך אָן זייער פיל צו דערציילן וועגן זיך:

„איינמאָל האָב איך געגעבן פינף רובל איינעם אַ בעטלער, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין שטוב. ער האָט לחלוטין נישט געהאַט קיין פּיס, אָט דער בעטלער, זיי זענען אים געווען אָפּגעהאַקט אַסך העכער פון די קני. כ׳האָב געזען, ווי האַלטנדיק די פינף רובל אין מויל, איז ער געשווינט אַוועקגעקראָכן. כ׳האָב געמיינט, ער וועט זיך קויפן

אַ טרונע. נאָר ער האָט זיך אָפּגעגאָלט און געקויפט אַ נײַ בלוי העמדל, ער האָט געוואָלט גליק״.

נאָר ניין, נישט וועגן דעם האָב איך איר דערציילט:

„איינמאָל, קינדוויַיז, אין אַ ווינטער־אָוונט האָט מען מיך איינגעוויקלט אין אַסך שאַלן און געגומען ערגעץ טראָגן. אַז מ׳האָט מיך צוריק אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד און מיך אויסגעוויקלט פון די שאַלן, האָב איך דערזען, אַז איך שטיי אויף אַ חתונה, אין אַ גרויסן שטאַרק־באַלויכטענעם בית־המדרש. איך בין נאָך דעמאָלט קיין גאַנצע פיר יאָר נישט אַלט געווען און האָב נישט געדענקט, צי פאַרן היינט איז געווען אַ נעכטן. אַז מ׳האָט מיך אויסגעוויקלט פון די שאַלן, האָב איך זיך אָנגעבויגן און גענומען באַטראַכטן אויף זיך דאָס שוואַרץ סאַמעטענע קאָסטיומל מיט די ווייסע לייקענע שיכלעך. זיי זענען מיר געווען שטאַרק געפעלן, די ווייסע לייקענע שיכלעך, נאָר אַז איך האָב זיך אַרומגעקוקט, האָב איך לעבן זיך דערזען פון איין זייט די חתן־כּלה און פון דער אַנדערער זייט דעם ארון־קודש, און האָב זיך מיטאַמאָל אָנגעהויבן טרייסלען אויף די פיסלעך און טאַנצן. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָב איך דעמאָלט אָנגעהויבן טאַנצן״.

נאָר מעגלעך, אַז אויך נישט וועגן דעם האָב איך דאַן אָנגעהויבן דערציילן, נאָר וועגן עפּעס אַנדערש. מיר זענען אַוועקגעגאַנגען מיטן מעת־לעתנוויַיז פּוסטן רעלסן־שנור ביז אין שוואַרצלעכן אָנהויב פונעם געדיכטן וועלדל; כ׳האָב נאָך אַלץ גערעדט אָן אויפהער. און אַז מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק, האָבן מיר דערזען, אַז ס׳הויבט שוין אָן צו טאָגן, און אַז מיר האַלטן איינער דעם צווייטן בײַ די הענט און דריקן זיי פעסט, מיר פאַרגלויבן איינער דעם צווייטן די הענט. אין הויז האָבן נאָך אַלץ מיד געשפּילט די קלעזמער. פּלוצים האָט זי מיר דאָ לעבן הויז באַוויזן אירע אויגן און מיך אַ גאַנצע רגע געלאָזט אין זיי קוקן. כ׳האָב דערזען, אַז אויך אין זיי, אין אָט די אויגן, הויבט אָן צו טאָגן.

נאָר מיר זענען דאָך אַוועקגעגאַנגען נאָכאַמאָל צוריק צום רעלסן־שנור און צום אָרט, וווּ ער ווערט פאַרשוווּנדן אין שוואַרצלעכן אָנהויב פון געדיכטן וועלדל. מיר האָבן פונסניי געהאַט אַסך, אַסך וועגן וואָס צו רעדן.

אַז מיר האָבן זיך אומגעקערט דאָס צווייטע מאָל, איז שוין וועגן אַלץ, אַלץ געווען אָפּגעשמועסט: איך וועל אינגיכן אַראָפּקומען אַהין אויף דער קליינינקער באַן־סטאַנציע, ווו זי וווינט, און וועל זיך דאָרטן באַזעצן אינם גויִשן שטיבל, וואָס אַנטקעגן, ווייל מיר איז דאָך אַלצאיינס, ווו איך זאָל נישט וווינען. און די ערשטע צייט וועלן מיר קיינעם וועגן גאָרנישט דערציילן. פּלוצים האָט זי זיך צו מיר צוגעדריקט און גענומען אַריינקוקן מיר אין די אויגן:

„דערווייל, האָט זי געזאָגט, דערווייל וועסטו מיר שרייבן, אמת?"

איצט האָבן שוין אין הויז מער די קלעזמער נישט געשפּילט.

די מחותּנים האָבן פאַרן פונאַנדערפאָרן זיך געטרונקען טיי. מ'האָט גערעדט אַלע אינאיינעם, מ'האָט פריילעך געלאַכט און אינדרויסן איז אויפגעגאַנגען די זון. מעגלעך, אַז מ'האָט פריילעך געלאַכט דערפאַר, וואָס אינדרויסן איז אויפגעגאַנגען די זון. די כּלה האָט נאָך אַלץ געטראָגן די לאַנגע ווייסע הענטשקעס, וואָס אָן די פינגער, זי האָט שמייכלדיק עפּעס גערעדט צו מיר, נאָר איך בין געווען צעטראָגן און האָב איבערגעפרעגט:

וואָס?"...

אינאיינעם מיט פיל אַנדערע בין איך געשטאַנען אויף די טרעפּלעך, וואָס פאַרן הויז, נישט ווייט פון דער וואַרטנדיקער פּשוטער גויִשער פור און האָב געקוקט, ווי פריילעך מיין מיידל געזעגנט זיך מיט אַלעמען, און וויאַזוי זי פאַרבינדט זיך דעם קאָפּ מיט אַ שאַלעכל אויפן פּשוטן דאָרפישן שטייגער.

„שרייב ,אונז' פראָסטער, האָט זי מיר ביים געזעגענען זיך אַ שעפּטשע געטאָן, ,מיר' זענען פראָסטע".

און דער פאָטער אירער איז שוין געזעסן אויבנאָן אויף דער פור און האָט אויף איר געוואַרט.

איך בין געווען אויפגערעגט און האָב די גאַנצע צייט געדענקט, אַז איך דאַרף נאָך עפּעס טאָן, איך דאַרף זיך איילן, ווייל אָט באַלד פאָרט אָפּ די פור.

ווען די פור איז אָפּגעפאָרן, האָב איך זיך גלייך געלאָזט נאָך איר לויפן און האָב זי אָפּגעשטעלט. איך האָב געהאַלטן אין די הענט אַסך רויזן, די רויזן, וואָס די כּלה האָט מיר ביי מיין קומען געשענקט,

האָב איך זיי איר אַוועקגעגעבן און האָב געזען, ווי זיי ביידע שמייכלען, זי און דער פאָטער. נאָר אַז די פור איז אָפּגעפאָרן, האָב איך גלייך דערפילט, אַז ס׳איז נישט דאָס, וואָס איך האָב באַדאַרפט טאָן, כ׳האָב זיך געוואָלט דערמאָנען און האָב נישט געקאָנט. איך האָב זיך געזעגנט מיט דער כלה און בין אַוועקגעגאַנגען אויפן וואָקזאַל. דאָרטן איז אַ לאַנגער צוג געשטאַנען מיטן לאָקאָמאָטיוו צו יענער זייט, ווהין איך האָב באַדאַרפט פאָרן. ער האָט באַדאַרפט פאָרן. ער האָט גלייך גענומען אָפּגיין. איך בין געשטאַנען אין אַ כמעט פוסטן דריט-קלאַסיקן וואַגאָן, כ׳האָב געקוקט אין פענצטער און געהערט, ווי ס׳הייבן אָן אַלץ גיכער קלאַפּן די רעדער. און פּלוצים האָב איך זיך דערמאָנט, וואָס איך האָב באַדאַרפט טאָן; כ׳ווייס נישט איר נאָמען, כ׳האָב באַדאַרפט ביי איר פרעגן —

„ווי רופט מען דיך?“ האָב איך באַדאַרפט ביי איר פרעגן.

# צווײ װעגן

צוויי וועגן פירן פון דער שטאָט אַרויס, אַ ברייטער און אַ שמאָלער.

פירט דער ברייטער וועג גלייך מיט די גרינע פעלדער, וואָס צום האָריזאָנט. דערגרייכט ערגעץ לעבן אַ באַרג דעם גרויסן וועג, וואָס פירט פון איין קרייז־שטאָט צו דער צווייטער, און האַקט זיך מיט אים אָפּ אַזוי פלוצים, טרויעריק, גלייך ער וואָלט מיט עפּעס אומצופרידן זיין און וואָלט זיך אַליין באַקלאָגן:

„אָט זעט, ווי קליין איך בין, איך קאָן שוין מער אין ערגעץ נישט פירן".

טיילט זיך אָפּ פון אים דער שמאָלער וועג נאָך ביים היפּצערנעם טויער פון שטאָט און נעמט זיך באַלד לינקס, צו די פאַרוואַקסענע פויערשע שטיבלעך צו. צוזאַמען מיט אָט די שטיבלעך הייבט ער זיך אין דער הייך אויף, צוזאַמען מיט די שטיבלעך לאָזט ער זיך אין דער נידעריק אַראָפּ. גלייך ער וואָלט מורא האָבן, אַז אָפּטיילנדיק זיך פון זיי, וועט ער איינער אַליין צווישן בערג און טאָלן פאַרבלאָנדזשען און וועט נאָכדעם זיין אייגענעם אָנהייב נישט געפינען. ער דערגרייכט ענדלעך דאָס קליינע קאָזלאָווער טייכל, ביי וועלכן די פויערשע הייזער ענדיקן זיך, און מוז נעבעך איינער אַליין ווייטער אויפן בערגל קלעטערן.

פאָרט מען מיט אָט דעם שמאָלן וועג פינף וויאָרסט אָפּ, לאָזט מען זיך אין אַ שטילן גרינעם טאָל אַראָפּ; הייבט מען זיך מיטן וועג ווייטער אויפן בערגל אַרויף, קומט מען צו אַן איינזאַם וועלדל צו, צו יענעם זעלביקן עלנטן וועלדל, וואָס מען ווייסט נישט, צו וועמען ס'קער, און איבער וועלכן ס'קריגן זיך שוין יאָרן־לאַנג אַ פּריץ מיט זיינע פאַרעקשנטע שכנים־פויערים. פון דאָרטן זעט מען שוין אָן דאָס דאָרף, וואָס אין טאָל, די איינגעגראָבענע ציגל־פאַבריק, וואָס רויכערט טאָג און נאַכט, ווי אַ קאַלך־אויוון און, העכער אויפן באַרג, דעם גרויסן, תמיד רוישנדיקן

געפּלאַסטערטן טראַקט, וואָס פּירט ערגעץ ווייט צו דער היפּשער האַנדלסבאַרער שטאָט.

סוחרישע פורן לויפן דאָרטן אָפּ און אויף, באַגעגענען זיך, יאָגן זיך איבער און פאָרן זיך פונאַנדער אין פאַרשידענע זייטן, איילנדיקע און אומעטיק־ערנסטע, גלייך זיי וואָלטן אייניצייטיק קלערן וועגן זייערע הייזער, וואָס ערגעץ דאָרטן אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, און וועגן יענעם רוישנדיקן און סוחרישן וועלט־ווינקל, וווּהין ס׳שלעפּן זיי זייערע מוחות.

די רעדער קלאַפּן דאָרטן אָן אַן אויפהער אין די שטיינער, און אַ ווידער־קול ווערט פון אָט דעם קלאַפּן צווישן הימל און ערד געבוירן, אַ תמימותדיק און קינדיש כשרס, וואָס נעמט זיך באַלד איבער בריטע פעלדער טראָגן, כאַפּט זיך אויך אין עלנטן וועלדל אַריין און הייבט דאָרטן אויף אַ קוים־קוים באַמערקטן געדויש.

און טוט פון ערגעץ־ווו אַ ווינטל אַ בלאָז, קומט דאָס אויך אַהער אין וועלדל צו לויפן און טראָגט זיך דאָ מיט אַזאַ פאָרכט צווישן די בוימער דורך, גלייך ס׳וואָלט זיי אַ שטילן און אומעטיקן גערוס אָט פון יענע אַרומלויפנדיקע סוחרים ברענגען:

„יאָ, יאָ, זיי פאָרן נאָך די סוחרים... אָט דאָרטן אויפן טראַקט פאָרן זיי״.

דעמאָלסט טוט אַ ציטער דער גאַנצער וואַלד און פאַלט אַריין אין אַ מרה־שחורה. בוימער בויגן די קעפּ צו דער ערד און שאָקלען זיך צו איין ווייטן הימל־ווינקל. ווער ווייסט? אפשר טוען זיי דאָס פאַר די סוחרים תפילה, זיפצן און בעטן:

„צייט, צייט, דאָס די סוחרים זאָלן אַרומיאָגן אויפהערן״.

נאָר די פורן יאָגן דאָרטן נאָך אַלץ און וואַרפן אָפּ פון זיך ווייט דעם גערויש פון זייערע קלאַפּנדיקע רעדער. אַזעלכע פרעמדע און אומבאַקאַנטע קריכן זיי אַרויס פון איין זייט האָריזאָנט, טראָגן דאָ דורך זייער דרימלענדיק־רעשדיקן סוד און ווערן ענדלעך פאַרשווונדן אין דער צווייטער זייט האָריזאָנט; דעמאָלסט קריכן פונם ערשטן עק האָריזאָנט אַרויס נייע, אויך אַזעלכע אומבאַקאַנטע און פרעמדע, און האַלטן דעם גערויש אונטער. הימלען טרויעריקע קוקן אַראָפּ אויף די פורן און שווייגן, און די לופט, וואָס אַרום, איז שוין אַזוי געוווינט

צו אָט דעם אַלעם און צו יענעם פּוסטן מעשהלע, וואָס שוועבט ערגעץ דאָ טאָג און נאַכט אַרום:

„אַ מעשה מיט אַ באַיאָרטן גרייז-גרויען סוחר, וואָס האָט שוין האַנדלען קיין כּוח נישט געהאַט און דערפאַר אויף זיך דעם טויט געבעטן“...

---

שטיבלעך זענען ערגעץ-ווו בײַ דער זײַט פונם טראַקט פאַראַן, קלײנע אײנזאַמע שטיבלעך, וואָס ליגן אַזוי ווײַט אײנס פונם צווײטן: אײנס ווײסט שוין אַפילו נישט, ווו דאָס צווײטע געפינט זיך.

זומער, ווען אַלץ ווערט דאָ פאַרגרינט און פאַרוואַקסן, און נאָר דער אומרויִקער געפלאַסטערטער טראַקט ציט זיך מיט זײַנע בלײ-קאָלירענע שטײנער, ווי אַ שטרענגער וואָכעדיקער פּאַס, און הילכט מיט זײַן געוויינלעכן אײנטאָניקן גערויש, ווערט אַמאָל אין אײנעם פון אָט די אײנזאַמע שטיבלעך אַ גרויסשטעטיק פּאָרל אויף אַ מאָנאַט מגולגל און בלאָנדזשעט דאָ גאַנצע טעג אַרום איבער גרינע פעלדער, טאָלן און בערג: אַזאַ שטיל, רויִק און אָפּגעזונדערט לעבן פירן זײ דאָ; אָן דער ווײַטער און גרויסער שטאָט פאַרגעסן זײ, און השגות גרויסע באַקומען זײ ווער ווײסט? אפשר גלוסט זיך זײ שוין אויף אײביק דאָ פאַרבלײַבן און באַקומען דאָס מעגלעכקײט אַרומצושפּאַנען דאָ אײביק מיט פּאַמעלעכע, לעגענדאַריש גרויסע טריט, אַזוי, אַז מיט אַ פּאָר שפּאַנען זאָלן זײ דעם ווײַטן, ווײַטן האָריזאָנט-עק דערגרייכן.

קומען זײ אַמאָל פאַרנאַכט אויך צו אָט דעם טראַקט צו און בלײַבן דאָ נישט ווײַט, אָנגעשפּאַרט אָן די בוימער, שטײן. דער טראַקט רוישט; די סוחרישע פורן לויפן אָפּ און אויף, באַגעגענען זיך, פעלן זיך אויס און ווערן פאַרשווונדן צוזאַמען מיטן סוד פון זײער אײביקער אומרויִקײט, אײן זײַט האָריזאָנט גיט זײ אַרויס, די צווײטע שלינגט זײ אײַן. באַפאַלט דאָס פּאָרל אַ טרויעריקע שטימונג און אַ מרה-שחורה קוקט צו זײ אַרויס פון יעדער דורכלויפנדיקער פור און פון דער טונקעלער פאַרנאַכטיקער לופט. זײ שטײען דאָ לאַנג, לאַנג, קוקן און שווײַגן, און אַלײן ווײסן זײ שוין נישט, פאַרוואָס קוקן אַזוי פאַרקלערט זײערע אויגן און פאַרוואָס זײ קאָנען אײנער צום צווײטן קײן וואָרט נישט אויסרעדן.

---

# בײַנאַכט

אין אַ פאַרגרעבטע שטאָט (12׳

בייִנאַכט איינמאָל האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אין דעם ענג־געפּאַקטן, טונקעלן און שווער־שנאָרכנדיקן וואַגאָן, איך האָב אים גלייך דערזען זיצן אַקעגן מיר אויף דער באַנק און איך האָב אים גלייך דערקענט. דאָס איז געווען ער, דער אַלט־באַקאַנטער נאַכט־ייִד, וואָס שטענדיק, אַז ער פאָרט מיט דער באַן, קאָן ער נישט שלאָפן בייִנאַכט, און אַז ער קאָן נישט שלאָפן בייִנאַכט, נודעט ער, און אַז ער נודעט, זוכט ער עפּעס ביי יעדן אין די אויגן און מאָנט עפּעס יעדן ביי דער נשמה, מאָנט שטום, נאָר נאָגנדיק און אָן אַן אויפהער.

„יונגערמאַן, האָט ער אויף מיר באַלד אַ וואָרף געטאָן זיינע וואַסערדיקע, אייביק אומעטיקע אויגן, וווּהין פאָרט איר, יונגערמאַן?"

דערביי האָט זיין קול אָפּגעקלונגען אין מיינע אויערן אַזוי זויערלעך און אַלט־אַלט, עלטער פון דער צייט, וואָס איך געדענק. און ווייל ער האָט מער צו מיר נישט גערעדט, האָט זיך געדאַכט, אַז נישט ער האָט דאָס קול פון זיך אַרויסגעלאָזט, ס'טראָגט זיך פון ערגעץ ווייט און עס פאָדערט דין־וחשבון:

„יונגערמאַן, וווּהין פאָרט איר ערגעץ, יונגערמאַן?"

און אַז איך האָב דאָס צווייטע מאָל אַן עפן געטאָן די אויגן אינעם טונקעלן שווער־שנאָרכנדיקן וואַגאָן, איז דער צוג נאָך אַלץ געלאָפן איבער שוואַרצע זומפּן אין וויסטע וואַסערדיקע פעלדער, און די נאַכט האָט נאָך אַלץ געשמיסן מיט רעגן־טרערן אָן די פענצטער, און אינעם ווייטן וואַגאָן־ווינקל האָט נאָך אַלץ געצאַנקט דאָס ליכט, געהאַלטן אין איין צאַנקען און אויסגיין. קעגנאיבער דעם דינעם טיר־ווענטל, וואָס פירט אין דער צווייטער וואַגאָן־אָפּטיילונג, האָט זיך לאַנג און אָן אויפהער געריסן אַ געוויקלט וויג־קינד, און דאָ לעבן וואַכנדיקן נאַכט־ייִד, וואָס אַקעגן מיר אויף דער באַנק, איז שוין געזעסן אַ רויט־באַקיקער בחור אין אַ לייבל און אין שטיוול, און אויך אָט דעם בחור, האָט זיך מיר געדאַכט, קען איך שוין פון לאַנג. שטענדיק הייבט אים

אויף פון זיין איינגעזעסן אָרט עפּעס אַן אומגליק, וואָס האָט מיט אים געטראָפן, און שטענדיק הערן אים מענטשן אויס; זיי קוקן מיט רחמנות אין זיין פּנים און שווייגן. נאָר בעת זיי קוקן אַזוי מיט רחמנות אין זיין פּנים און שווייגן, באַמערקן זיי דערווייל, אַז ער איז בטבע אַ גוטער, און זאָגן צו אים:

„יונגערמאַן, זאָגן זיי צו אים, כאַפּ זיך, זיי מוחל, אַראָפּ און פּאַרע אונז אָפּ אַ טשייניקל טיי".

איצט האָט שוין דער בחור געהאַט אויסדערציילט דעם וואַכנדיקן נאַכט־ייִד וועגן אַלע אומגליקן, וואָס האָבן מיט אים געטראָפן.

„דערצו קאָן איך נאָך נישט שלאָפן, האָט ער זיך שטיל געקלאָגט, און וואָס טוט מען, וואָס טוט מען אין אַזאַ לאַנגער נאַכט?"

„וואָס טוט מען?"

דער פאַרגוידעטער נאַכט־ייִד האָט נישט פאַרשטאַנען:

„וואָס הייסט, וואָס טוט מען?"

ער האָט לאַנג געזוכט עפּעס ביים רויט־באַקיקן בחור אין די אויגן און אים לאַנג עפּעס געמאָנט ביי דער נשמה.

„וואָס זאָלסטו טאָן?" האָט ער שטיל איבערגעחזרט און זיין קול האָט דערביי ווידער אָפּגעקלונגען מאָנאָטאָניש, זויערלעך און אַלט־אַלט, עלטער פון דער צייט, וואָס איך געדענק.

„קוק אַריין אין אַ ספר, האָט ער געזאָגט, לערן"...

„קען איך אָבער נישט" האָט זיך דער בחור געקלאָגט.

„קענסט נישט?"

דער ייִד האָט זיך פאַרטראַכט:

„קענסט נישט, טאָ זאָג מיר נאָך וואָרט אין וואָרט. זאָג:

אין אָנפאַנג איז געווען די ערד לער און וויסט, און דער אָפּגרונט — חושך, און גאָטס גייסט האָט אַרומגעשוועבט איבער די וואַסערן".

„אין אָנפאַנג, האָט דער בחור נאָכגעזאָגט, איז געווען די ערד לער און וויסט, און דער אָפּגרונט — חושך, און גאָטס גייסט האָט אַרומגעשוועבט איבער די וואַסערן".

אַרום און אַרום איז דער שווער לויפנדיקער פאַרטונקלטער וואַגאָן נאָך אַלץ געווען פול מיט שנאָרך און בלאָזעריי פון די, וואָס ביי דעם

שיין פונם צאַנקנדיקן ליכט שלאָפן זיי אין דריי פאַכן, איינער העכער פונם צווייטן. פאַרשוויצטע פנימער האָבן זיך אַרויסגערויטלט ווי פון אַ געשווילעכץ, באַקן האָבן זיך געבלאָזן, נעזער האָבן געפייפט, און אַלץ אויף פאַרשידענע שטייגערס. געוועזן איז אַ פייף אַ געזעצטער, אַ לייטישער, אַ פייף, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק און האָט בדעה צו זאָגן:

„נו יאָ, איך שלאָף... אַוודאי שלאָף איך"..

געוועזן איז אַ פייף אַ יאושדיקער, וואָס לאָזט זיך אויף הפקר:

„איך שלאָף, וואָרום ס'איז אַ תוהו־ובוהו־וועלט... אַ תוהו־ובוהו־וועלט"...

געוועזן איז אויך אַ פייף אַ געציקלטער, וואָס פאַרדרייט זיך ווי אַ „תביר" און פרעגט אַ קשיה:

„וואָס זשע וועט שוין דאָ זיין?... אַז אַלע וועלן שלאָפן, וואָס זשע וועט שוין דאָ זיין?"

און אַ פייף אַ שטאַרקערער, וואָס וויל פון גאָרנישט נישט וויסן און וואָרנט:

„וועקט נישט, ס'וועט נישט העלפן".

און צווישן אָט דעם שנאָרכן און פייפעריי האָט דער רויט־באַקיקער בחור נאָכגעזאָגט דעם פאַרנודעטן נאַכט־ייִד וואָרט אין וואָרט, וויאַזוי גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד, זון און שטערן, טאָג און נאַכט, שרצים און חיות, עופות, גרעזער און מענטשן; וויאַזוי דער שלאַנג איז געוועזן קלוג, און די שלעכטיקייט פון מענטשן האָט זיך געמערט, און גאָט האָט זיך באַדענקט, וואָס ער האָט דעם מענטש באַשאַפן. גאָט האָט געזאָגט:

„איך וועל אָפּמעקן פון דער ערד אַלץ, אַלץ, פונם מענטשן, וואָס איך האָב באַשאַפן, ביז אַ שרץ, און אַ עוף, וואָס פליט אין דער הויך. וואָרים איך האָב זיך באַדענקט, וואָס איך האָב זיי באַשאַפן"

און פלוצים... פלוצים איז ביים פאַרנודעטן נאַכט־ייִד אויס־געוואָקסן עפּעס איינער אַ מענטש, וואָס הייסט נח.

„חזר איבער וואָרט ביי וואָרט" האָט ער געזאָגט צום רויט־באַקיקן בחור, זאָג:

„און נח האָט געפונען חן אין די אויגן פון גאָט".

„און נח, האָט דער בחור נאָכגעזאָגט, האָט געפונען חן אין די אויגן פון גאָט".

אַרום און אַרום איז נאָך אַלץ געשטאַנען די געשמאַקע און שווערע שנאָרכעריי. דער צוג איז נאָך אַלץ געלאָפן איבער שוואַרצע זומפּן און וויסטע וואַסערדיקע פעלדער, און די נאַכט האָט נאָך אַלץ געשמיסן מיט רעגן-טרערן אין די פענצטער. נישט געשלאָפן זענען נאָר איך, דער פאַרנודעטער נאַכט-ייִד און דער רויט-באַקיקער בחור, וואָס אינם לייבל און אין די שטיוול. דער ייִד מיטן בחור זענען געזעסן, ווי פאַרגליווערטע, און זיך געקוקט איינער דעם צווייטן אין די פּנימער, און איך בין געלעגן און געטראַכט:

„אַ גוט וואָרט: ,און נח האָט געפונען חן/, ס'האָט מציל געווען די וועלט"

# אינהאַלט

זייט

| | |
|---|---|
| אין אַ פאַרגרעפּטער שטאָט | 5 |
| יוסף שור | 61 |
| אין איינעם אַ זומער | 127 |
| די משומדרת | 153 |
| אָן אַ נאָמען | 159 |
| צוויי וועגן | 171 |
| ביינאַכט | 177 |